STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02771

60 TEG IN MEDINES-YISROEL

Chaim Warzager

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים ווארזאגער

★

זעכציק טעג אין מדינת ישראל

קאָמיטעט ארויסצוגעבן דאָס בוך
„60 טעג אין מדינת ישראל״

לעאָן האַלפּערן — פאָרזיצער
בערל פערבער, מרדכי אַסטמאַן — וויצע־פאָרזיצערס
אינזש. יואל גאַק — סעקרעטאַר
ישראל ליבעסקינד — פּראָ־סעקרעטאַר
אליהו מ. פלאַטאָ — קאַסיר
דוד גרייווער — פּראָ־קאַסיר

עקיבא סטריקאָווסקי
ישראל נעמיראָווסקי
לעאָן פעלדפאָגעל
ישיעה ליכטנשטיין
אברהם שוואַרץ
נעלסאָן פילאָסאָף
פעדראָ שפּרינבערג
דוד גאנז
דוד אָרזוך
שמאי גרינבערג
שמואל ווייַנשענקער
יצחק ווייַנשענקער
בערל רעזניקאָוויטש
שלמה זיטנער

מינקע מיאַדאָווניק
יעקב לאַמשטיין
יצחק ווייַנשענקער
אברהם מיגדאַל
ד״ר אַדאָלפאָ פאַביוס
ישראל פּאַוולאַצקי
נאָטאַר יצחק גאָלדמאַן
דב אַלעסקער
שמואל שוואַרצמאַן
יואל זשעלעניעץ
אינזש. איסאַק סאלאדוטשא

פאַראיין פון כעלם, רייוויץ
און אומגעגנט אין אַרגענטינע

חיים וואַרזאַגער

60 טעג אין מדינת ישראל

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל
1965

CH. WARZAGER

ZECHCIK TEG IN MEDINAT ISRAEL

I. L. Peretz Publishing House

31, Allenby st., Tel-Aviv

★

ח ײ ם װ אַ ר ז אַ ג ע ר

זעכציק טעג אין מדינת ישראל

פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

נדפס בישראל תשכ״ה

Printed in Israel 1965

הדפוס הכללי בע״מ, רחוב השוק 26, תל־אביב, טל. 821801

אינהאלט:

פאָרוואָרט פון י. הרכבי 7
איך פלי קיין ציון 11
אין די בניני האומה אין ירושלים 26
„דער טערמאָמעטער" פון קאָנגרעס — אין מיין נאָטיץ־ביכל . 33
מיטן כוח פון פאָלק 38
אויפן וועג קיין יגור און „לוחמי הגיטאות" 52
פון תל־אביב — ביז דפנה און משגב־עם... 71
אַ ייד פון גלות און אַ ישראל־מיניסטער... 119
דער איינזאַמער דעלעגאַט 123
אין משמר הנגב מיט יעקב זרבבל 127
אהרן ציזלינג — פּראָטאָטיפּ פון אַ חלוץ און אַרבעטער־פירער . 131
דער יידישער ספּוטניק 133
„כור אטומי" — דער ישראלדיקער רעאַקטאָר 140
„יאָ יעוורעי!" 145
דער חשבון שטימט: פאָטער און זון — 200 יאָר 152
מאה שערים אין מנחה־צייט 155
דער וועטעראַן בעט זיך פאַרענדיקן זיין לעצטע רעדע 159
מיט דריי מנינים יידן צום ים־סוף... 161

* * *

חיים וואַרזאַגער האָט פאַרצייכנט די איינדרוקן פון זיין ערשטן באַזוך אין ישראל, פון דעם ווייטן אורוגוויי, נישט נאָר מיט פיעטעט און ציטער, בדחילו ורחימו, נאָר אויך מיט שווערער „האַרעוואַניע״. נישט גרינג איז אים אָנגעקומען, דעם לערער און מחנך, די נסיעה גופא. און אויך אין די אַר־טיקלען, וואָס דערשיינען איצט אין בוך־פאָרעם, ליגט אַ סך אָנשטרענג און אַרבעט. עס איז ממש אַ האַרעפּאַשנער בוך וועגן ישראל. נישט נאָר פון דעם אידעישן שטאַנדפּונקט פון דעם מחבר, וואָס איז קלאָר און בולט, נאָר אויך, אַלס צוגאָב, צוליב דעם צוגאַנג צו דער עצם קאָנסטרוקציע פון דעם ווערק, מיטן רצון אָוועקצושטעלן פאַרן לייענער אַ סיסטע־מאַטיש־געבויטן און האַרמאָנישן בנין אויף אַליין־אויפגע־שטעלטע יסודות.

לאַנגע יאָרן פון מיפּולער אַרבעט אויפן שטח פון יידישן חינוך אין גלות אורוגוויי, מיטן פּנים צו פולן יידישן המשך און מיט אינספּיראַציע און מאָס פון ישראל, מיטן קוק צו די גרויסע נויטן און סכנות פון אַסימילאַציע און מיט אָנשטרענ־גונגען, וואָס האָבן דערהויבן דעם יידישן פאָלקס־מענטש צו גרויסע דערגרייכונגען און נייע פאַרנעמען און מאַשטאַבן, — האָבן אויסגעאַרבעט ביי חיים וואַרזאַגער אַ דידאַקטישן צו־גאַנג צו געשעענישן, מענטשן און זאַכן, אַ נטיה צו סיסטע־מאַטיזירן ענינים און זיי אָוועקצושטעלן — אַזוי צו זאָגן — פונדאַמענטאַל און פון אָנהייב. אפשר איז עס אויפן חשבון פון דעם פּובליציסט און פאַרצייכענער אין אים, אָבער אין

דעם פאַל פון דער סעריע אַרטיקלען וועגן דעם באַזוך אין ישראל איז עס אַ גרויסער פּלוס — ווייל עס גיט אייניקייט און שאַפט אַ האַרמאָניש ווערק.

אייגנטלעך איז עס די באַשרייבונג פון אייניקע נסיעות פּאַר אַ מאָל, די רייזע צו דער אייגענער קינדהייט, צום רבין, צום חדר און צו דער ישיבה; די רייזע צו דער משפחה — וואָס איז אויך חומשדיק האַרציק אָוועקגעשטעלט; די רייזע צו דער אייגענער פּאַרטיי, וואָס אָטעמט מיט טיפער חבר־שאַפט און פאַרבונדקייט פון די יוגנט־יאָרן; די רייזע צום ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מאָ־דערנעם עולה־רגל זיין, געמישט אַ ביסל מיטן נוסח פון קאָצק; און — אחרון, אחרון — די רייזע פון פּולן, אינטעגראַלן ייד — צו ישראל, צו גאַנץ ישראל אין איר גרויסער, היסטאָרישער און אוניווערסאַלער דימענסיע.

עס איז גוט, וואָס חיים וואַרזאַגער בלייבט אין די אַר־טיקלען דער אורוגווייער ייד. דאָס גיט צו קאָלאָריט, אייגנ־אַרטיקייט. עס איז אַפילו גוט, וואָס אין געוויסע אַרטיקלען פילט מען צו פיל דעם מאָמענטאַלן פּאָליטישן „זשאַרגאָן" און עס קומען אויף וויכוחים, וואָס זענען אָוועק מיטן טאָג. די לאַנדסלייט, די צוזאַמענטרעפן מיט פריינט, די באַזוכן אין קיבוצים, די דערמאָנונגען פון דער אַלטער חרוב־געוואָרענער היים, פאַרוואַנדלען ציוניזם און ישראל אין אַ משפחה־זאַך, פון אַ גרויסער־גרויסער משפחה, ווען מ׳איז אַפילו אַ שטרענגער פּאַרטיי־מענטש, און דערצו נאָך פון אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, ווי עס איז דער פאַל מיט אונדזער מחבר.

די ראָמאַנטיק שטאַמט אַרויס נישט נאָר פון דער פאַר־ליבטקייט, נישט נאָר פון דער אידעאַליזאַציע און פון דעם אַראָמאַט פון דער זיך־בויענדיקער ווירקלעכקייט, פון דער אַרבעט, פון דער יצירה. חיים וואַרזאַגער איז אַ פאַרשפּע־טיקטער חלוץ פון דער דריטער עליה, וואָס האָט במשך פון יאָרצענדליקער אויסגעזונגען און איינגעקנעלט מיט יונג און אַלט אין אַ ווייטן גלות די לידער פון די כבישים און פון

כיבוש עבודה, פון די חורשות און עמקים, פון „רעבים אַנו, צמאים אַנו, פון „מי יבנה", פון שטילע ראָמאַנסן און „רק עץ נטעתי" ביים ים כינרת און שטורעמס אין מדבר. וויל ער איצט אין זיין בוך געווינען די צייט, וואָס איז פאַרגאַנגען, די יאָרן, וואָס זענען פאַרביי, און זיי איבערלעבן ממש.

עס איז אַ האָרעפּאַשנע און אויפריכטיק בוך וועגן ישראל און אַ רייזע צו זיך אַליין. די האַרציקייט און אינטימקייט מיט ישראל איז אין פאַרקערטער פּראָפּאָרץ צו דער געאָגראַפישער ווייטקייט, אין וועלכער דער מחבר געפינט זיך דערווייל, און אַ שליסל צום חסידישן ברען, וואָס ער לייגט אַריין אין זיין טרייער חינוך־אַרבעט, וואָס איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו אָבסערווירן פון דער נאָענט אַלס פאַרטרעטער פון מדינת ישראל.

י. הרכבי

מאָנטעווידעאָ, אדר תשכ"ב

איך פּלי קיין ציון

איך פלי קיין ציון, צום לאַנד פון חומש, וואָס קאַרגע צוויי טויזנט יאָר בין איך דאָרט נישט געווען. דער ערשטער ייד, וואָס איז אַהין געקומען, איז געווען דער אַלטער אברהם אבינו. גאָט האָט אים געזאָגט: „לך לך מארצך ומולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך, ואעשך לגוי גדול"... און גרויס איז דאָס פאָלק געוואָרן און געליטן האָט עס מער ווי אַלע אומות אויפן כדור הארץ. זינט דעמאָלט האָב איך, חיים בן אברהם, די דאָזיקע ערד נישט באַטראָטן.

נאָך פון חדר געדענק איך דאָס לאַנד. ער פלעגט דאָס אָנצינדן מיין קינדישע פאַנטאַזיע מיט מעשיות: הייליקע מעשיות פון שרעק און האָפענונג.

איך האָב זיך סיי געשראָקן און סיי געפרייט, וואָס יעקב איז ניצול געוואָרן פון עשיוס הענט און פון יוספס פרייד, פון זיין לאָזן זיך דערקענען צו זיינע ברידער.

איך פלי קיין ציון, צום לאַנד פון אַרבעט, בוי און חלוציזם. באַהעפטן וויל איך זיך מיט דעם אַלעם און מיט די בערג, מיט די טאָלן, מיט די גראָזן און וואָסערן...

איך פלי קיין ציון: צום אַלט־נייעם ארץ־ישראל, צו מדינת ישראל — צום אָרט פון יידישער רעטונג און יידישע האָפענונג.

איך פלי צו מיינע זעקס ברידער, צו מיינע שוועסטער און זייערע קינ־דער און צו דער אַלטער מאַמען מיינער. אָ, מאַמע! וויפל קישנס האָסטו מיט דיינע טרערן אויסגעווייקט? וויפל שלאָפלאָזע נעכט האָסטו געהאַט אין די קנאַפּע דרייסיק יאָר פון נישט זען דיין בכור? און דער טאַטע ע"ה, איז ער נישט פון בענקשאַפט צו זיין חיימקען אויסגעגאַנגען? ער איז נפטר געוואָרן אין לאַנד פון די אבות.

אַ, ברידער מיינע: איינער — אַ דיכטער. דער צווייטער — גרייט זיך אַ דיכטער ווערן. דער דריטער האָט אָפּגעפּינצטערט גאַנצע צוועלף יאָר אין תפיסה, געוואָלט אַ בעסערע וועלט פאַר אַלע מענטשן און פאַר זיין פאָלק באַשאַפן. זיצט ער אַצינד אין אַ קיבוץ, דער שוין נישט יונגער ברודער — אַ יונגער פאָטער צו זיין ערשט געבוירן קינד.

די רעשט — אַלע דאָ אין לאַנד. אַלע באַטייליקט זיך אין דער באַפרייאונגס־מלחמה, זייער בלוט געגעבן פאַר מדינת ישראל. און די שוועסטער, אירע קינדער? — ווער אין קיבוץ, ווער אויף דער אוניווערזיטעט־באַנק.

איך פלי צום אַוואַנגאַרד פון יידישן אַרבעטער־פאָלק, צו אַלע וואָס בויען און שאַפן.

איך פלי צום 25־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס דאַרף ווערן אַ ווענדפונקט אין דער געשיכטע פון ציוניזם און יידישן פאָלק: צום וועלט־קאָנגרעס פון די פוילישע יידן און דאָרטן זיך מתיחד זיין מיט די רעשטלעך פון גלאָררייכן פוילישן יידנטום.

איך פלי צום וועלט־צוזאַמענפאָר פון מיין פאַרטיי, אחדות־העבודה, די פאַרטיי פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, וואָס איך דין איר מיט מיין גאַנצן וועזן, זינט איך בין צו מיין באַוווסטזיין געקומען, זינט מיין פריער יוגנט — היים, חדר, ישיבה, לערער־סעמינאַר אין ווילנע — ביז דאָ אַהער, אין גלות אורוגוויי.

איך פלי פון מאָנטעווידעאָ, און אויף מיין קורצן פעלן — וויל איך זיך געזעגענען: מיט דער שלום עליכם־שול, מיט די קינדערלעך, מיט די לערערס און מיטן גאַנצן פערסאָנאַל; מיט מיין משפחה — פרוי, טאָכטער, איידעם און דריי־חדשימדיק אייניקל. אַלעמען — אַ זיי געזונט.

יוסף מיט זיינע ברידער אין אַ נייער אויפלאַגע

נאָך אַ טאָג און אַ נאַכט וואַלגערן זיך אין פאַרכמאַרעטן פּאַריז — די „שטאָט פון ליכט", האָט אונדזער „דזשעט" דורכגעריסן די טונקעלע וואָלקנס און אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין — קיין ישראל.

נאָך אַ שעה און נאָך אַ שעה און דו וועסט זיך טרעפן מיט די ברידער און שוועסטער און מיט נאָך יידן— אויך ווי אייגענע ברידער און שוועסטער. דערווייל אָבער ביסטו אין דער הויך. קוקסט זיך אַרום און מערקסט אַזעלכע מאָדנע איבערנאַטירלעכע דערשיינונגען, נאַטור־ענדערונגען, קאָסמישע אומוואַנדלונגען, וואָס כאָטש מען פרוווט זיי הייבט ווי עס איז דערקלערן — בלייבסטו דאָך מבולבל, באַוווּנדערנדיק די מעכטיקייט פון דער וועלט־מיסטעריע.

ווען אָט די־אַ דערשיינונגען, טראַכסטו זיך, וואָלטן אָנגעהאַלטן מער פון סעקונדן — וואָלטן מענטשן מיט שוואַכע נערוון אַרויס פון גלייכגעוויכט. אָדער, פאַרמאַכן די אויגן און נישט אַרויסקוקן דורכן פענצטערל. ליגט אָבער שוין אין דער טבע פון מענטשן צו קוקן דווקא דאָרטן ווו די געפאַרן לויערן...

קוקסט און זעסט ווי ער שניידט די אַטמאָספער מיט אַ זייט און אַמאָל — מיטן רוקן: רעכטס און לינקס, אַרויף און אַראָפּ, קרומליניק און גראָד. און נישט איינמאָל שטעלט זיך די וועלט צוזאַמען מיטן מענטש, און מיר אַלע פליענדיקע בתוכם, קאַפּויער...

נישט איינמאָל וואַקסט די ערד אויס ווי אַ מעכטיקע, פאַלנדיקע וואַנט. אויך די ביימער, בערג און וואַסערן — פאַלן. און דאָ ווו מיר זענען געווינט צו זען באָדן — איז גאָר הימל. הימל און ערד און אַלץ אין אַ פליענדיקן, דרייענדיקן צושטאַנד. פאַלסטו, ערד? — ווּהין? בוקסטו זיך, ערד? — פאַר וועמען? אפשר פאַרן מאַיעסטעט, דעם מענטש, וואָס האָט דיך באַשאַפן? און אפשר טאַקע פאַלט זי, די ערד? וויל זיך אָפּטרייסלען, אַראָפּוואַרפן פון זיך די זינד, וואָס די מענטשן האָבן אויף איר אָנגעזינדיקט.

גאָטעניו, ווי וואָלט טאַקע געווען ווען אַזוי, נישט מיר נישט דיר, גיט זיך די גאַנצע ערד, די וואַסערן און הימל און שטערן אַ שטעל קאַפּויער? און אין סעקונדן קערן מיר זיך אום צוריק צו דער תקופה פון נח און דער תיבה? —

זיץ איך אַזוי ביים קיילעכדיקן אַעראָפּלאַן־פענצטערל און שלינג אין זיך די שרעק, די אומהיימלעכע בילדער און די אַזוי אַלטע געדאַנקען וועגן

מענטש: מענטש מיט זיינע מכלומרשטע אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן. — אַ, פּיצעלע שבפּיצעלע באַשעפעניש: און דו ווילסט טאַקע דעה זאָגן, הערשן, באַהערשן דעם קאָסמאָס?

אַ קעלט, אַ דרעשטש כאַפּט דיך אַרום, כאַטש אין „אל־על״ איז וואַרעם און געמיטלעך. אַקעגן דיר ברענט זיך יידיש־היימישלעך דאָס אַכט־רערנדיקע חנוכה־לעמפּל. חנוכה ביי יידן.

און איך פלי קיין ישראל צו די זעקס ברידער, שוועסטער און מאַמע — אַכט. אַקוראַט דאָס אַכטע ליכטל הייִנט געצונדן. סימבאָל? צי ווירקלעכקייט? ס'איז ביידע — סימבאָלישע ווירקלעכקייט.

ווי אַזוי זעען זיי אויס, די ברידער מיינע? קינדער אַלע איבערגעלאָזט. און די שוועסטער? אַ יונג, שיין מיידל געווען. און די מאַמע? וועל איך זיי דערקענען? וועלן זיי מיך דערקענען?

אַ, טאַטע: דיך וועל איך שוין נישט זען. בלויז דעם שטיין וואָס אויף דיין קבר וועל איך זען.

און ווי אַזוי וועט די באַגעגעניש אויסזען? וועלן מיר וויינען? וועלן מיר לאַכן? זיכער ביידע... וויינען און לאַכן: לאַכן און וויינען און שטום זיך אָנקוקן. דאָס האַרץ הייבט אָן קלאַפּן. וואָס נענטער צום אָרט — אַלץ שטאַרקער, האַסטיקער. שווער זיך צו באַהערשן. ווייסן דאָך אַלע, כמעט אַלע, וואָס פאָרן מיט דיר דאָ אין עראָפּלאַן, אַז איך פאָר באַגעגענען אַן אַלטע מאַמע, ברידער און אַ שוועסטער. מיין אומרואיקייט וואַקסט. איך דערמאָן זיך אין די ווערטער פון מיין פרוי, וואָס האָט מיר צום געזעגענען געזאָגט:

— סוף־כל־סוף איז דאָך די מאַמע, ביז 120 יאָר... זיי גרייט אויף אַלץ...

פּלוצעם גיט איינער פון דער מאַנשאַפט אַ זאָג צום עולם:

—קוקט בבקשה אַרויס דורך די פענצטערלעך און איר וועט זען אַלע וואונדער אויף דער וועלט — די אַלפּן.

אַלע פּאַסאַזשירן פאָלגן. מען קוקט אַרויס. פאַר די אויגן אַנטפּלעקט זיך אַ שפּיל פון ווייסע און בלויע שניי־פּאַסן, פּיאַלעטע באַרג־שפּיצן און

אַ הימל: אַזאַ פּרעכטיק בילד איז דער מענטש גאָרנישט בכוח אויסצו־פאַנטאַזירן.

איבער צען טויזנט מעטער הויך. אַ טייל פון די אַלפּן, זעסטו, שטייגן ממש ביז אונטער די הימלען. לעם אָט די מעכטיקע גרויסע בערג זעט מען אויך קלענערע. זייערע שפּיצן גרייכן קוים אַרויף צו די וואָלקנס. די שפּיצן און בערג־אַראָפּהאַנגען זענען באַדעקט מיט אייביקן שניי. שניי און מיליאָנען, מיליאַסן זילבער־שטויבן. זיי מיניען ווי צעגאָסענער קרישטאַל.

אונדזער „אל־על" גייט עס נישט אָן.. ווי ער וואָלט געפאָרן אויף אַן אַספאַלטירטן שאָסיי... און טאָמער חלילה, די שעה זאָל נישט זיין — אַ קליי־נער פאַרטשעפּע אין די קרישטאָלענע שפּיצן? — זיצסטו געפאַנגען פון נאַטורס שיינקייט און מענטשלעכער שוואַכקייט. — נאָר איידער וואָס, ווען, נאָר איידער דו זאָגסט אַרויס דעם „טאָמער" — הערסטו שוין הילכיקע אויס־געשרייען:

— ישראל! ישראל! מיר זענען אין ישראל.

אָט זינגט מען שוין די „התקוה". אָט שטייט מען שוין אויף דר׳ערד: אויף ישראל־ערד שטייט מען שוין.

צו מיינע אויערן דערטראָגן זיך קולות, אויסגעשרייען:

— חיים! חיים!

ווער רופט אַזוי? ווער שרייט דאָס חיים? —

די קולות ווערן שטאַרקער, דייטלעכער, נענטער. חיים, דוד חיים — הער איך שוין פון גאָר נאָענט. און פון וועמען? — קינדער. קינדערשע קולכלעך. — חיים, דוד חיים.

נישט אַנדערש, מיינע ברידער האָבן מיך באַמערקט ביים אויסשטייגן פון אַעראָפּלאַן. יאָ, די ברידער. די הערצער רופן זיך שוין איבער. יאָ, איך האָב זיי דערקענט, די ברידער. כאָטש מיט דרייסיק יאָר צוריק זיי קליינע, נאָך כמעט קינדער געלאָזט. היינט דערוואַקסענע — טאַטעס פון קינדער.

אַ שטראָם פון הייסן ברידערלעכן אָטעם און ווייטיקלעכער גליקזע־ליקייט באַהערשט מיך.

די ערשטע קלאַמערט זיך אין מיר איין מיין שוועסטער. זי קושט מיך. מיר וויינעןביידע.

— און די מאַמע, די מאַמע — רעדט פון מיר אַרויס.

— זי לעבט, זי לעבט — פּרעפּלען אירע ליפּן — אָבער...

— מאיר וואָלף, מאיר וואָלף, דו ביסט עס? — שריי איך אויס צום עלטסטן פון די ברידער.

מיר קאָנען זיך נישט אָפּרייסן. כאָטש שטיל איז אונדזער געוויין. אָבער אין דער טיף פון די הערצער איז עס הויך צעשטורעמט.

— שטאַרק זיך, שטאַרק זיך — רופט זיך צו מיר אָן מאיר וואָלף, זעענדיק מיין שטאַמלען און פאַלן. מיר זענען דאָך צוזאַמען — מאַכט ער. אַמאָל האָט אונדז אָפּגעטיילט: ציוניזם, רעוואָלוציע. אָבער היינט? — אָט שטייען מיר ביידע אויף דער ערד פון מדינת ישראל.

און אפרים? אינגאַנצן אַן אַנדערער. — פאַרוואָס וויינסטו נישט, אפרים — פרעג איך פאַרוווּנדערט.

— איך וויל טאַנצן, פרייען זיך. ביסט דאָך צו אונדז פון דער ווייטער אַמעריקע געקומען. ניין, נישט קיין אַמעריקאַנער ביסטו פאַר אונדז — איז ער ממשיך — אַן אייגענער ברודער. אייגן בלוט און פלייש.

שלמה — דער שרייבער, דער דיכטער — וויינט. און יידל, דער פערטער פון מיינע קליינע — גרויסע ברידער. ער שטייט פאַר מיר אַ גרויסער, דערוואַקסענער מענטש. דאָס איז דאָס פּעמפּיקל, ווי דער טאַטע ע״ה פלעגט אים גוטמוטיק רופן.

— דערקענסט מיך? — פרעגט ער און ער קאָן נישט מער רעדן. און זיינע אויגן ווערן פאַרבליפן פון טרערן. יאָ, ער קאָן נישט. עס וויינט אין אים די צעבראָכנקייט: קראַנק. חדשים אין שפּיטאָלן געלעגן.

און יאָסעלע? דאָס זעקס־יאָריקע שמאָלינקע שוועלבעלע? אָט שטייט ער פאַר מיר מיט זיין 16־יאָריקער, שיינער טאָכטער און אַכט יאָריקן מאירל. שטייט ער, יאָסעלע, און קוקט אויף מיר מיט דרך־ארץ. איז דאָס טאַקע זיין ברודער, וואָס איז מיט יאָרן צוריק אַוועק קיין אַרגענטינע? אורוגוויי? ווו איז דאָס ערגעץ אורוגוויי — האָט ער געהערט דער מאַמען דערציילן

ווערן איר חיימקען. ער איז אַוועק דאָרט אַהין, וווּ קיין שבת איז קיין שבת נישט און אויך די יידן זענען „עפּעס נישט מיט אַלעמען”. אַ סך מאַכן דאָרטן געלט. נאָר איר זון האָט זיך נישט אויסגעטויגט. אַ צו ערלעכער. יאָ, אַן ערלעך קינד — פלעגט די מאַמע אונטערקרעכצן.

— מאָרגן — מאַכט ער נאָך אַ לענגערן שווייגן — מאָרגן ווען מיר פאָרן צו דער מאַמען, קיין פּרדס חנה.

דער לעצטער האָט געוואָרט אויף מיר ס׳מוזיניקל — שניאור. סאָראַ ריז, סאָראַ מאַן דאָס איז אויסגעוואַקסן — דאָס קליינע שניאורל. פון די ברידער צו מיר האָב איך געוווּסט:

אַ סאָלדאַט געווען. אַ קאַפּיטאַן. אויף פראָנטן, געווען פאַרוווּנדעט.

— אָט האָסטו מיין פרוי — האָט ער מיר אַ ברודערלעכן ראַפּאָרט אָפּ־געגעבן. זי איז געשטאַנען לעם אים. אַ יונגע, שיינע פרוי. צוויי יינגעלעך האָט זי געהאַלטן ביי די הענט — אויך ליכטיקע, בחנטע. אָבער דער סאָלדאַט און קאַפּיטאַן פון דער פּוילישער אַרמיי וויינט פאַר מיר ווי אַ קליין קינד. אַזוי האָט ער געוויינט, ווען איך האָב אים אַלס אַ דריי יאָריק נפשל איבערגעלאָזט אויף דער מאַמעס הענט.

— אָ, ווי גליקלעך איך בין דיך דאָ צו זען — קושט מיך שניאור, דער יינגסטער פון די ברידער: אינגאַנצן דער טאַטע, אים אויף צו לענ־גערע יאָר.

און עס רינגלען מיך אַרום אַלע ברידער, שוועסטער און שוואָגערס, קינדער, און קינדער פון דער שוועסטער. נאָך קינדער רינגלען מיך אַרום — קינדער פון מיין עלטסטער שוועסטער, וואָס איז אין רוסלאַנדישן מיטלאַזיע פון אַ זונענשלאַק געשטאָרבן און אירע פיר קליינע נפשלעך פאַריתומט. דורך אַ נס האָבן זיי זיך דאָ קיין ארץ־ישראל אריבערבאַקומען אין סאַמע מיטן מלחמה־פייער. דורך אַ נס לעבן געבליבן, אויסגעוואַקסן, מענטשן גע־וואָרן און אַצינד געקומען זען דעם דוד חיים.

ערשט איך קוק זיך אַרום: ליידיק און שיטער פון מענטשן איז דער לודער וואָקזאַל. די ווייניק געבליבענע שטייען און קוקן. וואָסער קוקענישן?

דאָס קוקן זיי צו דער אַלטער און אייביק נייער יידישער געשיכטע פון אַ יוסף מיט זיינע ברידער: אַן אַלטע געשיכטע אין אַ נייער אויפלאַגע.

אַ יידישער שאָפער פירט אין אַ יידישן אויטאָ־טעקסי אַ האַלבע מאה יידן, איין גרויסע יידישע משפחה — אין יידיש־לאַנד — צו איינעם — צו איינעם פון די ברידער אין שטוב אַריין אויף אַ „לחיים" לכבוד חיימען, וואָס איז פון ארוגווי אַראָפּגעקומען קיין ישראל.

ביי מיין מוטער אין פּרדס חנה

באַלד צומאָרגנס האָב איך זיך געגרייט באַזוכן מיין מוטער. דאָס איז געווען נאָך אַ גאַנצער נאַכט וואַך זיין.

ביי איינעם פון די ברידער אין שטוב האָבן אַלע זיך פאַרזאַמלט. מען האָט דערציילט, אַנדערציילט — יעדער אויף זיין שטייגער — וועגן יציאת גיהנום. —

אַנגעהויבן פון פאָלקסטימלעכן כעלעם, מיין געבורט־שטאָט, און דער־גאַנגען ביזן טיפן אוראַל און מיטלאַזיאַטישע מדבריות. יעדער מיט זיינע שווערע וואַנדערונגען, איבערלעבונגען, הונגער, פּחד, כל מיני קראַנקהייטן, עפּידעמיעס: מלחמה און מלחמה־וואַנדערונגען. פעלקער האָבן געוואַנדערט און יידן, טויזנטער, הונדערטער טויזנטער יידישע משפחות און צווישן זיי — מיין משפחה. דערציילט האָבן זיי פון פריידן, דער עלטסטער שוועסטער, וואָס איז שיין געווען ווי „זיבן וועלטן". ווי אַזוי זי איז אויפן באַזאַר אַרויס־געגאַנגען ס'לעצטע העמד פון זיך אַראָפּפאַרקויפט, כדי אַ שטיקל ברויט די פאַרהונגערטע קינדער אַהיימברענגען. אַרויס אין אַ גיהנומדיק־הייסן טאָג און מער נישט צוריקגעקומען. פון אַ זונענשלאַק געפאַלן. אין מיטן באַזאַר. אין וויטן העק — קאַזאַכסטאַן — געפאַלן אויפן וועג אַהיים צו אירע קינדער. און דאָס מיזיניקל, פעשע־פייגעלע, פון הונגער געשוואָלן געוואָרן, די גאַלאָפּ־קראַנקהייט באַקומען און געשטאָרבן.

„דערלעבט" האָבן אַלטע טאַטע־מאַמע צו קבורה ברענגען די עלטסטע און די יינגסטע שוועסטער מיינע — אין איין זומער — אויף פרעמדער ערד.

לאַנג האָט מען גערעדט. לאַנג, אָבער נישט צו פיל. נאָר פּלוצעם האָט דער גוט־האַרציקער אפרים אַ זאָג געטאָן:

— געווג אויף היינט. שוין דריי פאַרטאָג.

אָבער ווער שלאָפט? וואָס שלאָפן? די בלוטיקע פאַמיליע־געשיכטע האָט ווי מיט צוואַנגען אַרומגענומען, געשטיקט אין האַלדז. כ׳האָב געפילט, אַז יעדן וואָרט וואָס איך וועל זאָגן — איז לעסטער. איך בין דאָך אויפן ליידנס־וועג פון דער משפחה נישט געווען. — זענען מיר אַזוי געזעסן. און מיט אונדז — די קינדער. אויך זיי האָבן, קענטיק, די נאַכט שלאָפן נישט געקאָנט. ווי ביי אַ סדר־נאַכט איז דאָס קליינוואַרג געזעסן. צווישן איין דרימל און אַנדערן — געשלונגען די ווערטער פון די גרויסע.

יידל דערציילט וועגן די לעצטע מינוטן ערב דעם טאַטנס פטירה. ער האָט זיך געהייסן, דער טאַטע ע״ה, דערלאַנגען „חיימס בילד״. מען איז אים זיין פאַרלאַנג אַנטקעגנגעקומען. ער האָט דאָס בילד גענומען קושן. קושנדיק עס, שטיל אין זיך אַריינגעווײנט און אַזוי צוגעמאַכט די אויגן אויף אַלע אייביקייטן. יתגדל ויתקדש — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן. אַלע קינדער וואָס זענען דערביי געווען האָבן זיך אויפגעשטעלט און מען האָט געזאָגט קדיש.

אַ שווער לעבן האָט דער טאַטע ע״ה געהאַט. אַ לעבן פון מי און פראַצע. איך געדענק נישט דער טאַטע זאָל ווען האָבן געהאַט אַ רו־טאָג אין דער וואָך, חוץ שבת. צו צוועלף יאָר איז ער געוואָרן אַ יתום. אָנגעהויבן אַרבעטן. און נאָכדעם, אַז ר׳האָט חתונה געהאַט — קיין עין־רע, אַ שטוב מיט קינ־דער: צען מיילער...

דריי מלחמות האָט דער טאַטע דורכגעמאַכט: די רוסיש־יאַפּאַנישע און דעם ערשטן און צווייטן וועלט־קריג. ער האָט דערלעבט קומען קיין ישראל, צום לאַנד פון זיין חלום. לאַנג איז אים אָבער די גדולה נישט באַשערט געווען. — מאָרגן גייען מיר צו דער מאַמען — האָט יידל פאַר־ענדיקט זיין דערציילן וועגן טאַטנס לעצטע טעג — און נאָך דעם — אויף קבר־אבות, צום טאַטן.

אומבאַמערקט איז די נאַכט דורך. די ערשטע נאַכט מיט די ברידער

אין ישראל. ערגעץ האָט אַ האָן אַ קריי געטאָן. פאַרטאָג. איך בין אַרויס אויפן באַלקאָן. עס גייט אויף אַ נייער טאָג. מיין ערשטער טאָג אין ישראל. פון דער הייך, פון באַלקאָן אַראָפּ, זע איך ווי עס הייבן זיך אָן באַווייזן קאָנטורן פון רמת־גנער געביידעס. דאָ און דאָרט הענגען נאָך שטיקער נאַכט. עס וויקלען זיך אין זיי אַריין רויך־וואָלקנס פון פאַבריק־קוימענס, וואָס זענען דאָ נישט ווייניק אין דער געגנט. ווי שיין דער זונאויפגאַנג איז דאָ איבער די טאָלן, בערג און הויכקייטן פון דער יונגער שטאָט רמת־גן.

די שיינקייט, וואָס האָט דאָס אויג אַזוי געקוויקט, האָט זיך אויסגעמישט מיטן טרויער פון די אָקערשט דערציילטע לעבנס־געשיכטעס פון מיינע ברידער. פרייד און טרויער. גליק און אומגליק — אָט דאָס טאָפּל־געפיל איז דאָך אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדן לעבנגעבליבענעם ייד און פאַר אונדזער אַלט־נייער, אָפּגעראַטעוועטער יונגער יידישער מדינה.

עס באַווייזן זיך די ערשטע אַרבעטער. פון אַלע ווינקעלעך קומען זיי אָן. ווי אַלע אַרבעטס־מענטשן אומעטום אַזוי דאָ, קומען זיי פון די אַרבעטער־קוואַרטאַלן און שכונות אַרויס. מיט פעקלעך, טאַרבעס, טעקעס אין די הענט איילט מען צו די אויטאָבוסן, צו טעקסיס און אויך צופוס. יידן איילן צו דער אַרבעט.

אַ קליין וועגעלע אין אַן אייזעלע געשפּאַנט פאָרט פאַרביי. גרויסע, בלעכענע מילך־באַניעס אויפן וועגעלע. אַביסעלע גרעסער ווי אַזאַ־אַ „באַניע״, נאָר טונקל געקליידעט מיט אַ „ליציפּעט״ איבערן קאָפּ און אַ טונ־קעלע באָרד — איז דער אָנטרייבער. אָך וואָסער אָנטרייבער? — דאָס איז דאָך דער מילכיקער.

— חלב, חלב — שרייט ער מיט אַ נאַכטיק־הייזעריק קול. וועקט יידישע מאַמעס קומען נעמען מילך פאַר זייערע קינדער. אָך, יידישע קינ־דערלעך... — טוביה, טוביה, ווי ער וואָלט איצט אַרויס פון שלום עליכמס דערציילונג....

אָט זעט זיך נאָך אַ וועגעלע — נאַפט. דער נאַפט־ייד, רופט מען אים, זאָגט מיר אונטער דער ברודער.

וואַרפסט אַ בליק אויף די דערבייאיקע גאַסן: „זאב זשאַבאָטינסקי", „חיים נחמן ביאַליק", „שלום עליכם". גאַסן אויף די נעמען פון יידישע און העברעאישע שרייבער, יידישע אַרבעטער אין העברעאיש־יידישן לאַנד. יידן פון אַלע לענדער און וועלט־ווינקלען, פון אַלע קאָלירן און אַלע עלטערס, עדות, שבטים. און איך זע דאָס טאַקע מיט מיינע אייגענע אויגן?

— און כ'קוק און זע די בערג פון רמת־גן. פון אַ סך איז שוין האַלב געוואָרן, בלויז שפּיצן און אַראָפּהאַנגען זענען געבליבן. מען צעשטערט זיי, מען „גלייכט" זיי אויס מיט דער ערד. וואָרעם קליין, שמאָל איז דער פּאַס ערד און גרויס, גרעסער ווערט דאָס פאָלק ישראל. ס'שטראָמען כסדר יידן פון דער גאַנצער וועלט. מען איז עולה. און אַז מען איז עולה — מוז מען „מורד" זיין קעגן די בערג, וואָס שטערן דאָס פונאַנדערוואַקסן זיך פון יידישע שטעט. וואָס איז דען דאָס אַראָפּנעמען אַ באַרג ביי יידן, וואָס האָבן געשפּאָלטן ימען?...

און בפרט אַז היינט זענען דאָ אַזעלכע בולדאָזערס, אַזעלכע נייע, נייעסטע, גראָב־מאַשינעס, וואָס בייסן זיך איין אינעם „פליייש" פון שטיין און מאַכן פון אים יידישן באָדן.

די אונטערשטע שטאָקן, די פּאַרטערס, זענען ס'רוב נישט פאַרבויט. ווי ווייניק ערד, ווי קליין דאָס לאַנד איז — איז אָבער גרויס די דאגה פאַר אַ סך אָרט, אַ פּלאַץ פאַר גערטנער, פּאַרקן, אַלייען:ביימער און בלומען. בלומען און בלומען־געשעפטן פאַרנעמען אַ גרויס אָרט אין ישראל. יאָ, יידן און בלומען. גרינס אונטער אַ סך פענצטער זעט מען. אַלעאַנדרעס און רויזקוסטן ביי די טירן־אייגגענג, אויף די באַלקאָנען און אין די פענצטער.

לאַנג בין איך אַזוי געשטאַנען און געקוקט, איינגעקוקט זיך אין דעם נ ס, וואָס גייט דאָ אויף אַזוי לעבעדיק, אַזוי וואָר פאַר מיינע אויגן.

— חיים, מיר פאָרן צו דער מאַמען — האָט דער ברודער איבערגעשלאָגן מיינע טראַכטעניש.

*

פאָרן קיין פרדס־חנה געדויערט איבער אַ שעה. עס איז געװנוג צייט זיך אַרומצוקוקן, זען די וועגן און ישובים פון אַרום. איז אָבער דער שאָסיי

אַ נייער, אַ גלאַטיקער, ווי אַ פּאָלירטער טיש. ס׳פּאָרט זיך גיך און איידער וואָס־ווען דערנענטערט מען זיך צום אָרט. חוצדעם — אַזויפיל ביימער ביי די זייטן כביש, אַלייען. דאָס פאַרכאַפּט אַזוי דאָס אויג, אַז דו פאַרגעסט אין אַלץ און אַלעמען. אַזויפיל נאָדל־ביימער, סאָסנעס, עקאַליפטוסן, שיטערע, יונגע וועלדלעך און געדיכטע קוסטעס. איז דאָס טאַקע ישראל ? — פרעגסטו זיך אַליין. און ס׳„ענטפערט״ דיר דערויף אַ בילד וואָס איך האָב עס נאָר אויף די געמעלן געזען אָדער אין די ביכער געלייענט — אַ פּאַסטעך מיט אַ טשערעדע. אין דעם בילד האָב איך אַן ענטפער געקראָגן אויף מיין פראַגע : — אוודאי ישראל. אויך דאָס פּאַסטעכל איז אַ יידיש יינגעלע.

— פאַר איך טאַקע זען מיין מאַמען ? צי וועט זי מיך דערקענען ?

מיר פאָרן אַריין אין אַ גרויסן הויף, וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון די אַמאָליקע פּריצישע פּאַלוואַרקן. שיינע ווייסע הייזער און הייזקעס פון ביידע זייטן. ביימער. גערטנער. בלומען. צוגעקומען צום הויז ווו מיין מאַמע דאַרף זיך געפינען, בלייב איך שטיין און מיין ברודער גייט אַריין אינעווייניק. איך דערנענטער זיך צו דער אָפענער טיר. פּרווו זיך איינהאָרכן, אויפכאַפּן איינציקע ווערטער פון דעם, וואָס, ווי אַזוי מיין ברודער זאָגט דער מאַמען וועגן מיין קומען.

— מאַמע — הער איך ווי מיין ברודער שעפּטשעט — דו ווייסט, אַז חיים דאַרף אין גיכן קומען פון אַמעריקע ? ווילסטו אים זען ?

די מאַמע ענטפערט נישט.

— ווילסט נישט זען חיימקען, מאַמע ? — פרעגט ער איבער שוין אַ ביסל העכער.

ווידער הערט מען נישט קיין ענטפער.

איך הער ווי ער חזרט איבער און פרעגט עטלעכע מאָל, און — גאָר־נישט. איך קאָן זיך נישט באַהערשן. זאָל זיין וואָס עס וויל —— טראַכט איך — און גיי אַריין. איך שטעל זיך לעבן בעט. און ווי׳ צו די אויגן, וואָס קוקן און זעען : מיין האַרץ הייבט זיך העכער, האַסטיקער שלאָגט עס אין מיר. אָט־אָט און איך פאַל אַנידער. פאַל צו די פיס פון מיין האַלב־געליימטער, קליינער, דאַרער, אויסגעטריקנטער מאַמען : אויך זי קוקט אויף מיר און

דערקענט מיך נישט. זי הייבט אונטער דעם קאָפּ, די מאַמע, בלאַנדזשעט מיט די מאַטע, אויסגעלאָשענע אויגן איבערן חלל און לאָזט אים צוריק אַראָפּ אויפן קישן.

איך בייג זיך אַראָפּ, נעם זי אַרום און שטאַרק זיך, שטאַרק זיך מיט אַלע כחות עטלעכע ווערטער אַרויסברענגען:

— מאַמע, מאַמע: איך בין געקומען צו דיר פון דער ווייטער אַמעריקע. געקומען דיך זען. דערקענסט מיך נישט, מאַמע?

צוויי אַלטע, מידע אויגן האָבן זיך אָנגעהאָנגען אויף מיר. אויגן — ימען פון צער און ליידן. ווער איז דען אימשטאַנד צו זען אַזויפיל צער אין די אויגן פון אַ מאַמען און נישט פאַרלירן די חושים, דאָס לשון? —

— מאַמע — זאָג איך שטיל און פיל, אַז כ'וועל מער נישט קענען.

אַ לייכטער אויסבויג פון דער מאַמעס קאָפּ אין מיין זייט אַריין און אַ שטיל געמורמל מיט די ליפּן:

— יאָ, איך זע דיך, דערקען דיך: וואָסער מאַמע דערקענט עס נישט איר קינד?

נאָך אַ קליינער פּויזע — ווידער:

— חיימקע, מיין זון, אַזוי לאַנג דיך נישט געזען...

איך האָב אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטיש געוויין. די מאַמע האָט נישט געוויינט. אַלע קוואַלן פון טרערן אויסגעטריקנט. איך האָב געפילט ווי אירע קנאָכיקע הענט האַלטן מיך צו: אַ שטייגער, זיי וואָלטן זאָגן דאָס, וואָס דאָס מויל וויל און קאָן נישט; — ניטע, חיימקע: גיי נישט אַוועק פון דאַנען. אַזוי לאַנג דיך נישט געזען...

— איכ'ל, איכ'ל נישט אַוועקגיין — — —

— קינד מיינס — האָט זי ווידער שוואַך אָנגעהויבן מורמלען און ווי זי וואָלט מיינע נישט פאַרענדיקטע ווערטער דערשפּירט, ווייטער גערעדט — קינד מיינס, פאַרוואָס דערקען איך דיך נישט, פאַרוואָס, חיימקע.

אויף איר איינגעשרומפּענעם, טיף־צעקנייטשטן פּנים האָט אַ גליק־זעליקייט זיך באַוויזן. אַ מין שיין האָט אַ שלאָג געטאָן: אַ נשמה־שיין אויפן

האַלב־געליימטן, אָפּגעשטאַרבענעם פּנים. איך טו איר אָן אַ זיידן טיכל אויפן קאָפּ און זאָג, אַז דאָס דערמאָנט מיך ווי זי פלעגט גיין ערב יום־כיפּור צו כל־נדרי מיטן גרויסן קרבן־מנחה סידור אונטערן אָרעם.

— פאַרוואָס וויינסטו, קינד? — הער איך איר שעפּטשעניש — אַז דו זעסט מיך דאַרפסטו וויינען?

— איך? מאַמע? נישט איך וויין. דאָס האַרץ אין מיר וויינט.

און איך האָב געזען: דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ קנאַפּע האַלבע שעה זיצן לעם איר בעט, האָב איך געזען, ווי אַ טרער קייקלט זיך איבער אירע אַלטע, צעקנייטשטע באַקן. קייקלט זיך און ווערט פאַרלוירן אין רעכטן מויל־ווינקל.

אַ שיינע, ליכטיקע, אוודאי, אַ געזאַלצענע טרער — די ערשטע און אפשר די לעצטע. —

*

וואָס ווייטער מיט מיר איז געשען, געדענק איך נישט. ווען איך בין צו זיך געקומען, האָב איך ווידער זיך געפונען אין ברודערס שטוב, אַרומגערינגלט פון דער גאַנצער משפחה. אין פּחד וואָס אין זייערע אויגן, האָב איך דערקענט, אַז עפּעס האָט מיט מיר געטראָפן. אוודאי געטראָפן. אַהיימגעקומען בין איך שוין נישט מיט קיין טעקסי, נאָר מיט אַן אַמבולאַנס.

ניין. איך האָב מיין אַלטע מוטער נישט דערקענט. ווען איך וואָלט זי צווישן די בעטלעך אין שפּיטאָל באַדאַרפט אויפזוכן, וואָלט איך זי נישט געפונען.

אַלט און קראַנק און צעבראָכן. אַוועק פון איר די ליכטיקייט, די שיינ־קייט און די שיינע, יידישע קלוגשאַפט פון אירע אויגן — אויסגעלאָשן. פריידעס, דער עלטסטער שוועסטערס טויט, דער טויט פון דער יינגסטער פייגעלע, דעם טאַטנס פּטירה — אַלע טויטן זענען אויף איר פּנים געלעגן. אויף די קוים־באַוועגלעכע ליפּן, האָט דאָס לשון, דער קלאַנג פון וואָרט זיך געלאָשן.

זעכציק טעג אין מדינת ישראל

אין אָוונט, בעתן נאַכטעסן, בעת מיר האָבן פאַרהויבן די כוסות אויף לחיים — האָב איך ווידער דערפילט אַ מישעניש אין קאָפּ: איך האָב דאָס גלעזעלע ווײַן פון האַנט אַרויסגעלאָזט...

צו מאָרגנס האָב איך זיך פון בעט נישט געקאָנט אויפהייבן. עס האָט מיר נאָך אַלץ געשווינדלט פאַר די אויגן. דער טערמאָמעטער האָט געוויזן הויכע היץ. —

אין די בניני האומה אין ירושלים

דער נאָמען פון דעם בנין זאָגט אַליין פאַר זיך, וועלכע צילן די פּלאַ־נירער האָבן זיך געשטעלט און וועמעס אינטערעסן אָט די וווּנדערלעכע געביידע וועט דינען.

עס איז אַן איינהייטלעך אַרכיטעקטאָניש ווערק, וואָס סימבאָליזירט די אַחדות פון פאָלק ישראל. אויך דער פּלאַץ אויף וועלכן דער בנין שטייט, איז נישט צופעליק, סתם אויסגעקליבן געוואָרן. דאָס איז איינער פון די פרייע פּלעצער, וואָס געפינען זיך נאָענט, ממש ביים טויער פון ירושלים: ביי די חרובע טויערן פון ירושלים — די הויפּטשטאָט פון מדינת ישראל.

דער פּאַקטישער פּלאַנירער און רעאַליזירער פון די בניני האומה איז געווען זאב רעכטער — געשטאָרבן אַ וואָך פאַרן עפענען דעם 25־טן ציוי־ניסטישן קאָנגרעס. דער מייסטער פון דעם פיינעם ווערק האָט נישט זוכה געווען מיט זיינע אויגן צו זען די פאַרווירקלעכונג פון זיין אַרכיטעקטאָניש ווערק. דער קאָנגרעס האָט אים טאַקע, באַלד ביי דער דערעפענונג, דער־מאָנט מיט דרך־ארץ און יראת הכבוד.

אין דעם ריזיקן פאָלקס־פּאַלאַץ האָבן זיך פאַרזאַמלט איבער 500 דע־לעגאַטן פון דער גאָרער וועלט. אויף דער דעקאָרירטער בינע זיצט דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, דער ישראל־פּרעמיער און דער נשיא — יצחק בן־צבי. מען שפּילט אויף די „התקוה". מיין האַרץ „קלאַפּט" צום ריטעם פון די קלאַנגען און צום געזאַנג פון אַלע, וואָס האָבן פון די ערטער זיך אויפגעהויבן און שטייען ווי צו אַ הייליקער תפילה.

דער ציוניסטישער קאָנגרעס, טראַכט איך, איז נאָך אַלץ „דאָס גע־היימע יידישע געווער". די ציוניסטישע באַוועגונג איז דער יידישער כח, וואָס קאָן איינזאַמלען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פאַר זיין גאולה־אידעאַל.

דער גייסט פון ד"ר הערצל האָט אַצינד געשוועבט איבער אונדזערע קעפּ און ווי לעבעדיק האָבן אין די אויערן געקלונגען זיינע נביאישע ווערטער: — אם תרצו אין זו אגדה.

צוויי עיקר־פראַגן, וואָס האָבן באַשעפטיקט דעם קאָנגרעס

דער קאָנגרעס האָט פאַר זיך געהאַט אַ שלל מיט שווערע און האַרבע פּראָבלעמען. אָבער ווי די סאַמע עיקר־פראַגן, זענען אַרויפגעשוווּמען צוויי — עליה און חינוך.

עליה איז נישט שטענדיק אָפּהענגיק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דאָס פּראָבלעם איז אונטערגעוואָרפן אַ סך אָביעקטיווע און, מערסטנס, סוביעקטיווע באַדינגונגען. אַנדערש איז מיט דערציאונג. אין דער פראַגע זענען מיר די באַלעבאַטים. אין אונדז, אין דער ציוניסטישער באַוועגונג — אין דעם ווילן פון דער אָרגאַניזירטער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט — ליגט די לייזונג פון פּראָבלעם.

עס דערציילן דעלעגאַטן, אַז קיין שום קאָנגרעס ביז דעם דאָזיקן, האָט זיך נישט פאַרנומען מיט אַזויפיל אייפער מיט דעם ענין דערציאונג ווי דער איצטיקער.

זלמן שזר, דער פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע און לייטער פון דער אָפּטיילונג פאַר קולטור און דערציאונג (היינט: פּרעזידענט) האָט די פראַגע חינוך פונאַנדערגעוויקלט אין פולן היקף און באַדייט פאַרן אויפהאַלטן די גייסטיקע ווערטן פון פאָלק.

דער בילדונגס־מיניסטער אבא אבן האָט אין זיין רעפעראַט גערעדט וועגן די אינטעלעקטועלע כוחות פון יידנטום אין גלות און זייער ביישטראַג פאַר דער מדינה. דאָס איז כמעט אַ ניי וואָרט. דאָס מיינט, אַז אויך די יידן אין די תפוצות האָבן וואָס ביישטייערן צו דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון מדינת ישראל.

יוסף באַנקאָווער, איינער פון די צענטראַלע פיגורן אין דער הסתדרות, האָט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פראַגע פון חינוך געבראַכט פאָלגנדע

מיינונג פאַרן רעדאַקטאָר פון די „קאָנגרעס־בלעטער", משה האָרוויץ — „דער געוויכט־פּונקט פון דער עליה — היינט צו טאָג ווען עס שטראָמען נישט קיין מאַסן און די הצטרכותן פון דער מדינה זענען דרינגענדיקע — דאַרף געלייגט ווערן אויף פאַרשטאַרקן און אויסברייטערן די חלוצישע באַוועגונג. אין אַנבליק פון דער אַסימילאַציע־געפאַר, וואָס האָט זיך די לעצטע יאָרן פאַרשפּרייט אין אַ באַזאָרגנדיקן מצב — דאַרף מען פאַר־שטאַרקן דעם יידישן חינוך אין גלות."

ער ברענגט אויך אַרויס אַ ריי געדאַנקען און, צווישן אַנדערן, דאָס דערמוטיקן יידיש אין די יידישע שולן און קולטור־אַנשטאַלטן אין יענע לענדער, ווו יידיש לשון איז נאָך אַלץ אַן אומגאַנגס־שפּראַך ביי די יידישע מאַסן.

*

אין דער יידישער וועלט איז די לעצטע יאָרן זייער אַ סך גערעדט געוואָרן וועגן דעם, אַז דער ציוניזם האָט פאַרלוירן זיין אינערלעך פייער, זיין גייסטיקייט און רוח־החיים. דערויף האָט חיים הזז געענטפערט מיט „גייסט פון גאולה־ווערק". ער האָט גערעדט מיט נבואישן און דיכטערישן ברען און דערהויבן די אַטמאָספער פון קאָנגרעס צו הויכער גייסטיקער נאַציאָנאַלער מדרגה. ער האָט דערביי אַ סוף געמאַכט צו דעם „סלע המ־חלוקת", וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דעם יידישן געדאַנקען־גאַנג וועגן דעם „דאָ" און „דאָרטן". חיים הזז, איינער פון די דערהויבנדיקסטע פּראָזע־קינסטלער אין דער העברעאישער ליטעראַטור, האָט אַרויסגעבראַכט אַזעל־כע קאָנצעפּציעס פון ציוניזם:

„די מדינה איז דער הויכפּונקט פון ציוניזם. דער גאָלדענער טרוים פון אַלע דורות. ס'איז אָבער גוט פאַר דעם טרוים, ווען די ווירקלעכקייט דערגאַנצט אים. און מיר דאַרפן ציוניזם, וואָס האָט אַ מדינה און נישט אַ מדינה, ווו ס'איז קיין ציוניזם נישטאָ".

„די פאַרלוימדונג פון ציוניזם איז אַ פאַטאַלער טעות. די פאַרמינערונג פון זיין געשטאַלט — איז אַ קאַטאַסטראָפע. מען טאָר נישט שאַפן קיין ריס

צווישן דער מדינה און כלל ישראל. דער ציוניזם איז נויטיק פאַרן גלות און קודם כל פאַר דער מדינה״.

„מיר בעסערן זיך אַדאַנק ישראל. אָבער מיר טאָרן זיך נישט גרויסן און נישט שעמען זיך מיטן גלות. וואָס איז דאָ צו שעמען זיך מיט די קרייצ־צוגן? מיט די אינקוויזיציעס, מיט רדיפות? מיט עלילת־דם, קידוש־השם און אסירי־ציון? צוויי טויזנט יאָר האָבן מיר געוואַנדערט איבער דער וועלט אין אַלע פעלקער האָבן אונדז באַרויבט, געמאָרדעט און פאַרגאָסן אונדזער בלוט. דער ציוניזם איז געקומען און אונדז אויסגעלייזט״.

„דער ציוניזם איז דער רעוואָלט קעגן דער געשיכטע פון אַלע פעלקער. דאָס איז אַן אוניווערסאַלע רעוואָלוציע. די צוקונפט ווילן מיר שאַפן בצלמנו ובדמותנו — אַ מוסטער פאַר אַלע פעלקער״.

עוד לא אבדה תקותנו.

„אַ קוואַל פון ליכט פאַר דעם ייד אין גלות״

צו די סאַמע שענסטע און איינדרוקספולע מאָמענטן פון קאָנגרעס דאַרף צוגעשריבן ווערן דאָס פייערן 50 יאָר דגניה: „דגניה — אם הקיבוצים״, ווי זי ווערט גערופן.

פּול גרינס, קראַנצן און בלומען אויף דער גרויסער בינע. אין מיטן פון אָט דעם וואַלד מיט גרינס איז געזעסן אַ גאַנצע משפחה: אַ דגניהר משפחה פון זיידן ביזן אייניקל. אַ קייט, אַן אומאיבערגעריסענע, פון יענע ערשטע זומפן־טריקענער — ביז די הייַנטיקע מוטיקע בויער און קעמפער. אַלע — פרייע בירגער פון אַ באַפרייט יידיש לאַנד.

משה שרת, דער פאָרזיצער פון דער קאָנגרעס־זיצונג, האָט גערעדט וועגן דגניה ווי דעם „ווינקלשטיין פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע״, וואָס איז אַ קוואַל פון ליכט פאַר די יידן אין גלות״ און ווי דער ערשטער פאַר־מעסט ווו ס׳איז אויפגעהויבן געוואָרן די פאָן פון פרייער אַרבעט.

אין דער באַפרייאונגס־מלחמה האָט דגניה הערואיש געקעמפט. געווען איז דאָס בעתן סירישן אָנגריף בעת אין איין טאָג זענען געפאַלן 60 יידישע

פּאַרטיידיקער. די דגניהער האָבן קיין שווער געווער נישט געהאַט. מיט מאָלאָטאָוו־פלעשער פון אייגענער פּראָדוקציע האָבן זיי זיך אויף סירישע טאַנקן געוואָרפן. דגניה איז מיט גרויס מסירת־נפש פּאַרטיידיקט און גע־ראַטעוועט געוואָרן. צוזאַמען מיט איר — דער גאַנצער שטח פון עמק הירדן.

איך האָב אָט די לעגענדע מיט אייגענע אויגן געזען בעתן באַזוך אין קיבוץ דגניה א׳. איך האָב געזען דעם טאַנק, וואָס איז אַן אונטערגעצונ־דענער שטיין געבליבןביים טויער פון קיבוץ. אונטערגעצונדן פון אַ יידישן בחור, אַ חלוץ פון פּוילן, וואָס איז העלדיש געפאַלן, אָבער דעם טאַנק אויפגעריסן.

ווי אַ מאָנומענט, אַ לעבעדיקער עדות פון יענער לעגענדע שטייט ער איצט אין טויער פון דגניה, דער סירישער טאַנק, וואָס איז מיט יידיש בלוט פאַרהאַלטן געוואָרן בעת ער האָט אַרום זיך געזייט טויט און אומקום.

בין איך געשטאַנען און געקוקט אויף דעם זשאַווערדיקן שטאָלענעם ריז און געטראַכט: ווען דער דאָזיקער טאַנק וואָלט געקאָנט רעדן? ער וואָלט דערציילט ווי אַזוי האָט אין יענעם מאָמענט אויסגעזען דער יונגער דגניהער בחור: אוודאי פון גאַז־אויוון, אָדער קאָנצענטראַציע־לאַגער גע־קומען. וואָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער? — שטייט ער אָבער שטום און אומבאַוועגלעך, דער זשאַווערנדיקער גולם. ער זשאַווערט, אָבער דער רום, פון יענעם פּוילישן יונגנמאַן — גלאַנצט און שיינט ווייט, ווייט איבער די גרענעצן פון זיין קיבוץ, פון זיין לאַנד. —

דערציילן הײנט מאַמעס זייערע קינדער און פאַרוויגן זיי מיט די מעשיות און לעגענדעס פון יענע העלדישע דגניהער. הײנט זינגט און טאַנצט אויס די יוגנט פון גאַנצן לאַנד דעם טרויער און די פרייד פון יענע טעג. און פון די פריערדיקע טעג און יאָרן? — דערציילט דער אַלטער דור מעשיות און לעגענדעס. 50 יאָר דגניה האָט וואָס צו דערציילן.

אַן „אינוואַזיע" פון דער ישראל־יוגנט אינעם קאָנגרעס־זאַל

הלמאי זאָל איך זאָגן: ס'איז שוין גאָרנישט מקנא צו זיין די ישראל־יוגנט. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק כאַפּט זי אַריין פּאַרציעס מוסר און דווקא פון אירע אייגענע לערערס, פירערס, דיכטערס און וואָרטזאָגערס. מען רעדט פון איר ווי וועגן אַ יוגנט פון „עספּרעסאָ": אַ יוגנט פון קאַפּעען און גאָרנישט טאָן. דערציילן די לערער וועגן די טערפּקע און שטעכיקע סאַבּרעס — חוצפּהדיקע און אַריינזאָגערישע. קומען אַנדערע און ווייזן אָן, אַז דער יונגער דור אין ישראל איז געוואָרן קאַריערעריסטיש און אויס־געליידיקט פון אידעע און טראַדיציע. ציוניזם און גורל פון יידישן פאָלק אינטערעסירט זיי ווייניק. מען לעבט מיטן טאָג, חיי שעה.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זענען געווען נישט אָפיציעלע רייד צווישן די דעלעגאַטן, בשעת די הפסקות.

און אָט ווערט ווידער דער זאַל אָנגעפילט פון ברעג צו ברעג. אבא אבן אויף דער בינע. הונדערטער יוגנטלעכע האָבן זיך פּלוצים אַריינגעכאַפּט אין זאַל, אַן אמתע אינוואַזיע. אויף די בענק און אין די דורכגענג, קאָרי־דאָרן, אויף די ברייטע, באַקוועמע גאַלעריעס. אַלע זענען זיי אָנגעטאָן אין זייערע אוניפאָרמען פון שולן, סעמינאַרן, און יוגנט אָרגאַניזאַציעס. עס איז ממש ליכטיק געוואָרן אין די אויגן פון דער "אינוואַזיע". ווער האָט עס אויסגעטראַכט דעם בילבול אויף דער היגער יוגנט — האָט זיך גע־וואָלט אויסשרייען. וויאַזוי זענען אים, דעם יונגן דור, פרעמד אונדזערע פּראָבלעמען, אַז ער איז אַפילו אומגעבעטן געקומען אויפן ציוניסטישן קאָנג־רעס: געקומען זיך צוהערן צו די רעדעס פון די עלטערע, די פאַרשטייער פון די יידן אין די תפוצות.

דערציילן אונדז נאָכדעם די יוגנט־געסט — אין סאַלאָן, אַז אין די העכערע שולן און סעמינאַרן האָט מען געווידמעט צייט פאַרן קאָנגרעס. האָט מען פאַר זיך און פאַר אַנדערע אויפגעקלערט פראַגן און פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר דער יידישער עפנטלעכקייט און פאַר דער אַלוועלט־לעכער ציוניסטישער באַוועגונג.

חיים וואַרזאַגער

האָט טאָקע דאָס קאָנגרעס־פּרעזידיום איינגעלאַדן איינע — עדית גלויבערמאַן. מען האָט דער תלמידה פון בית־ספר תיכון געגעבן אַ וואָרט. די פופצן־יאָריקע שילערין עדית גלויבערמאַן האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַקעגן אַ טויזנט־קעפּיקער אוידיטאָריע און מיט פייער און אינערלעכן שטאָלץ גערעדט וועגן דעם יידישן פאָלק אין דער וועלט און וועגן דער יידישער געשיכטע פון היינט. זי האָט גערעדט אויך פון „נעכטן" און אַלע פריערדיקע נעכטנס און צום סוף אויסגערופן: — דער איצטיקער קאָנגרעס טראָגט אין זיך עפּעס היסטאָרישעס.

נישט מער און נישט ווייניקער האָט דאָס פופצן־יאָריקע ישראל־מיידל געזאָגט פאַר אַזאַ עולם.

פון די שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן נאָך דעם ווי דאָס מיידל האָט דאָס געזאָגט, האָט אַזש דער זאַל געציטערט. גאָר אַן אַנדער יוגנט האָב איך געזען פאַר זיך. דאָס זענען דאָך די קינדער און יוגנטלעכע, וואָס זענען געווען ביי דער באַערונג פון הענריטא סאָלד — די גייסטיקע פירערין פון דער יוגנט־עליה. אויף יענעם אָוונט האָט די יוגנט, וואָס איז געקומען פון אַלע וועלט־צעשפּרייטקייטן — היינט בירגער און בויער פון ישראל — זיך מתיחד געווען מיטן נאָמען פון אַ יידישער פרוי, וואָס איז געקומען דאָ אַהער גראָד פון דער רייכער אַמעריקע, כדי צו זעטיקן איר גייסטיקע נייט.

„דער טערמאָמעטער״ פון קאָנגרעס —
אין מיין נאָטיץ־ביכל

דעם קאָנגרעס־טערמאָמעטער מיין איך דאָס מעסטן די גייסטיקע היץ, די שטייגערונג און נידערונג. ווען מען וואָלט די געזעלשאַפטלעכע אַטמאָס־פער, דעם גייסטיקן ניוואָ, די שפּאַנונג אויפן קאָנגרעס געקאָנט מעסטן לויט דעם אַראָפּ און אַרויפשפּרינגען פון קוועקזילבער אין טערמאָמעטער — וואָלט עס אַזוי אויסגעזען: די פייערלעכע דערעפענונג, די זיצונגען גע־ווידמעט 50 יאָר דגניה, דאָס מתיחד זיין זיך מיט די אָוועקגעגאַנגענע אין דער אייביקייט ציוניסטישע פירער, דער אויפטריט פון גרויסן העברעאישן דיכטער חיים הזז — דעמאָלט וואָלט „ס׳קוועקזילבער״ זיך אַ ריס־געטאָן גאָר הויך.

די ווייטערדיקע טעג — די אַלע רעדעס, דיסקוסיעס, זיצונגען און באַשלוסן — וואָלט דער „טערמאָמעטער״ געוויזן נידעריקע, אָפּט שטאַרק נידעריקע גראַדן. — וואָסער טאָג ווייטער, און ביזן טאָג פון נעילה — וואָלט די וואַרעמקייט געפאַלן, שטאַרק געפאַלן. —

די סיבה פון אַזאַ אָפּקילן זיך פון דער אַטמאָספער איז בעיקר געווען אין דינגען זיך מצד די פראַקציעס איבערן צוזאַמענשטעלן די ציוניסטישע עקזעקוטיווע. די גרויסע פראַקציעס האָבן געטענהט, אַז זיי קאָנען גאָר־נישט נאָכלאָזן. די מיטעלע פראַקציעס האָבן אָנגעוויזן, אַז זיי קעמפן פאַר אָנהאַלטן זייערע פּאָזיציעס, וואָס זענען סייווי נישט קיין גרויסע. די קליינע — קאָנען אוודאי נישט נאָכלאָזן. זיי „שטייען אַזוי אויך געגנוג נעבעכדיק״.

הכלל... עס גייט אַ סדרה — פּאָזיציעס. הימל און ערד און פּאָזיציעס. דאָס דינגען זיך האָט אַ תל געמאַכט פון קאָנגרעס, אַראָפּגענידערט זיין ניוואָ.

דעם לעצטן טאָג, בעסער געזאָגט: די לעצטע טעג — האָט שוין דער „טערמאָמעטער" געוויזן — נול... אַ פראָסט, אַ קעלט הערשט אין ריזיקן זאַל. נישטאָ זיך ממש ביי וואָס אָנצוואַרעמען אין די זאַלן פון די בניני האומה, סיידן — אין דרויסן, ווו די ערב־פרילינג־זון האָט שוין גענומען אויפטייען דעם ישראלדיקן ווינטער.

דער האַנדל וועגן פּאָזיציעס איז אָנגעגאַנגען גאַנצע צוויי טעג. קיין פּלענאַר־זיצונג איז דערווייל נישט פאָרגעקומען. וועט מען טאַקע נישט קומען צו אַ פאַרגלייך? — האָט מען זיך געפרעגט. וועט זיך דער קאָנגרעס שליסן אָן אַן עקזעקוטיווע? — וואָס וועט דערצו זאָגן די יידישע וועלט?

ווערן גערופן די דעלעגאַטן צו די זיצונגען. קומען און זעצן זיך אויס לויט די פראַקציעס. טוען אָן די הער־רערלעך און זענען פיקס און פאַרטיק — איז אָבער די בינע ליידיק. נישטאָ קיין פּרעזידיום. נישטאָ קיין פּרעזי־דענט. כאָטש גיי אַרויף און נעם איבער די מאַכט, די ציוניסטישע...

דאָרט, אין די „לאַבאָראַטאָריעס", ווו ס'קומען פאָר די זיצונגען, באַראַ־טונגען פון פאַרשיידענע פּאַרטייען — גייט אָן אַ הייסער וויכוח. אויך די ווינדעס — אַרויף און אַראָפּ פון די שטאָקן — רוען נישט. מען פירט מענטשן, פּאַרטייאישע „נאָטאַבלען", וואָס קענען „מאַכן אַ רושם": שטאָפּעטן פון איין פראַקציע צו דער צווייטער. פון די שטאָקן אין די צימערן. פון די צימערן — אין די קאָרידאָרן. מען רעדט. מען דיסקוטירט. מען איז צע־פלאַמט און אַזוי פאַרקאָכט אין די ענינים, אַז קוים באַמערקט אַ דעלעגאַט אַ באַקאַנט פּנים, וואָס ער האָט שוין אוודאי אַ יאָר צוואַנציק נישט געזען — האָט ער נישט קיין צייט מער ווי פרעגן:

— האַ, משה? חיים, וואָס מאַכסטו?

און ער לויפט, פּליט ווייטער. אַ שאָד אַ וואָרט צו פאַרלירן צו זיין אָפּגעפונענעם חבר, פריינט, מחמת אַקוראַט אין דער מינוט איז אים אַ גע־דאַנק איינגעפאַלן. יעדער איינער טראָגט מיט זיך אַ געדאַנק, אַ פאָרמולירונג, וואָס וועט זיכער, מיינט ער, געפעלן דעם קעגנער.

אין די דאָזיקע קריזיס־טעג גייט דער איינציקער געוווּנענער אַרויס — דער בופעט... אויפן קאָנגרעס־זאַל איז ליידיק און פינצטערלעך. ביים

בופעט, דאַקעגן, קאָן מען זיך אונטערלענען ס'האַרץ. וואָס זאָל מען טאָן...
מען מוז דאָך האָבן כח צו די דיסקוסיעס און פּאַרביסענע שלאַכטן.—

— ישראל האָט אַ האַרטע וואַלוטע — רופט זיך אָן צו מיר אַ דעלע־גאַט — פאַר איין ישראל־פונט צאָלסטו פינף אורוגווייער פּעזעס.

— מיר, אַרגענטינער, דאַרפן צאָלן נאָך מער: 40 פּעזעס — רופט זיך אָן אַ דעלעגאַט פון אַרגענטינע.

— עס הייבט מיך נישט אָן צו אַרן — ענטפערט אַ בוענאָס־איירעסער דעלעגאַט — אַפילו 100 פּעזעס אַ פונט. אדרבא: זאָל די ישראל־וואַלוטע זיין שטאַרק. אַ קליין לאַנד, זאָל כאָטש זיין שטאַרק די וואַלוטע.

— מפא״י וועט מוזן איינגיין. ווי לאַנג איז דער שיעור, צו זיין די גרעסטע פראַקציע? — רעדט מיט היץ אַ הויכער, ברייטבייניקער יונגער־מאַן. ער איז „נאָענט" צו די רעוויזיאָניסטן.

— און פאַרוואָס האָט זיך „מזרחי" פאַרעקשנט — פרעגט אַ קליין יידעלע מיט אַ דין קולכל. און ער גיט צו — און „אחדות העבודה"? און מפּא״ם? און בעגין? — בעגין וועט שווייגן?

מען רעכנט אויס אַלע פראַקציעס און מען פרוווט זאָגן נביאות. אַלע ווייסן, אַז ד״ר גאָלדמאַן פאַרלאַנגט אַן עקזעקוטיווע פון „וואַנט צו וואַנט". ס'הייסט: פון אַלע פראַקציעס.

— רבותי, ד״ר גאָלדמאַן ווייסט וואָס ער וויל — רעדט ברייטלעך, מעשה באַלעבאָס, אַ ייד אַ וויצלער מיט אַ בלאָנד ניקאָלאַיסקע בערדל.

— אונדזער גאָלדמאַן ווייסט וואָס ער וויל — מאַכט ער — וואָרום אַ קאָאַליציע פון וואַנט צו וואַנט מיינט, גיט ער צו מיט אַ גמרא־ניגון, אַז אויב איינער פון אַ פּאַרטיי וועט זיך אַמפּערן מיט אַ צווייטן פון אַ צווייטער פּאַרטיי איבער עפּעס אַן ענין און די מערהייט וועט מיט אים נישט מסכים זיין — וועט מען אים זאָגן; ביסט נאָענט פון דער וואַנט: נו, איז שלאָג זיך קאָפּ אָן וואַנט.

ווערט מען מיד פון קומען צו די זיצונגען דריי פיר מאָל אַ טאָג. דער זאָל ווערט ליידיקער. אויך דאָס זיצן ביים בופעט ווערט צוגעגעסן. הערט מען אַ קלונג פון אַ קונדס, לויפן אַלע דעלעגאַטן, ווי קליינע קינדער נאָך

אַ הפסקה אין קלאַס אַריין... מען זעצט זיך אויס. אָבער די בינע איז ווידער ליידיק. נישטאָ ווער עס זאָל פירן די גרויסע שיף, וואָס האָט זיך אַזוי פּרעכ־טיק געוויגט די ערשטע טעג, אויף די כוואַליעס פון יידישן געדאַנק. און איצט? איצט איז זי שטיין געבליבן אויף אַ זאַמד־באַנק: נישט אַהין און נישט אַהער. נישטאָ דער שיפס־קאַפּיטאַן, אַ שיף אָן אַ רודער. —

ווערט לאַנגווייליק פון פירן פּאָליטיק — נעמט מען זינגען. מען זינגט לידער און מען וואַרט אויף משיחן — אויף אַ ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

לויטן געזאַנג קאָן מען דערקענען די דעלעגאַטן צו וועלכער פּראַקציע, צו וועלכן קלאַס און לאַנד, זיי געהערן.

זינגען דעלעגאַטן מיט התלהבות, מיט ברען יידישע פּאָלקס־לידער, אַלטע און נייע העברעאישע לידער, דער עיקר אָבער — יידישע לידער, ווייסט מען, אַז דאָס זענען אַרגענטינער. אַך, ווי האַרציק די אַרגענטינער יידן זינגען. אַ מאָדנע פּאָלק זענען די אַרגענטינער יידן. אַפילו די עקסטרעמ־סטע זאָגן זיך נישט אָפּ מיטצוזינגען מיט די פּועלי־ציון פון רעכטס און לינקס.

רעכטס פון קאָנגרעס־זאַל הערן זיך חסידישע ניגונים, חזנישע שטיק־לעך פול מיט התלהבות און דביקות — ווייסט מען, אַז דאָס איז די פּראַקציע פון „מזרחי". ביידע פּראַקציעס „קעמפן" איצט אינעם גרויסן זאַל: נישט פּאַר געוויינלעכע בענקלעך קעמפט מען איצט, נייערט פּאַר נגינה, ווער העכער, שענער, איבערזינגען איינער דעם צווייטן. נישט ווייניק אייפער, ברען איז אין דעם „קאַמף" אריינגעלייגט.

צווישן ביידע זינגענדיקע מחנות — זיצן אונדזערע ברידער פון צפון־אַמעריקע, פון ענגלאַנד און אַנדערע „קאַלטע" לענדער. זיצן שטיל, סטאַ־טעטשנע, צוריקגעהאַלטענע. אָבער נאָר אויסערלעך דאַכט זיך, אַז זיי זענען קאַלט און פּאַסיוו צו די זינגענדיקע מחנות. ציט זיי אוודאי, צו אָט דעם האַרציקן וואַרעמען יידישן געזאַנג. ס'חיות גייט זיי אויס נאָך אַ ביסל יידיש־קייט. גרייט געווען מפקיר צו זיין זייערע געשעפטן צי ביזנעס און וואָלטן גערן געגאַנגען אַ טענצל.

דער זייגער טוט זיך, ווי געוויינלעך, זיינס. די ווייזערס ווייזן שוין עלף, צוועלף ביינאַכט. פון זעקס נאָכמיטאָג זיצט מען דאָ און — גאָרנישט.

זעט אויס, אַז דער קאָנגרעס האָט נישט קיין כח — צו שליסן זיך. אַ שאָד. אַזאַ שיינער אָנהייב און — קיין סוף זעט מען נישט.

ביז דריי פאַרטאָג האָט דאָס געזאַנג אָנגעהאַלטן. מיד, נישט דערעסן, נישט דערשלאָפן און דאָס געזאַנג — עס רייסט זיך ממש צום הימל. אַ, יידישער, וואונדערלעכער כוח. כוח, צי פראָטעסט? אַ מין אייגנאַרטיקער פראָטעסט קעגן זיך נישט קאָנען אייניקן ביים צוזאַמענשטעלן אַ ציוניס־טישע פירערשאַפט?

נאָך דריי אַזייגער האָט מען זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן. ווי נאָך אַ שווערן געראַנגל האָבן זיי אויסגעזען, די גדולים. מיט אויפגעצוווּנגענער פייערלעכקייט האָט מען זיך געזעצט אַרום פרעזידיום־טיש. יאָ, די עקזע־קוטיווע איז טאַקע נישטאָ. אָבער דעם קאָנגרעס מוז מען דאָך שליסן?

דערווייל איז אויך אין דרויסן געוואָרן קאַלט, רעגנדיק. עס האָט אָנגעהויבן גיסן ווי מיט צעבערס. קאָנטיק — אויך אַ פראָטעסט פון אויבן, פון הימל, פאַרן נישט צוזאַמענשטעלן אַ נייע לייטונג.

מיטן אויפגאַנג פון מאָרגן — באמת סימבאָליש — ווערט געשלאָסן דער פינפאונצוואָנציקסטער ציוניסטישער קאָנגרעס מיטן געזאַנג פון דער „התקוה״: עוד לא אבדה תקותנו: — די האָפענונג טאָר מען נישט פאַרלירן...

מיטן כוח פון פאָלק

אַ דיאַלאָג וועגן וואַרעמע און קאַלטע יידן

אין די טעג פון פינף און צוואַנציקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט דאָס ביוראָ פון קרן קימת געאַרבעט מעשים. דער גרויסער האַלב־קיילעכדיקער הויף איז איבערפולט מיט הונדערטער יידן — דעלעגאַטן און געסט פון ארבעה פינות העולם. אויפן הויף און אַרום אויף דער גאַס שטייען גרויסע עקסקורסיע־אויטאָבוסן — גרייט אַריינצונעמען אין זיך אַלע, וואָס געפינען זיך דאָ און פאָרן מיט זיי איבער שטעגן און וועגן פון יידישן לאַנד.

— זעט, אדרבא — האָט איינער פון די געסט זיך אָנגערופן — זעט וואָס דער קרן קימת האָט אַלץ אויפגעטאָן פאַר די דראָבנע גראָשנס, וואָס איר און אייערע קינדער וואַרפן אַריין אין די בלוי־ווייסע פושקעס.

אַנטקעגן די קרן־קימת געביידעס שטייט דער פינפגאָרנדיקער בנין פון דער סוכנות און יידן לויפן אַהין און אַהער: פון איין טיר אין דער צווייטער, פון איין פקיד צום צווייטן. מעג דער ענין ווי דרינגענד זיין — איילן זיך נישט די געדולדיקע פקידים סיי מיטן ענטפער, סיי מיט די באַוועגונגען... געדולדיק און העפלעך איז דער ענטפער:

— מאָרגן.

— סבלנות.

— זהו, ידידי.

גיט מען זיך דאָך אַ בייזער: ס'טייטש, ס'איז דאָך אַ דרינגענדער ענין. וואָס הייסט מאָרגן? וואָס הייסט „סבלנות"? געפינט זיך אָבער באַלד אַ מליץ יושר וואָס „באַרואיקט" דעם צערייצטן ייד: — ר' ייד, זייט נישט קיין גזלן,

זייט נישט. וואָס ווילט איר? ערשט קוים אַ בר־מצוה געוואָרן אונדזער קליין מדינהלע, וואָסי?

נעמט מען דאָס אויך פאַר ליב. אַ ברירה האָט מען?

עטלעכע טריט ווייטער געפינט זיך דער כנסת־בנין. אַ געוויינלעך הויז ווי אַלע דערבייאיקע הייזער וואָס אַרום. ווען נישט דער מיליצמאַן מיטן גראַנאַטענעם בערעטל, פאַרלייגט זייטיקלעך אויפן קאָפּ, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָ וווינט זיך עפּעס אַ פּריציש־יידישע משפּחה.

דאָס איז די געביידע וווּ ס׳ווערט אויסגעשמידט די יידישע געזעצגעבונג. פון דאַנען רעדן די נייע געזעצן מיטן אַלטן תנ״ך־לשון צו די יידן־בירגער פון גאַנצן לאַנד, און אפשר אויך ווייט אַריבער די גרענעצן פון ישראל...

דערווייל שטייט מען און מען שמועסט.

— דו הערסט, מנשה — זאָגט איינער אַ היגער צו זיינעם אַ לאַנדסמאַן, אַ גאַסט — די יידן אין צפון־אַמעריקע, הערסטו, זענען זייער ווילע יידן, גוטע בני־רחמנים יידן און דאָלאַרן זשאַלעוועז זיי, ברוך השם, אויך נישט. אָבער...

— וואָס אָבער? האַקט אים יענער איבער אין מיטן.

— כ׳מיין, עפּעס פרעמדלעך, ווייטלעך זעען זיי מיר אויס. עפּעס טיילט אונדז, דאַכט זיך, אָפּ איינע פון די אַנדערע. יאָ, און וואָס מער ער גייט — אַלץ קעלטער, דאַכט זיך, ווערט ער... דו פאַרשטייסט, טייערער מנשה, עפּעס איז עס נישט דאָס...

— און ווו האָט איר דען בעסערע יידן? — מישט זיך אַריין איינער מיט אַ ליסע־קאָפּ און אַ לולקע אין מויל, זעט אויס, ווי נאָר וואָס פון פאַרוואָלקנטן לאָנדאָן געקומען. ער רעדט אויף אַ וואַרשעווער דיאַ־לעקט, — וואָס מיינט איר? ס׳איז אַמאָל? ס׳איז דאָ פון וואָס זיך צו קלויבן?...

— נישט אין דעם גייט עס — ענטפערט אים גלייך יענער אָפּ — עס איז אָבער פאַראַן אַן אונטערשייד. נעמט, למשל, די יידן פון לאַטיין־אַמעריקע, אַר־גענטינע, אורוגוויי, בראַזיל, מעקסיקע — אַך, סאַראַ האַרציקע, היימישע יידן דאָס זענען.

— און געלטעניו גיבן זיי? — גיט דער ייד מיט דער ליסינע אַ צי די ליולקע און פאַרהאַלט דעם רויך אין מויל אַ ביסל לענגער.

— וואָס הייסט געלט? וואָס דען גיבן זיי, פּלעווס? — רוקט זיך נענ־טער צו די שמועסער אַ קליין יידל, זעט אויס פון אונדזערע מקומות. ער שטרעקט אויס זיין קורצע האַנט מיט אַ קבלה פון אַ ישראל־באַנק און קוקט בעת מעשה אַרויף צום הויכן יידן, ווי איינער רעדט: — נו, וואָס זאָגט איר אַצינד?

דער מיט דער ליולקע כאַפּט אַ זייטיקן בליק און רעדט מיט די אויגן מער ווי מיטן מויל. ער וויל זאָגן, הייסט עס: — אַזאַ קליין באַנעלע: גאַיט שוין. גיט מיר דאָלאַרס, גיט מיר, טאָלערס, לאָקשן גיט אַהער, איר פאַר־שטאַיט?

— ווער זענט איר, ר׳ ייד? פרעגט אים איינער פון דער זייט, וואָס הערט זיך די גאַנצע צייט צו צום שמועס — אַ דעלעגאַט זענט איר, צי אַ טוריסט?

— יאַך בין אַ טוריסט. יאַך קים פון לאָנדאָן. אינדזער הייליק לאַנד האָב יאַך ליב ווי מיין גאַנץ לעיבן. גיב יאַך טאַקע צו לאַיזן: טויש אויס מיינע גרינע לאָקשן, די פונטעלעך, פאַרשטייט איר מאַך.

— די יידן פון לאַטיין־אַמעריקע — ענטפערט יענער צוריק — גיבן געלט און נאָך עפּעס: נפש גיט מען און לייב און לעבן. מען שיקט די קינדער אַהער, קיין ישראל. עפּעס אַ קלייניקייט — אייגענע קינדער פון היימען, פון טאַטע־מאַמע, פון אַ גוט, זאָט לעבן — דאָ אַהער, נו?

— קומט אויס, אַז מיר, די אַמעריקאַנער און ענגליש־רעדנדיקע יידן זענען די פרעמדע, קאַלטע יידן — בייזערט זיך שוין גוטמוטיק דער ענג־לענדער און קערט איבער די ליולקע אויף דער האַנט־פלאַך, אויסשיטנדיק דאָס אַש.

אַ בליק אויף ירושלים דורכן אויטאָבוס־פענצטערל.

גייך פילן זיך אָן צוויי אויטאָבוסן, די מערהייט — עקסקורסאַנטן פון אונדזער קאָנטינענט. עס פאָרן מיט אונדז צוויי מדריכים: דער פאָלקס־

טימלעכער מיכאל גרייוועו און דער קוועקזילבערדיק־פלינקער אברהם פעסקין.

מיכאל גרייוועו פארבעט מיך זיצן פון פארנט, נאענט פון שאפער. אן אפענע וועלט האב איך פאר זיך: גאנץ ירושלים דורכן אויטאבוס־פענצטערל. הויכקייטן און בערג. שפיציקע און שארפע אראפהאנגען — שטייניק און ווילד־באוואקסן זייערע רוקנס. „קומט באוואלדיקט און באגרינט אונדז" — דאכט זיך, רופן זיי אויס צו מיר.

— זיי וועלן צוריק, ווי אמאל, באגרינט און באוויינט ווערן — רופט זיך אן צו מיר גרייוועו, ווי ער וואלט ארויסגעלייענט מיינע געדאנקען. „קרן קימת וועט טאן און דאס פאלק וועט העלפן" — מאכט ער.

— אמת, אמת — פאטאקעוועט דער שאפער פון איבער דער פלייצע.

— זע נאר זע, אפילו דער אנטרייבער איז אויך א ייד — גיט זיך א זאג, נישט מיר נישט דיר, אן ארגענטינער ייד, א שטיקל לץ.

— ווי האבן געזאגט אונדזערע חכמים — האט ווער אריינגעווארפן — עשרה קובים יופי ירדו לעולם, תשעה נטלה ירושלים ואחד כל העולם כולו.

און מאדנע געפילן באהערשן דיך מיטאמאל:

ירושלים, ירושלים: וויפל פרעמדע מאכטן האסטו שוין אויסגעטראגן? וויפל פארוויסטונגען אין דיינע שיינע טאלן און פרעכטיקע באוואלדיקטע בערג? די גאנצע תוכחה איז דאך אויף דיר, „עיר דוד מלך ישראל", אויסגעגאסן געווארן. און דו לעבסט. א געבונדענע צו די פעלדזן, ווי פראמעטעאוס, לעבסטו. און אזוי, געבונדענערהייט, לייזסטו אויס דאס גאנצע פאלק ישראל און רופסט, וועקסט עס צו דיר — ווי א מאמע רופט אירע קינדער צו זיך.

איצט ווערט ירושלים איבערגעבויט. די שטאט וואקסט, ווערט גרעסער פון טאג צו טאג, ממש פון שעה צו שעה. פון די בארג־שפּיצים זעסטו סימעטריש־געפלאכטענע רושטאוואניעס: פון אייזן און פון האלץ, רושטאוואניעס און אויף זיי — ארבעטער. צופוסנס פון די בערג און אין די טאלן — רושטאוואניעס און ארבעטער. יידישע פראצע פארן אויפבוי פון אלט־נייעם ירושלים.

גאַנצע טיילן שטאָט, זעסטו, וואַקסן אויס. אָט־אָט און ענג ווערט אין דער איבערגעשניטענער הויפּטשטאָט. אַ שניט אין האַרץ איז דאָס. וואָרום נישט נאָר שטח פעלט. עס פעלן אויך אַלע, אָדער די גרעסטע טייל, יידישע הייליקייטן.

כאַפּסט אַ בליק אַביסל ווייטער פון אויטאָבוס־פענצטערל און זעסט די הייליקייטן פון „יענער זייט גרענעץ".

יעדע צוויי וואָכן טוישט די ישראל־פּאָליצײ די גרענעץ־וואַך וואָס גייט און קומט פון הר הצופים, וווּ עס געפינט זיך דער העברעאישער אוני־ווערסיטעט. דאָרט שטייט אונדזער שמירה אַנטקעגן דער וואַך פון יענער זייט גרענעץ. — גיט מען אָבער אַ קוק אויף די גאַסן, הערט מען דאָס גערויש, דאָס געגיי פון די ירושלימער איינוווינער — פאַרגעסט מען אין דער גרענעץ און אין דעם שניט אין לעבעדיקן האַרץ פון דער הויפּט־שטאָט. ווער האָט דאָ צייט צו טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן? — די פרייד פון לעבן און פון בויען איז דאָך דאָ אַזוי ג ר ע נ ע צ ל אָ ז...

די אויטאָבוסן פאָרן. עס בייטן זיך די בילדער, די איינדרוקן. זיי קריצן זיך איין טיף אין האַרץ, אין זכרון.

דער ירושלימער „קאָרידאָר"

אויף מערב־זייט פון דער יידישער הויפּטשטאָט, פון צפון ביז דרום — ציט זיך דער ירושלימער קאָרידאָר.

תמיד איז דער קאָרידאָר דער סאַמע פּילבאַרסטער פּונקט אין דער באַשיצונג פון דער שטאָט. אויף צפון־מערב ביז צו די בערג פון קרית ענבים שפּרייטן זיך די פּרוזדור־אָרעמס פון איין זייט. און פון דער צווייטער — דרום־מזרחדיק, ביז בית גוברין. מיר פאָרן אַדורך אַ סך באַלעבטע פונקטן, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן פוןביידע זייטן „כביש הגבורה". דער באָדן דאָ איז פּרוכטבאַר. ווייליקע און ציליקע הענט פילן זיך דאָ. אין משך פון איין יאָר נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה זענען אויפגע־זטעלט געוואָרן 27 ישובים.

— וויפל נייע פונקטן האָבן מיר שוין דאָ — האָט ווער נייגעריק אַ פרעג געטאָן. — דאָס איז דערווייל אַ סוד — איז געווען דער ענטפער — טאָקע נישט קיין מיליטערישער סוד. נאָר בעסער פון דעסטוועגן שווייגן און לאָזן אין גאַנג די פאַנטאַזיע...

דערווייל שפּאַרט די זון שוין דורכן אויטאָבוס־פענצטערל. עס ווערט הייס. מיר דערנענטערן זיך צום קיבוץ מיטן היסטאָרישן נאָמען: „מבוא ביתר" — ביי די טויערן פון אַלטן ביתר. דער אויטאָבוס „גייט באַרג אַרויף". מיר „גייען" אויך: מען גייט אַראָפּ כאַפּן אַ בליק אויפן קיבוץ נישט ווייט פון באַרג־וועג.

אָפּגעזונדערט, איינזאַם, ממש אין אַ ווילדעניש, צווישן די יהודה־בערג ליגט דער קיבוץ. ווילדע וועלדלעך, דערנער, פעלדזן און נאַקעטע רוקנס און אין מיטן, סך הכל זעכצן קילאָמעטער פון ירושלים — דער קיבוץ. אַלע קיבוצניקעס — מענטשן פון לאַטיין־אַמעריקע. 120 נפשות. 70 דער־וואַקסענע. 10 קינדער. אַ קנאַפּער מנין עלטערע יידן. דאָס איז אַ רעוויזיאָ־ניסטישער קיבוץ.

מען נעמט אונדז וואַרעם אויף. מען צעקושט זיך. אַ סך ווייַנען פאַר פרייד, בעתן באַגעגענען זיך מיט באַקאַנטע, מיט היימישע. איינעם דער־קען איך. ער איז פון בריסק. אַ האָרעפּאַשניק. אַ מאַליער פון פאַך. שוין נישט קיין יונגער מענטש. מיט אים איז דאָ אַ טאָכטער. ער שטייט אויף אַ שטיקל צעקרישלטן פעלדז און ווייזט מיר: — זעסט, חיים, דאָ, ווייזט ער אָן אויף אַ קליינעם בנין, בויען מיר אַ נייע היים. דאָרטן, אַביסל ווייַ־טער — ליגט אונדזער צוקונפטיקע פּראַצע, די פעלדער אונדזערע. אָ, די ערד — מאַכט ער — איידער מיר האָבן זיך מיט איר געספּראַוועט, די „קוטשמעס" פון די פעלדזן אַראָפּגעריסן, האָט מען זיך דאָ מיט דער עלטער־באָבען געזען... דערפאַר אָבער זייעט מען אַצינד. עס וואַקסט. מען בויט פון די שטיינער טעראַסעס, וואָס זאָלן פאַרהאַלטן דאָס רעגנוואַסער. אָנשטאָט אַראָפּשווענקען די ערד צוזאַמען מיטן פאַרזיי, ווערט עס העלפן צום וווקס און גערעטעניש.

— אָ, דו רעדסט דאָך ווי אַן אמתער פּויער. פון וואַנען קומט דאָס צו דיר?

— מיין טייערער, מדינת ישראל מאַכט פּראָדוקטיװ דעם ייד.

יאָ, טראַכט איך זיך און כאַפּ בעת מעשה אַ קוק אַרום און אַרום. איך זע יידישע האָרעװאַניע, אומדערשראָקנקייט, אַ דראַנג צו לעבן פון אייגע־נער מי...

איך באַקען זיך מיטן איידעם — זיין טאַכטערס מאַן. צװיי יונגע, שיינע, געזונטע מענטשן. געזונטע יידישע דורות, רעד איך צו זיך אַליין, װעלן אויסװאַקסן פון אַזעלכע פּאָרלעך. יידישע גבורים אויף אייגענער ערד.

הונדערטער דונאַם באַדן האָבן זיי שוין דאָ באַלעבט. פלוימען־פּלאַנ־טאַציעס, עפּל, קאַרשן־ביימער, װײנשטאָקן. טאַבאַק אויף די פעלדער. גרינס און גרינס צװישן די בערג און פאַלדן פון די אַראָפּהאַנגען.

מאַדנע: אַרויספּאַרנדיק איז שוין געװען װאַרעם. שפּעטער — הייס. און דאָ גאָר — האָט געדעגנט, דערציילן זיי. דער װעג איז באמת בלאָטיק געװען. די געפּוצטע שיך האָבן זיך פאַרבלאָטיקט.

— פאַר אייך איז דאָס בלאָטע — האָט איינער פון די קיבוצניקעס זיך אַ װערטל געטאָן — פאַר אונדז, איז די ערד אַצינד מיט גאָלד צו גלייך.

אַ קיבוץ — אַן אינדזל, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט פיינטלעכע שכנים און — אַזאַ לעבנסלוסטיקייט. איך האָב זיי באַװונדערט.

באַענט פון קיבוץ זעט זיך נאָך אַן אַלטער װעג, נאָך פון די רוימישע צייטן, װאָס האָט פאַראייניקט ירושלים מיט בית גוברין, פון בית גוברין ביז עזה און באר־שבע. אויף די רעשטלעך פון דער בר־כוכבא פעסטונג האָט מען אונדז געװיזן. גאָר נישט װייט פון קיבוץ איז דאָס בערגל װוּ אונדזערע אַמאָליקע העלדן־ברידער האָבן זייער בלוט פאַרגאָסן אין קאַמף קעגן דער רוימישער הערשאַפט. און אַזוי ציט זיך די קייט: פון בר־כוכבא — ביז דעם בריסקער מאַליער־אַרבעטער.

„נתיב הל״ה" — די סטעזשקע פון די פינף און דרייסיק העלדישע פלמ״ח־קעמפער

דער װעג פירט איצט אין דער ריכטונג פון ע ד ו ל ם. מיר בלייבן שטיין ביים קיבוץ, װאָס טראָגט דעם אויסטערלישן נאָמען „נתיב הל״ה".

דאָס איז אַ בערגל אויפן ראַנד פון עמק־האילה. אַט דער טאָל דערציילט טאַקע די גבורה פון דודן, דאָס קליינע פּאַסטוך־ייִנגל, וואָס האָט באַזיגט דעם באַוואָפנטן, גרויסן גליתן. דאָס בערגל — אַ נייע געשיכטע פון גבורה: פינפאונדרייסיק פּלמ״ח־קעמפער, סטודענטן, אַרבעטער, זענען געפאַלן ווי העלדן, געפאַלן ביי אויסערגעוויינלעכע אומשטענדן פון גבורה און מוט. און דאָס איז געווען אַזוי נאָענט, האַרט פאַר דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל. לאָמיר דאָ איבערדערציילן די העראָאישע געשיכטע פון יידישער קרבנות־גרייטקייט. יאַנואַר־נאַכט פון ניינצן אַכטאונפערציק. פינפאונדרייסיק זעלנער האָבן באַקומען אַ באַפעל קומען צוהילף די קענפנדיקע ברידער אין גוש עציון. מען קעמפט דאָרט פאַרביסן מיטן פיינד פאַר דערהאַלטן פיר יידישע דערפער: „כפר עציון״, „משואות יצחק״, „דברים״ און „עין צורינט״. די ישובים זענען אַרומגערינגלט און אָפּגעשניטן פון רעשט טייל לאַנד און דער עיקר — פון ירושלים.

גוש עציון האָט אַלאַרמירט, געבעטן הילף אין נישט גלייכן קאַמף קעגן באַוואָפנטן שונא. זענען אָבער אַלע וועגן אַהין פאַרשטאָפּט. האָט מען זיי געשיקט דורכברעכן אַ וועג. עסן, געווער, און מעדיקאַמענטן האָבן זיי געפירט פאַר די ברידער־קעמפער. זייערע אייגענע לעבנס איינגעשטעלט, כדי וואָס פריער דערגרייכן צום אָרט. זענען אָבער די הילף־ברענגער דורכן שונא אַנטדעקט געוואָרן אויפן וועג, אומברחמנותדיק אַטאַקירט געוואָרן. זיי האָבן זיך געווערט און געקעמפט ביזן לעצטן אָטעם־צוג, נישט אונטערגעגעבן זיך. ביז דעם לעצטן זענען זיי רוצחיש דערמאָרדעט געוואָרן.

דער דאָזיקער ביישפּיללאָזער העלדן־טאַט פון די ל״ה־גיבורים האָט צו יענער צייט אויפגערודערט די יידן פון ישראל און פון דער גאַנצער וועלט. אויך אין דער אַראַבישער וועלט האָט דער אַקט פון יידישער זעלבסט־אָפּפערונג געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק.

די הילף איז צו די גוש־עציונער נישט דערגאַנגען. אָבער זייער העלדן־טאַט — יאָ.

שטייען מיר אויפן בערגל פון קיבוץ, וואָס איז געהייליקט פון בלוט פון די, וואָס זענען געגאַנגען אויף זייער לעצטן וועג. אָבער דאָ לעבט

אַלץ ווידער אויף. אין צענטער פון דער גבורה שטייט אַ דענקמאָל. אַ דענק־מאָל פון פינאונדרייסיק זיילן, געטאַקטע זיילן, פאַרפלאָכטן און פאַרברי־דערט איינער אין צווייטן. צופוסנס פון דעם מאָנומענט ברענט אַ נר־תמיד. דער נר־תמיד פון די ל״ה־קעמפער וועט קיינמאָל נישט פאַרלאָשן ווערן. דאָס שטילע צאַנקענדיקע לעמפל וועט צינדן יידישע הערצער.

אויפן סאַמע שפּיץ פון מצפה משואה — דער אָבסערוואַציע־פּונקט קעגן שריפות

מיר געפינען זיך שוין אין צענטער פון עדולם. מיר שטעלן זיך אָפּ ביים וואַך־טורעם. אברהם פעסקין לאַדט אונדז איין אויפן שפּיץ פון דעם אָבסערוואַציע־פּונקט. אָן אַנשטרענגונגען קומט מען אַהין אַרויף. פאַר אונ־דזערע אויגן אַנטפּלעקט זיך ווידער אַ נייע פּאַנאָראַמע. פעסקין קען דאָ יעדעס ווינקעלע. דער גאַנצער עולם זאַמלט זיך אַרום אים. ער קען ישראלס געאָגראַפיע און טאָפּאָגראַפיע אין דערצו — געבענטשט מיט קאָנען מסביר זיין אין אַ שפּרודלדיקן און לעבעדיקן יידיש. ער שטייט אַצינד אין צענטער און רעדט: — רבותי, איצט זענט איר אין מיינע הענט. קוקט אויף וואָס איך וועל אייך ווייזן און הערט זיך צו צו מיינע רייד; — צוועלף טורעמס זענען פאַראַן אַזעלכע אין לאַנד. זיי געפינען זיך אין די טרוקענע זאָנעס, ווו די געפאַר פון שריפות איז זייער גרויס, זיבן, אַכט חדשים אָן רעגן גייען אַדורך אין יענע ערטער. די ביימער און גראָזן ווערן פאַרטריקנט און די קלענסטע אומפאָרזיכטיקייט איז גורם שריפות.

ער רעדט מיט פייער, מיט ברען. אַלע אברים לעבן אין אים. די איינציקע דינע הערלעך אויף זיין קאָפּ צעפּליען זיך דערביי פון לופטיקן סטעפּ־ווינטל.

אַזוי פּאָפּולער איז דער קרן קיימת, טראַכט איך, און פאַרוואָס אַזוי אומפּאָפּולער זיינע פּלענער און אַרבעטן? און אפשר איז בכלל נישט מעגלעך אָט די אויפטוען איבערגעבן אין ווערטער? אַ נייע ישראל־לאַנד־שאַפט זע איך דאָך. אַ לאַנדשאַפט רייך מיט פאַרשידענע פּייזאַשן און גע־

ענדערטע קלימאַטן, אַט שלענגלען זיך סטעזשקעס און וועגעלעך, וואָס פירן צו די רעשטלעך פון די אוראַלטע וועלדער. לעבן זיי זעען מיר שוין גרינע, יונגע סאָסנעס אויף אַ שטח פון צענדליקער דונאַם לאַנד. ווייטער צו מעריב, ווו הימל „צעקושט" זיך מיט דער ערד — דער ים. איך דערוויס זיך, אַז דאָס געלט אויפצושטעלן דעם וואַך־טורעם האָט געגעבן אַ ייד פון טשילי — יוסף קליין.

— קליין זענען די אורוגווייער און אַרגענטינער יידן אויפצובויען אַזאַ טורעם? האָב איך אַ פרעג געטאָן.

*

אמת, עדולם איז נישט ניי אויפן „אַטלאַס" פון אַלטן העברעער־לאַנד. דאָך איז עס אַ ניי בלעטל, אַ ניי בלעטל איז דאָס שטיק לאַנד אין דער היינטיקער ישראל־געאָגראַפיע. שוין אין די צייטן פון יהושע בן־נון ווערט דערמאָנט עדולם ווי איינע פון די פאַרפעסטיקסטע שטעט אַרום וועלכער אונדזער געניאַלער דעמאָלטיקער סטראַטעג האָט געפירט מלחמה. דאָ געפינט זיך אויך די הייל ווו דוד האָט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר שאולן בעת ער איז פון אים פאַרפאָלגט געוואָרן. און אויפן זעלבן אָרט — אין עדולם — האָט טאַקע דוד געפירט זיינע מלחמות מיט די פלישטים. די רייכע און זאַטע זאַנגע האָט שטאַרק געלאָקט דעם נישט סעמיטישן פלישטים־פאָלק.

דער יחוס ציט זיך ווייטער: רחבעם בן שלמה האָט די שטאָט נאָך שטאַרקער פאַרפעסטיקט און אַ שטיק צייט איז דאָ געווען זיין רעזידענץ. נאָכדעם האָט זיך דאָ אויסבאַהאַלטן יהודה המכבי צוזאַמען מיט זיינע חילות איידער ער האָט אויפגענומען דעם קאַמף מיטן סירישן קריגס־פירער, באַק־כידעס, וואָס איז געקומען אַהער מיט 20,000 פוסגייער און 2000 רייטער.

יהודה המכבי מיט זיינע אָפגעראַטעוועטע 800 קעמפער שלאָגן זיך און פאַלן העלדיש.

עדולם געפינט זיך אויפן סאַמע גרענעץ אַנטקעגן די חברון־בערג, וואָס ליגן אין ירדן־קיניגרייך. לויטן פלאַן פון קרן־קיימת, באַדאַרפן דאָ געבויט ווערן עטלעכע דערפער און בילדן אַ מין דרייעק. דער גאַנצער דרייעק

וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין איין גרויסן ישוב. קאָאָפּעראַטיוון, קראָמען, קולטור־אינסטיטוציעס און מיטלשולן. — אַלץ דאַרף דאָ — און מיט איי־גענע כוחות געבויט און אויפגעשטעלט ווערן. גאָרנישט אַזוי וויסט ווי מען האָט געמיינט איז דער עדולם־געביט. די בערג און די נידערטיילן זענען באַדעקט מיט גראָזן. הויכע ווילדע דערנער, ווו קיין מענטשלעכער פוס איז נישט געטראָטן, ווערן דאָ אָן שוועריקייטן באַזייטיקט. אָט, אָט און עס ווערט „אַ גרינע וויסטע".

אַ גרינע וויסטע מיט אייניקע קליין־שטראָמיקע ריטשקעלעך — וואַדיס. אוודאי שטייט עדולם איצט ביים בראשית. געגוג כוח און מוח פאָדערט זיך, אַרבעט און שוויס, אַז דאָס אַנטדעקטע עדולם־געביט זאָל ווערן אַ מקור פון אַרבעט און לעבן.

מיר פאַרנעמען זיך איך אַ ביסל אַ ווייטערער ריכטונג; לכיש און בית־גוברין. ביידע געביטן מיט אַלטע מעשהלעך. דאָ ווערט דאָך אויך געפלאַנט די „התישבות אזורית" — די ראַיאָן־קאָלאָניזאַציע. דעם ערשטן עקספּערי־מענט האָט מען דאָ אָנגעהויבן מיט אַ וועלכע פינף יאָר צוריק.

מען פאַרלאָזט ווידער די אויטאָבוסן און מען גייט זען חידושים. נאָכן אָפּגיין עטלעכע קילאָמעטער זאָגט מען אונדז, אַז מיר געפינען זיך אין אַ טאָל. וויאַזוי מיר זענען אַהינגעקומען — ווייס איך נישט. איך קוק זיך אַרום און זע פּאָר זיך הויכע, ווייסע פעלדזן און אויף זייערע רוקנס וועל־דער מיט פייגנביימער און היפּ־הויכע גראָזן. דערווייל ווערט מיר קיל, קאַלטלעך ממש. די קליידער וואָס מיר האָבן אויפן וועג אַהער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן — נעמט מען צוריק אויף זיך.

פאַרשידענע פּרעהיסטאָרישע פיגורן און שרידים פון כלים, זעט מען אויף די ווענט פון די היילן ווו מען פירט אונדז. די דאָזיקע היילן, דערקלערט מען אונדז, האָבן אויך געדינט פאַר באַהעלטענישן, אכסניות, „שטאַב־צימערן", ווו מען האָט אויסגעפלאַנט די מלחמה־סטראַטעגיע קעגן די שטענדיקע שונאים פון אַמאָליקן זעלבשטענדיקן היימלאַנד. אויך פון רבי עקיבא דערציילן דאָ איבערבלייבענישן. ער איז דאָך געווען איינער פון די עשרת הרוגי מלכות אין קאַמף מיט די רוימישע לעגיאָנערן.

פינף טויזנט יאָר — פינף יאָר

מידע, אָבער אויפגעהייטערטע זיצן מיר ווידער אין די אויטאָבוסן, וואָס פירן אונדז צו דער לעצטער סטאַציע פון היינטיקן אויספלוג — אשקלון.

מען פאָרט פאַרביי קרית־גת — היינט די הויפטשטאָט פון לכיש־געבט. ערשט נישט לאַנג האָט מען געפייערט זעקס יאָר זינט דער אַנט־שטייאונג פון דער שטאָט. איצט געפינען זיך שוין דאָ אַריבער צען טויזנט איינוואוינער. פאַראַן אַ גרויסע צוקער־פאַבריק. 150 אַרבעטער זענען דאָרט באַשעפטיקט אַ גאַנץ יאָר.... שיכטנווייז גייט דאָרט אָן די אַרבעט. אַ שאָסיי פירט פון קרית־גת גלייך קיין באר־שבע. רעכטס פון גרויסן שטיק פלאַכלאַנד זעט מען „מצודת־יואב" — די לעצטע פעסטונג פון די עגיפטער. פון דאַנעט האָט מען אין דער באַפרייאונגס־מלחמה באָמבאַרדירט נגבה. דאָך זענען זיי, פרעהס אייניקלעך, פאַרטריבן געוואָרן. מיר קומען אָן קיין אשקלון. הונ־געריק און כמעט אָן אַ טרונק זענען מיר „צוגעפאַלן" צו די טישן, וואָס זענען פאַר אונדז געגרייט געוועזן. דער עולם עסט. די קעלנער קוקן אויף די „הונגעריקע יידן פון חוץ־לארץ". אַ הונגער נעבעך דאָרט, טראַכטן זיי אוודאי. אַלע זענען שטאַרק באַשעפטיקט מיט דער אכילה. נאָר איינער עסט נישט — פעסקין. ער נוצט אויס דעם גוטן מאָמענט פון אונטערלענען זיך דאָס האַרץ און הייבט אָן: — יידן, דער וויכוח איז פאַרענדיקט — מאַכט ער.

— וואָסער וויכוח, ווער וויכוח: וועד מיט וועמען? — ווונדערט מען זיך פון איבער די גוטע און געשמאַקע מאכלים פון די טעלער אַריבער.

— געענדיקט די דיסקוסיע — יאָ קרן קיימת, נישט קרן קיימת. די נייע יידישע געשיכטע — אָט, וואָס איר זעט אַצינד מיט אייערע אייגענע אויגן — האָט דאָס באַשטעטיקט.

נאָכן עסן לאָזן מיר זיך אַרויס אויף אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט, איבער אַלט און ניי אשקלון. די עלטסטע שטאָט אויפן ברעג פון מיטל־

לענדישן ים, וואָס ציילט בערך פינף טויזנט יאָר און האָט מיט די קוים פינף יאָר פון נייעם אויפבוי זיך דאָ אַזוי שיין און נאַטירלעך מזווג געווען.

אין די גאָר אַלטע צייטן האָט אשקלון פאַרבונדן דעם דרום — דאָס אַלט־עגיפטן מיט צפון מעסאָפּאָטאַמיע. פון אָט די ברעגעס האָט מען גע־פירט דעם האַנדל מיט די אַרומיקע שכנים. האַנדל און אויך מלחמות צו געווינען דעם גוטן ים־פונקט, האָבן געפירט די מצרים און די צפון־מלוכות — אַשור און בבל — לאַנגע יאָרן. נאָך אין צוועלפטן יאָרהונדערט פאַר אונדזער צייט־רעכענונג האָט זיך אויף דעם ים־ברעג אַריינגעריסן אַ נישט־סעמיטיש פאָלק, די פלישטים.

אשקלון איז איבערגעגאַנגען פון איין הערשאַפט צו דער צווייטער: עגיפטער, פלישטים, בבלים און אויך די פערסיער. אַלעקסאַנדער מוקדון מאַכט פון אשקלון אַ גרויסע שטאָט לויטן מוסטער פון גריכישע, שיינע שטעט... דאָס איז, אגב, די איינציקע שטאָט, וואָס איז נישט אַריין אין דער יידישער יוריסדיקציע פון מלכות החשמונאים.

אין 67־טן יאָר פאַר קריסטלעכער צייטרעכענונג האָבן די יידן, אויס נקמה, פאַרברענט די שטאָט, נאָכדעם ווי די רוימער האָבן אויסגע־שאָכטן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. פאַר דער באַפרייאונגס־מלחמה האָט אשקלון געהייסן „מגדל". די לעצטע האָבן דאָרט געהערשט די מצרים. נאָך פאַרביסענע קאַמפן זענען די אַראַבער געצוווּנגען געווען צו אַנטלויפן.

היינט צו טאָג וווינען דאָרט 25000 יידן. אשקלון באַשטייט, אַזוי צו זאָגן, פון דריי טיילן: צוויי פון אַלטן „מגדל" און איין טייל, וווּ ס'וווינען מערסטנס אַפריקאַנער יידן — טראָגט דעם נייעם מעלאָדישן נאָמען — „אפרידר".

אַ תענוג פיל איך, שפּאַצירנדיק אַצינד ביים ברעג פון ים. אַפילו, ווען וואָלסט נישט געוווּסט די גלאָררייכע געשיכטע פון דעם אָרט — פילסטו, שפּירסטו די דיסטאַנץ, דעם צייט־אָפּשניט. עפּעס דאַכט זיך, אַז אויך מיר אַלע זענען אַ טייל פון יענעם עבר, פון יענע היסטאָרישע טעג און יאָרן. און זיי, טראַכסטו, וואָלט אפשר היינט נישט געווען דאָס אשקלון, וווּ אונ־דזערע פיס טרעטן.

עס איז איצט פיר אַזייגער נאָך מיטאָג. די זון וואַרעמט נאָך אַלץ. אָבער אָן איר ברען און מאָרגן־גלי. די געמיטלעכע קילקייט ווערט נאָך מער אָפּגעפרישט פון ליבן, גאַסטפריינדלעכן ווינטל, וואָס טראָגט זיך פון ים. דער אשקלונער ים איז טונקל, טונקל־בלוי. די קליינע ים־קנייטשן און כוואַלעכלעך מיניען זיך אין דער זון — גאָלדיק געבראָכענע בלעכן... פון וואַנעט קומט די בלויקייט פון וואַסער? — פון הימל. נישט אַנדערש, ווי פון בלויען אומבאַפלעקטן הימל — פאַרענטפער איך זיך אַליין די פראַגע.

פירקאַנטיק און איינמאָסיק זענען די הייזער פון „אפרידר". אַרום זיי — גערטנדלעך,ביימער, בלומען, אַספאַלטירטע וועגן, שיינע גאַסן, סקווערן.

יידן פון דרום־אַפריקע, פון דער צעשטורעמטער אַזיע, אַמעריקאַנער יידן פון צפון און דרום — אַן אייגנאַרטיקער קיבוץ גלויות. אַלע זענען געקומען אַהער לעבן, בויען, אויפבויען און איבערבויען די אַלטע פינף טויזנט־יעריקע שטאָט — נוסך מדינת ישראל.

אויפן וועג קיין יגור און „לוחמי הגיטאות"

דער סעקרעטאַריאַט פון קיבוץ המאוחד, וואָס האָט אָרגאַניזירט מיינע באַזוכן אין אַ ריי קיבוצים, האָט צום ערשטן אָנגעהויבן מיט אַ קאָלעקטיוון וויזיט — אין לוחמי הגיטאות, אין קיבוץ יגור.

מיט דער נסיעה האָט אָנגעפירט נישט קיין אַנדערער, ווי זי אַליין — צביה לובעטקין. צביה און די גאַנצע גרופּע לעבנגעבליבענע געטאָ־קעמפער, איז שוין ביים לעבן געוואָרן אַ לעגענדע.

צביה טראָגט מיט זיך, און אין זיך, דעם גאַנצן גרויל פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק, די מאַרטיראָלאָגיע און די העראָאיק פון די געטאָ־קעמפער אין וואַרשע. זי וועט אַצינד זיין די וועגווייזערין אונדזערע. אויך אין געטאָ איז זי געווען אַ וועגווייזערין... איצט פאָרט זי מיט אונדז אויפן וועג קיין יגור און צו איר קיבוץ — לוחמי הגיטאות.

צביה זיצט נאָענט פון מיר. איך קוק אויף איר פּנים, אויף איר רואיק געשטאַלט זוך איך סימנים פון יענע טעג, יאָרן: פון יענער בלוט און יסורים־דראַמע — און זע גאָרנישט. גאָרנישט צו דערקענען אויף איר עפּעס פון „דאָרטן". —

געמיטלעך און רואיק זיצט זי. אַ גליקזעליקייט אויף איר פּנים. נאָר, אַז כ'האָב זיך נענטער אין אירע אויגן איינגעקוקט, איז פונדעסטוועגן יאָ געווען עפּעס צו דערקענען: עפּעס פון יענעם מרידה־גייסט, וואָס איז ביכולת אַ גאַנצע וועלט צו צעשטורעמען — האָט זי אין איר טיף־פאַרטראַכטן בליק.

פלוצעם האָט זי, ווי אין מיטן אַ שמועס מיט עמעצן, אַ זאָג געטאָן, אַ זאָג געטאָן מיט איר כאַראַקטעריסטישן באַפעלערישן טאָן, וואָס אַזוי האָט מען אוודאי געהערט צו די קאַמפס־חברים „דאָרטן": — נעמט, חברים־דעלעגאַטן, זיך צום כלי־זין: פאַרשרייבט וואָס איר זעט.

אַ נייע פּאַנאָראַמע גייט אונדז אַנטקעגן. עס וואַקסן אויס בערג, גרויסע, מעכטיקע און קליינע „באַשיידענע" בערגלעך. אַ סך בערג ליגן זיך אָפּגעזונדערט און פאַראייניזאַמט, אַ הויכקייט, אַ טאָל און ווידער באַרג־קייטן. אוי, רבונו של עולם — ווילט זיך אויסשרייען — אַזויפיל בערג אין דעם קליינעם לאַנד? וואָס וועסטו מיט זיי טאָן? און וואָס וועלן מיט זיי טאָן דיינע יידן, וואָס זאַמלען זיך אַציינד פון אַלע וועלט־ווינקלען?

דו פרעגסט, אָבער סיי ווי קענסטו דיין בליק נישט אָפּרייסן פון דעם פאַרכאַפּנדיקן בילד. בערג מיט ריזיקע, צעהויקערטע פעלדזן־רוקנס: מיט בראָנזענע קעפּ, צעשויבערטע בערד און גריוועס, טונקל־אַשיקע פּנימער.

— דאָס איז ערשט אַן אָנהייב — הער איך אַ שטים פון אַ ותיק.

און מאָדנע: ווי דאָס לעבן דראַפּעט זיך דאָ? אויף די סאַמע בערג־שפּיצן און צווישן די שפּאַלטן, אויף די שיפּועים און פלאַכן, צווישן איין באַרג און צווייטן — הייזקעס, הייזקעס און געביידעס גאַנצע, טעלעפאָן־סלופּעס און עלעקטרישע דראָטן, פענצטער, טירן, טעראַסעס און מענטשן, מענער, פרויען, קינדער זעט מען פון דער ווייטנס. יידיש לעבן דראַפּעט זיך אַרויף, אַרויף. —

ישובים, דערפער און יונגע וועלדער. אָט די וועלדער האָט געפלאַנצט דער קרן קיימת — דערקלערט צביה — און נאָך וועלדער וועלן דאָ געפלאַנצט ווערן. חיפה און אומגעגנט וואַקסט, ברייטערט זיך אויס, בויט זיך.

מען פאָרט ווייטער. רמלה, חדרה, דער דרייעק — דער „המשולש" — מיט אַ סך פּרדסים. ער טיילט אָפּ ישראל פון עבר הירדן.

מיר דערנענטערן זיך צו חיפה גופה. ברוך הבא — „כרמל". דערווייל זעט מען בלויז זיין פּלייצע. אָבער איינער אַ נאָרד־אַמעריקאַנער דעלעגאַט, וואָס איז שוין דאָס דריטצנסטע מאָל אין ישראל — שטעלט מיר אים שוין פאָר, דעם כרמל: ער קען אים — זאָגט ער — פון פריער.

ברוך הבא הרי הכרמל — איך בין ווידער דאָ — וויצלט זיך דער חבר פּאָול גאָלדמאַן, אַן אַדוואָקאַט פון פּראָפעסיע, אָבער זיין לעבן, זיין צייט ווידמעט ער געזעלשאַפטלעכער ציוניסטישער אַרבעט. ביי דער זייט פון כרמל ציט זיך אַ באַפּט־רער, פון די חיפהער ראַפינעריעס ציט זי זיך

לענג־אויס דעם ים־ברעג ביז אילת. אַ ביסל ווייטער — די גוט־באַקאַנטע טורמעס פון עתלית. אַנטקעגן זיי — די פּאָליציי־סטאַציע. אויפן פּאַן פון אַלעם זעען זיך פונדערווייטנס ישובים, בנינים,ביימער, באַאַרבעטע פעל־דער — קיבוצים פון שומר הצעיר —דערקלערט אונדז ווידער צביה לובעט־קין. זייערע נעמען; „דליה״, „רמת־מנשה״, „עין השופט״ און ווידער פאַרלאָזענע מיליטערישע קאַזאַרמעס. קליין דאָס לאַנד, אָבער מיט טורמעס, פּאָליציי־סטאַציעס און קאַזאַרמעס האָט זיך די ענגלישע מאַכט באַוואָרנט.

מיר קומען אָן קיין חיפה. דער כרמל — מיטן פּנים צו אונדז. אויפן אָרט פון די קליינע אַראַבישע כאַטקעס, וואָס זענען דאָ מיט עטלעכע יאָר צו־ריק געשטאַנען, זעט מען היינט ריזיקע בנינים. פאַבריקס־קוימענס, קלענערע און גרעסערע ווין־הייזער, ווילעס און שיכונים. דער אויטאָבוס גליטשט זיך איבערן ברייטן אַספאַלטירטן שאָסיי.

— נישט געאײלט זיך — וויצלט זיך ווער — אָט, אָט איז מען שוין ביי דער לבנון־גרענעץ.

מיר באַוויזן צו כאַפּן אַ בליק אויף אַ נייער שכונה, אויפן נאָמען פון חיים ארלאזורוב, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אויפגעבויט געוואָרן — קרית חיים. אַרום די הייזער — געלער זאַמד, רויער שטח. ערטערווייז — אַ ביימל, אַ בלום. ווי אַ המשך פון קרית חיים, ציט זיך אַ צווייטע שכונה — קרית ביאַליק.

— מיר דערנענטערן זיך צו די הרי הגליל — זאָגט מיר צביה. פאַראַן אין דער געגנט — זאָגט זי ווייטער — שטאָל־גיסערייען, פאַבריקן. נישט ווייט געפינט זיך די שטאָט „עכו״. משה בראַסלאַווסקי, אין זיין גוט איבער־פאָרמאַטיוון בוך „אַזאַ איז אונדזער לאַנד״, גיט איבער וועגן עכו פאָלגנדעס:

„אַלט עכו איז געבויט אויף אַ יבשה־צונג, וואָס איז אַרויסגערוקט אין ים און פון דריי זייטן אַרומגערינגלט מיט וואַסער... ביז היינט קאָן מען נאָך זען רעשטלעך פון אַ מיטלאַלטערלעכן מויער און פּאָרט. עכו האָט אַ רייכע געשיכטע: אַ יידישע, גריכישע, רוימישע און אַראַבישע. איז מיטלאַלטער איז דאָ געווען אַ יידישע קהילה. דאָ האָבן געלעבט דער רמב״ם און רמב״ן. נאַפּאָלעאָן האָט באַלאַגערט די שטאָט. די אַלטע תפיסה־פעסטונג

שטייט שוין הונדערטער יאָרן. נאָך אין די אומרועןַ פון 1920 האָט מען דאָ פאַרשפאַרט הגנה־לייט — אויך זאב זשאַבאָטינסקי צווישן זיי. דאָ זענען אָפּגעקומען זייערע „זינד״ 43 הגנה־מענטשן, וועלכע מען האָט געכאַפּט מיט געווער אין האַנט, בעת מאַנעווערס אין די בערג.

ווען זיבן אַראַבישע מלוכות זענען באַפאַלן ישראל, זענען דאָ, אין עכו, פאָרגעקומען העפטיקע שלאַכטן. דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דעם פראָנט־אָפּשניט איז געווען משה כרמל — שפּעטער קאָמוניקאַציע־מיניסטער.

מיר זענען אָנגעקומען אין קיבוץ לוחמי הגיטאות — אין קיבוץ פון די לעגענדאַרע געטאָ־העלדן.

פאַרן אַריינקומען אין קיבוץ גייען מיר אַדורך אַן „אַקוואַדוקטאָ״ — נידעריקע פעסט־געבויטע ווענט פון די רוימישע צייטן. אויף די ווענט — רערן, דורך וועלכע ס׳האָט געשטראָמט דאָס וואַסער פאַר דער גאַנצער געגנט. פון דאַנען שטאַמט טאַקע דער נאָמען — אַקוואַדוקטאָ. אין טויער פון קיבוץ וואַרט אויף אונדז יצחק צוקערמאַן (אַנטעק), דער וויצע־קאָמענדאַנט פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און קאָמענדאַנט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט. גיסט אויף אים אַ קוק און זיין אויסזען זאָגט דיר גלייך אונטער: — אַזוי האָט ער באַדאַרפט אויסזען. אַזוי האָב איך זיך אים פאָרגעשטעלט — דעם, פון די געציילטע לעבנגעבליבענע אין קאַמף פאַרן כבוד פון יידישן פאָלק.

דער יידישער קריגסמאַן, אונטערן גויישן נאָמען אַנטעק, שטראַלט פאַר פרייד בעתן דערזען אונדז. ער שטרעקט אויס זיין האַנט און שרייט ממש אויס: — ברוכים הבאים, חברים.

ווי מיט טויזנט האַמערס קלאַפּט דאָס האַרץ. איצט וועלן מיר זען נישט נאָר ישראל, נאָר אויך די, וואָס האָבן זיך געראַנגלט, געקעמפט און אויפגעהויבן דעם כבוד און די ווערדע פון יידישן פאָלק.

מיט ציטער אין די הערצער טרעטן מיר אַריין אין די טויערן פון דער נייער היים פון די פאַרטיזאַנער און געטאָ־קעמפער, וואָס בויען איצט זייער אייגן לעבן אין נייעם, בויענדיקן ישראל.

„לוחמי הגיטאות״ ליגט נאָענט פון קיבוץ „חניתה״. דאָס איז ביז

גאָר סימבאָליש. חניתא האָט אַ געשיכטע, וואָס איז פול מיט שפּאַנונג און קאַמף מיט דער ווילדער נאַטור אין יענער געגנט און מיט די אַראַבישע שכנים פון אַרום. דער קיבוץ איז אַנטשטאַנען און פאַרפעסטיקט זיינע פּאָזיציעס גראָד אין אַ צייט, ווען דער אויפגייענדיקער היטלעריזם האָט געווילדעוועט אין איירָאָפּע און געגרייט זיינע פינצטערע פּלענער קעגן מענטש און קעגן יידנטום. דאָ, אין חניתא, האָט זיך געכאָוועט און געשטאַרקט דער יידישער קאַמפּס־מענטש, דער פלמ"ח, די הגנה און נאָכן באַפרייאונגס־קריג — צה"ל.

דער קיבוץ איז אַ פאַרהעלטנישמעסיק יונגער. דערפאַר זענען אָבער די הייזער, ווו די חברים וווינען, גענוג אַלט. דאָס זענען צריפים און אויס־געראַמאָנטירטע אַראַבישע כאַטעס. איצט נעמט מען ביסלעכווייז אַרונטער די אַלטע דירות און מען בויט נייע. אויפן אָרט פון די אַלטע הייזער גרייט מען זיך פלאַנצן אַ פּאַרק און אויפשטעלן אַן אַמפיטעאַטער. בכלל ווערט דער קיבוץ איבערגעבויט און צוגעפּאַסט צו די באַדערפענישן פון זיין היינטיקן לעבן און ווי אַן אָרט, וואָס דאַרף ווערן דער דענקמאָל פון יידישן קאַמף מיט דער מאַכט פון פאַשיזם.

— אַ מאָנומענט פאַר דורות, וואָס וועלן קומען נאָך אונדז און אַ היים פאַר די, וואָס זענען שוין דאָ, איז דאָס אָרט, ווו אייערע פיס טרעטן — האָט געזאָגט אַנטעק. אין זיין שטים האָט געקלונגען אַנטשלאָסנקייט און צילבאַוווסטקייט. דער „פּאָליאַק פון פּאָליאַקן־לאַנד" מיט די בלויע אויגן, דער שטאַרקער מאַן, וועמעס גייסט איז אין דער קוזשניע פון חלוצישער יוגנט־באַוועגונג אויסגעשמידט געוואָרן, גיט אויף אַלע אונדזערע פראַגן אַן ענטפער:

— ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען, אַז אַ הייפל מענטשן, אומבאַוואָפנטע און דערשלאָגענע, זאָלן אויפהייבן דעם קאַמף קעגן אַזאַ מעכטיקער באַוואָפנטער אַרמיי, פרעגט איר? — עס זענען מיט אונדז געווען אַ סך צוקערמאַנס... אַ סך אַנילעוויטשעס, קלעפּפישס, בערלינסקיס, רינגעלבלומס און צביהס... אַ סך נאָמענלאָזע העלדן זענען מיט אונדז געווען — זאָגט ער.

דער גייסטיקער און אידעאישער, אויב מען קאָן אַזוי זאָגן, אַרכיטעקט

פון דעם קבוץ, איז טאַקע יצחק צוקערמאַן. מיטן גאַנצן לעבן און וועזן איז ער פאַרטאָן אין אויפבוי פון קיבוץ.

— אונדזער אַריבערבליק איבער די געטאָ־מויערן איז געווען געווענ־דעט אַהער — רעדט ווייטער מיט פייער אין די אויגן יצחק — אָט דאָ אַהער, צום הר הכרמל (ער הייבט איצט טאַקע אָן זיינע נאַכטיקע אילומי־נאַציעס פון די נאַר וואָס אָנגעצונדענע ליכטער). אַהער האָט אונדז געצויגן מיט אַלע פיבערן פון דער נשמה.

ס'איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט. די מיליאָנען ליכטער פון דער גרויסער, פאַרביקער חיפה האָבן ווי בריליאַנטן געמיניעט פאַר די אויגן. — אָט אין דער ליכט — זאָגט צביה — אין דער ליכטיקייט קאָן מען נאָך אָפּגעפינען עפּעס פון דעם, וואָס מען האָט דאָרטן פאַרלאָרן...

ווי אַ בית־מדרש דאַרף אויסזען אונדזער „בית לוחמי הגיטאות" — האָט זיך פּלוצעם אָנגערופן יצחק, דער קאָמענדאַנט פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

אָ, ווי שיין, יידישלעך ער האָט עס אויסגעדריקט, האָב איך אַ טראַכט געטאָן. אַנטעק האָט געפונען דעם יידישן סטיל פאַר זיין אויסגעטרוימטן „בית לוחמי הגיטאות", וואָס האַלט אין אויסגעפאַרטיקט ווערן.

מיר קומען אַריין אינעווייניק. די טיר איז אַ שמאָלע, עטוואָס פאַר־קוילעכט אין דער הייך, ווי דער אַריינגאַנג אין אַן אַלטן בית־המדרש. אין פּאָדערהויז, אַנטקעגן דער טיר, זעסטו אַ וואַנט. אַ וואַנט אָן פענצטער און אָן טירן. ביין, זי איז נישט ווי אַלע ווענט. גיסט אַ דריק ערגעץ אַ קנעפּל און עס באַווייזן זיך סמנים פון אַן עפענונג.

— וואָס איז דאָס?

— דאָס, חברים, דאַרף סימבאָליזירן — מילע 18, דאָס אָרט, וווּ ס'האָט זיך אויפגעהאַלטן דער הויפּט־שטאַב פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. יענע אַלע, וואָס זענען מיט אונדז דאָרט געווען — דערקלערט ער אונדז שוין שטילער און מיט געצאַמטן צאָרן — האָבן די נאַצישע רוצחים אומגע־בראַכט. בויט מען אַצינד אַ צווייטע „מילע 18", דאָ, אויף אונדזער אייגענער ערד, לזכר... לזכר...

ער ווייזט אונדז די פּלענער. דערציילט אונדז וועגן די אַרכיטעקטן, גראַפיקער, טעכניקער, וואָס פאַרנעמען זיך מיטן צוגרייטן און אויספירן די אַרבעט. נישט נאָר געביידעס, זאָגט ער, וועט מען דאָ רעקאָנסטרואירן, נאָר אויך פּנימער, יידישע געשטאַלטן, אַרבעטער, פרומע יידן: גאָרנישט טאָר מען נישט לאָזן פאַרלוירן גיין פון אַ מאָל.

מיר קומען אַריין אין אַ גרויסן זאַל. אויף אַ וואַנט הענגט אַ מאַפּע — די מאַפּע פון גאַנץ אייראָפּע מיט אַלע פּונקטן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערס. יאָ, אייראָפּע. אייראָפּע פון געטע און היינע, פון עמיל זאָלאַ און ראָמען ראָלאַן, זשאַן זשאָרעס און טאָמאַס מאַן — איין גרויסער לאַגער, איין גיהנום. אָט ווייזט מען אונדז „סאָביבאָר”. און אַלץ וואָס מען ווייזט וועגן דאָרטיקן אויפשטאַנד ווערט אונדז איבערגעגעבן. אויף אַ צווייטער וואַנט הענגט אַ גרויסער שילד. דער שילד ווייזט: נומער 11. — דאָ איז געווען אַ גאַז־קאַמער, זאָגט אַ צושריפט פון אונטן. אַ ליידיקע גאַז־פּושקע הענגט און אַ שטיקל זייף... אויף דיאַגראַמעס פון קאָנצענטראַציע־לאַגערס. אַלץ — גענוי און פּינקטלעך געצייכנט. אָ, דייטשישע, פאַרשאָלטענע פּינקטלעכקייט.

מיר זענען שוין דערשלאָגן פון זען און הערן. אָבער ער — דער לעבע־דיקער עדות פון יענעם גרויל און קאָשמאַר, רעדט ווייטער: — „אין אוי־שוויץ אַליין זענען פאַרגאַזט געוואָרן פיר מיט אַ האַלבן מיליאָן מענטשן. פון דעם — אַ מיליאָן מיט זיבן הונדערט און פופציק טויזנט יידן...”

ניין, אויך ער האָט מער נישט קיין כוח. דו זעסט ווי זיין אָטעם פאַר־האַקט זיך בעתן רעדן וועגן די „מיליאָנען”. זיין בליק ווערט מיד און עפּעס ווי אַ נעפּל וואָלט דעם פלאַם פון זיינע אויגן פאַרצויגן. דער קעמפער שטייט אַ געבראָכענער. מיר אַלע שטייען לעבן אים און לעבן דער מאַפּע, ווי איבער אַ קבר. — אָט, אָט, פּלאַצן מיר אַרויס מיט אַ געוויין. ניין, ניין. מען טאָר נישט. מען מוז זיך באַהערשן. ס'איז דאָך אויך דאָס אָרט פון יידישער גבורה. שטאַרקט מען זיך און מען הערט ווייטער. מען הערט און מען זעט: אַ פאַרבלוטיקטער לאַגער־אַנצוג, אַ זעקל פּרויען־האָר, ברילן. אָט זעסטו קאָנסטרואירט אַ שטראָף־צימער, ווו מען פלעגט אַריינשטעלן אַ מענטש אויף גאַנצע זיבן טעג. נישט צו זיצן, נישט צו ליגן, בלויז שטיין. זיבן מעת־

לעת שטיין. מען ווייזט אונדז אַן אַפּאַראַט, וואָס לאָזט אַרויס שטראַלן, וועלכע קאַסטרירן דעם מענטש: יונג, אַלט, מאַן, פרוי — נישט קיין נפקא מינא. די דייטשע „וויסנשאַפט״ איז נישט געווען איבערקלייבעריש אין אירע קרבנות.

פאַראַן אין אַרכיוו איבער 5,000 בילדער פון אכזריותדיקע מעשים איבער יידישע קרבנות. יאַנקל ווירניק, פון פאַך אַ סטאָליער, אַליין אַ געראַטע־וועטער פון טרעבלינקער לאַגער, האָט אויפגעשטעלט אַ מאַקעט מיט אַלע איינצלהייטן און פּרטים. רעקאָנסטרואירט דאָס „שטעטל טרעבלינקע״: די הייזער, די אויוונס, די גאַז־קאַמערן און די שינעס, וואָס האָבן געפירט די וואַגאָנעס מיט קרבנות צו פאַרניכטונג.

די נאַצישע רוצחים האָבן אויך געוווינט אין לאַגער. זייערע וווינונגען זענען געווען געראַמע און באַקוועמע. בלומען ביי די פענצטער און מוזיק האָט זיך געהערט פון דאָרט. מוזיק, בעת מען האָט געפירט די אומגליקלעכע אין דער פאַבריק פון טויט.

אַ גאָרן העכער אין בית לוחמי הגיטאות — אַ גרויסער זאַל. פאַראַן דאָרט קאָלעקציעס פון ביכער פון נאַצישע שרייבער, פון אַ מאָל און היינט. פאַראַן אויך דאָקומענטן — קלערט אונדז אויף אַנטעק — וואָס דעקן אויף היטלערס פּלענער וועגן אויסראָטן אויך ס׳אַרגענטינער יידנטום. אויפרופן, אין די דרום־אַמעריקאַנער לאַנד־שפּראַכן, וואָס רופן אָפן צו מאָרדן און פאַרניכטן דעם יידישן יישוב אין אַרגענטינע.

צוויי זאַלן, וואָס דערציילן פון אינערלעכן געטאָ־לעבן — יידיש געלט, יידישע עמבלעמען. מיר קומען אַריין אין דערבייאיקן סאַלאָן. אויף אַ טיש ליגט אַ מאַנדאָלין, געמאַכט פון פאַרמעט פון אַ ספר־תורה. אין ווינקל פון סאַלאָן — אַן עקזעקוציע־פּלאַץ, ווו דייטשן צווינגען יידן זיי זאָלן זיך לעבעדיקערהייט איינער דעם צווייטן באַגראָבן. אַ ייד שפּרינגט פון אַ הויכן גאָרן אַראָפּ, בעת זיין הויז ברענט...

מיינע אויגן פאַלן אויף אַ פאַרטעכל, קינדערשע שיכלעך... אַ באַזונדערע אָפּטיילונג, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס דערשטיקן דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד דורכן דייטשן גענעראַל־שטאַב. דאָס האָבן מיר באַקומען, זאָגט

יצחק, אַ מתנה פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע. און אַט איז אַ גרויס בילד, וואָס אַן איטאַליענישער קינסטלער האָט צוגעשיקט, געמאָלן פאַרן אַרכיוו — „דער געטאָ".

מיר גייען אַריבער אין לעצטן „זאַל פון ווידערשטאַנד". מען זעט דאָ אַ סך צייטונגען, יידישע, העברעאישע, פוילישע, וואָס דערציילן וועגן יידישן ווידערשטאַנד. אַ ביבליאָטעק פון אַריבער 10.000 ביכער אויף חורבן־טעמעס. דער בנין, וואָס איז נאָך נישט פאַרענדיקט, וועט טראָגן דעם נאָמען פון יידיש־העברעאישן שרייבער־מאַרטירער — יצחק קאַצענעלסאָן.

מיר זענען געשטאַנען אין העל־באַלויכטענעם זאַל. די ווענט באַהאָנגען מיט בילדער, זשורנאַלן; פּאָליצעס מיט ספרים וועגן חורבן און גבורה. איבער אַלץ האָט אַצינד געשוועבט דער לעבעדיקער גייסט פון געטאָ־העלד „אַנטעק", יצחק צוקערמאַן.

מען גרייט זיך אויפשטעלן נאָך אַ מוזיי און אַ דענקמאָל. און נאָך נישט דערמיט ענדיקט זיך די אַרבעט פון יצחקן און זיינע קיבוץ־חברים.

שווער האָבן אַלע אָפּגעאָטעמט ביים פאַרלאָזן דאָס אָרט. ס'איז געווען נאַכט. די ליכטער פון כרמל־באַרג האָבן געווונקען מיט האָפענונג און טרייסט. —

אַ נאַכט אין יגור

נאַכט. נישט חושך־מצרים, אָבער געוויינלעך פינצטער. דערצו האָט געדעגנט. מען איז אויך געווען אַ ביסל הונגעריק. זיצט מען אין אויטאָבוס און מען זינגט זיך אונטער. ווען זינגט אַ ייד? —

אויך די צעפינקלטע ליכטער פון כרמל דערווייטערן זיך. ווידער שטייט דער באַרג צו אונדז מיטן רוקן. דאָס איינציקע ליכט, פאָרויס פון אונדז — זענען די אויטאָ־פּראָזשעקטאָרן. זיי פירן גלייך קיין יגור. אין קיבוץ האָט מען אונדז שוין דערוואַרט. יגורער איינוווינער האָבן זיך מיט אונדז דערפרייט, ווי מיט אַן אייגענער משפחה. אין הויף פילט זיך אַן אומגעוויינלעכע באַוועגונג. רייד, געזאַנג. דער חדר־אוכל איז פול. מען גייט

אַרויס און אַריין. דער קיבוץ פייערט היינט זיין גרויסן יום־טוב — 38 יאָר יגור. באַלד האָט דער עס־זאַל באַדאַרפט זיין פריי פאַר אונדז. ביז וואָס וועט — עסן דערווייל די קיבוץ־חברים און מיר קוקן אַריין דורך די פענצטער...

יגור איז דער צווייטער גרעסטער קיבוץ אין ישראל. ציילט איבער 1,500 נפשות. פאַר אים גייט „גבעת־ברנר". ביידע געהערן צום קיבוץ המאוחד.

*

די טעכניק ביים דערלאַנגען דאָס עסן איז גוט אָרגאַניזירט. די אָפּגעגעסענע גייען אַרויס דורך איין טיר און דורך דער צווייטער — קומט דער נישט געגעסענער עולם. אויך מיר זענען אַצינד מיט די, וואָס גייען אַריין.

מען זיצט אַרום די טישן, ווי אייגענע. מען פאָרעט זיך אַרום אונדז מיטן דערלאַנגען און צונעמען די מאכלים און מיטן וואַרפן אַ נייגעריקן בליק אויף די אורחים. עס ווערט היימלעך, גוט אויפן האַרצן. אַן אמתע, נאַטירלעכע מענטשלעכע פרייד כאַפּט דיך אַרום און ווייסט אַליין נישט, פאַר וואָס. איך פאַרשטיי איצט דעם גרויסן זין פון פסוק: „הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד".

— פה לין — ווילצט זיך אַ פוילישער ייד, איינער פון די דעלעגאַטן. — דאָ וועסטו געכטיקן, הייסט עס. פה־לין — מיינט: — פוילן. אויך דאָרט זענען די יידן מיט טויזנט יאָר צוריק אויף אַ „ווייל" געבליבן נעכטיקן. —

מיך האָט ספּעציעל אויפגענומען יצחק טאַבענקין, מחמת ער האָט דערוואַרט אַ גרוס פאַר אַ יגורער פאַמיליע פון אַ קרוב אין אורוגווײ — אַ שליח אין דער חלוצישער יוגנט־באַוועגונג אין מאָנטעווידעאָ. ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דער פרוי — די מוטער פון זון, וואָס האָט מיט מיר דעם גרוס איבערגעגעבן.

דער קיבוץ יגור ליגט אין אַ טאָל, צופוסנס פון הדר הכרמל, גאָרנישט ווייט פון טייך קישון, צווישן עמק זבולון און עמק יזרעאל. פון איין זייט דער הויפּט־כביש, וואָס פירט קיין חיפה, נצרת, טבריה, פון דער צווייטער

— דער באַרג, דער טייך קישון ווערט דערמאָנט אין פּרק שופטים און איז פאַרבונדן מיטן קאַמף, וואָס דבורה הנביאה און ברק האָבן געפירט קעגן כנענישן קעניג יבין און זיין קריגס־פירער סיסרא.

אין יענער צייט זענען די צפון־שבטים אין דעם נאָר וואָס דעראָבערטן לאַנד כנען, דורך יהושע בן־נון, באַזונדער נפתלי און זבולון — שטאַרק אונטערדריקט געוואָרן. ברק, באַגייסטערט פון דבורה הנביאה, האָט אויפֿגעקליבן אַ מחנה פון צען טויזנט יידישע קעמפערס און אַוועק מילחמה האַלטן מיט סיסראן.ביים טייך קישון איז פאָרגעקומען די אַנטשיידענע שלאַכט. ברק מיט זיינע חיילות האָבן צעקלאַפּט סיסראַס אַרמיי. סיסראַ אַליין איז געטויט געוואָרן פון אַ פרוי יעל פון שבט הקיני.

אין דעם געזאַנגט פון דבורה הנביאה ווערט דערציילט וועגן אָט דער גרויסער שלאַכט:

„פון הימל האָט מען מלחמה געהאַלטן,
די שטערן פון זייערע שטעגן
האָבן מלחמה געהאַלטן מיט סיסראַן,
טייך קישון האָט זיי אַוועקגעפלייצט.
טייך, אַלטער טייך קישון,
טרעט אויף מיט מאַכט, מיין זעל.

(שופטים ה״כ׳ כ״א,
לויט יהואש)

דורכן שטח פון קיבוץ שניידט זיך אַ וואַדי. ווינטער, בעת די רעגנס, פליסט דאָס וואַסער פון די בערג אַראָפּ און פילט אָן די וואַדי.

צוליבן שטייניקן באָדן, איז שווער דאָ צו קולטיווירן בלומען־גערטנער. דאַקעגן וואַקסן דאָ קוסטעס און ביימער. די געביידעס זענען דאָ גרויסע, מאַסיווע, זענען ווייט אַרויסגערוקט צו די גרענעצן פון משק.

דער פאַרזיי־שטח פון יגור דערגרייכט ביז 30.000 דונאַם. די וויכטיקסטע אַגריקולטור־פּראָדוקטן זענען: ווייץ, מאַיס, פאַשע, ביינוול. פרוכטן־ביימער פון אַלע סאָרטן, אַפילו באַרן, זעט מען דאָ. גרויס איז די פרוכטן־גערטעניש,

אויף אַזוי וווייט, אַז ישראַלדיקע פּרוכטן ווערן היינט עקספּאָרטירט קיין איסלאַנד. יגור געהערט צו די ערטער אין לאַנד, וואָס האָבן גענוג וואַסער. אַ דאַנק דעם טאַקע, איז די געוועטעניש גרויס און ווונדערלעך זענען די יגורער וויינגערטנער.

קינדער־דערציִאונג און קולטור פאַר דערוואַקסענע

ווי נאָר אַ קינד ווערט דאָ געבוירן, ווערט עס איבערגעגעבן אין „בית־תינוקות". נאָך אַ יאָר צייט אין „בית־תינוקות", נעמט מען דאָס פּיצעלע פון דאָרט אַרויס און מען גיט עס אַריין אין „פּעוט". צו פיר יאָר גייט עס שוין אין גן־ילדים. פון גן — אין בית־ספר. אין פאָלקסשול לערנט עס ביז אַכט יאָר און נאָך דעם אין די „כתות המשך", אָדער תיכון (מיטלשול). צו בר־מצווה ווערט געמאַכט אַ קאָלעקטיווע פייערונג און דאָס בחורל באַקומט שיינע מתנות.

אַ שיינע, גרויסע און פאַרביקע וועלט זענען די קינדער אין קיבוץ. פון געבוירן ביז גיין אין מיליטער האָבן זיי זייערע אייגענע שפּיל־פּלעצער, שולן, דערציִאונגס־אַנשטאַלטן, אַן אייגענע געזעלשאַפט. כאָטש תמיד נאָענט פון די עלטערן — זענען זיי אָבער נישט קיין אָפטע געסט ביי טאַטע־מאַמע.

מען דאַרף פון דעסטוועגן זיך פאָרשטעלן, אַז דער גאַנצער אינטעלעקטועלער און דערציִערישער פּראָצעס איז ווייט נישט אַזוי לייכט, ווי עס זעט זיך אויס. חוץ אַלע אָביעקטיווע שוועריקייטן, וואָס אַזאַ אַרבעט טראָגט אין זיך, האָט מען פאָרט צו טאָן מיט קינדער פון עלטערן, וואָס קומען פון אַלע גלותן.

אויך די קולטור־אַרבעט גייט דאָ אויף אַן אינטענסיוון אופן. פאַראַן דאָ אַ גרויסע ביבליאָטעק, בערך 27.000 ספרים, 20.000 פון זיי אין עברית. אויפן צווייטן אָרט — יידיש. נאָך דעם — רוסיש, פּויליש, ענגליש, פראַנצויזיש. אויך אַ שיינע קינדער־ביבליאָטעק איז דאָ, און פּעדאַגאָגישע גע־הילפס־ביכער פאַר די לערער פון די שולן. נישטאָ נאָך אַזאַ אָרט, ווי אין

קיבוץ, וווּ מען ווייזט אַרויס אַזוי פיל פאַרשטענדעניש, פּיעטעט און באַ־ציאונג צום בוך.

כדי צו קאָנען אַדורכפירן אַזעלכע וויכטיקע דערציאונגס־אַרבעטן און אויפגאַבן, מוזן קודם כל געשאַפן ווערן געהעריקע געזעלשאַפטלעכע קאָ־מונאַלע פאָרמען און באַדינגונגען. דאָס קאָן זיכער נישט געטאָן ווערן דורך באַפעלן, דורך דרויסנדיקע פאַקטאָרן. אַזאַ אידעאַל ציבור־לעבן מוז קאָנען פון זיך אַליין אויסטיילן צוגעפּאַסטע מענטשן און געפינען די בייטיקע און צוגעפּאַסטע פאָרמען. פאָרמען, וואָס זאָלן שאַפן דערצו די גייסטיקע און פּסיכישע אַטמאָספער. יאָ, אויך דאָס מאַכט זיך נישט אַזוי לייכט, ווי עס רעדט זיך. די, וואָס פירן אָן מיטן אָרגאַניזירטן קיבוץ־לעבן פאַרמאָגן געזעלשאַפטלעכן טאַקט און פאַרשטענדעניש.

פון די אַריבער צוויי הונדערט קיבוצים אין ישראל געהער יגור צו די באַדייטנדיקסטע פון זיי. מאַכט זיך אַ מעשה, אַ יאָר פאַר דער באַ־פרייאונגס־מלחמה, בשעת עס איז אָנגעגאַנגען די אומלעגאַלע עליה:

געווען איז דאָס אין אַ שבת, דער „שוואַרצער שבת". פאַרטאָג, ווען אַלע אין משק זענען נאָך געשמאַק געשלאָפן, האָט זיך פּלוצעם ענגליש מיליטער אַריינגעריסן דורך די געשלאָסענע טויערן פון קיבוץ. די גאַנצע באַפעלקערונג, אויסער די קינדער, אַרעסטירט. די מענער האָט מען גלייך אָפּגעפירט קיין רפיה — אין מיליטערישן לאַגער. די פרויען — אין אַ צווייטן לאַגער. און די רעוויזיעס זענען דערווייל אָנגעגאַנגען מיט אימפּעט און פאַרביסנקייט. מען האָט געזוכט געווער. דאָס גאַנצע לעבן אין קיבוץ איז דערווייל פּאַראַליזירט געוואָרן. מען האָט, זוכנדיק, צעבראָכן די פּאָדלאָגעס, אויסגעריסן ווענט און חרוב געמאַכט הייזער, מאַגאַזינען. רואינירט און פאַרניכטעט מיט זייערע געפּאַנצערטע מאַשינעס פאַרזייעטע שטחים פון הונדערטער דונאַם.

דריי וואָכן צייט איז יגור אָקופּירט געווען פון ענגלישן מיליטער. נאָך דעם, ווי מען האָט די באַלאַגערונג אַראָפּגענומען — האָט מען זיך גענומען צוריק צו דער אַרבעט: אויפבויען די צעשטערטע ווירטשאַפט. גאַנץ מאַכן די דעמאָלירטע וווינונגען. צוליב וואָס איז דאָס געשען? מעשה שהיה כך

היה: דער קיבוץ האָט געהאַט איינגעאָרדנט אַ קאָנצערט פון זיין כאָר. אין דער זעלבער צייט, ווען דער עולם האָט מיט גרויס הנאה זיך צוגעהערט צום געזאַנג, זענען אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט — איבער פעל־דזיקע שטעגן און וועגן — געפירט געוואָרן 200 מעפּילים, וואָס די הגנה־לייט האָבן באַפרייט פון עתליתער לאַגער. 200 אויסגעמאַטערטע, געפּייניקטע, פאַרפאָלגטע יידן האָבן באַדאַרפט אַ מקלט באַקומען אין קיבוץ יגור. אַ סברה, אַז די ענגלענדער האָבן זיך דערפון באַצייטנס דערוווּסט. טאַקע די זעלבע נאַכט, וואָס די מעפּילים זענען אין קיבוץ געוואָרן אַריינגעבראַכט — האָבן די ענגלענדער דעם גאַנצן שטח אַרומגערינגלט. געמאַכט די רעוויזיע. קיינעם נישט אַריין־און־אַרויסגעלאָזט פון קיבוץ. אַלע ווי איינער, עלטערע און קינדער, האָבן דעם שבת געהאָלפן אין דער הייליקער אַרבעט פון אויס־באַהאַלטן די מעפּילים. דאָס איז געווען אַ „שוואַרצער שבת" פאַר דער ענגלישער מאַכט אין ישראל. אָבער די חברים פון יגור האָבן אַריינגע־שריבן אַ שיין און העלדיש בלעטל אין דער געשיכטע פון יידישן קאַמף.

פייערונג לכבוד 38 יאָר יגור.

די געשיכטע פון יגור איז פול מיט העראָישע טאַטן פון זיינע גרינדערס און בויערס. דער קאַמף, ביזן צוקומען צו דעם ווינקל „צווישן באַרג און כביש", האָט געדאַרפט דורכמאַכן אַ סך פּאַזעס. פריער מיט דער נאַטור: שטיינער, ווילד־געוויקס און פאַרסמטע זומפּן. נאָך דעם — מיט די אַראַבישע שכנים. די קליינע צאָל יגורער, באַהויכט מיט אַ טיפן גלויבן אין אייגענע כוחות, האָבןביידע באַקעמפט און געוואָרן אַ מוסטער פאַר אַ סך.

יגור איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1922 דורך „אחוה" — אַ קבוצה פון דער צווייטער עליה. זי איז אַהער געקומען נאָך אַרומוואַנדערן און וואָגלען איבערן גאַנצן לאַנד. נאָך אַ סך נישט געלונגענע פּרווון און אַנ־טוישונגען.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך די גרופּע אויפגעהאַלטן אין עין־גנים, ביי פּתח־תקוה. בעת דער בריטישער אינוואַזיע איז אַ טייל

פון דער קבוצה אַוועק אין יידישן לעגיאָן. נאָכן צוריקקומען האָט מען זיך ווידער צוזאַמענגענומען, געוואַנדערט איבער פאַרשיידענע געגנטן און לסוף אויסגעקליבן — יגור.

זיצן מיר אַזוי און הערן די געשיכטע, אין אַ ווינקל פון גרויסן חדר־אוכל, און מען ווערט נישט מיד פון הערן. אַרום אונדז — אַ גרויסער עולם: טאַטעס, מאַמעס, קינדער, אויך אייניקלעך האָט שוין דער קיבוץ. ווילן זיי גאָרנישט שלאָפן גיין. זיצן אויף די הענט פון די זיידעס, שפּילן זיך מיט זייערע גראָע טשופּרינעס און מיט די בכבודיקע וואָנסעס פון יונגע טאַטעס.

אין גאַס איז אַצינד רעגנדיק און קאַלט. אין זאַל — אַלע אין ווייסע העמדער, כאַקי־הויזן און בלויזע אויפן חלוצישן שטייגער. די פּנימער שיינען פאַר שמחה. עפּעס אַ קליינינקייט — יידישע דעלעגאַטן פון חוץ־לאָרץ.

מיט אונדז איז בר־יהודה. ער דערציילט געשיכטעס וועגן פּתח־תקוה, וועגן דגניה, וואָס פייערט איצט 50 יאָר. דגניה, די עלטסטע שוועסטער פון אַלע קיבוצים. נישט קיין שוועסטער — נאָר אַ מאַמע פון אַלע קיבוצים.

פלוצעם הערן זיך די קלאַנגען פון דער „התקוה". אָבער דאָ, אין יגור, קלינגט זי גאָר אַנדערש, די התקוה: פייערלעך און מעכטיק. דער עולם האָט זיך אויפגעהויבן פון די ערטער. אַלט און יונג, קליין און גרויס — אַלע האָבן צוגעהאָלפן זינגען. מיט התלהבות, מיט ברען, זינגט מען דאָ די „התקוה". און וווּנדערלעך: מיטן זעלבן כוח און ברען שאַלט אַצינד דער אינטערנאַציאָנאַל. כ'האָב געפילט ווי אַלעמענס הערצער קלאַפּן צום טאַקט פון גרויסן, אַלמענטשלעכן הימען. איך זע פאַר זיך רויטע און ווייס־בלויע פענער — פאַרברידערטע פלאַטערן זיי. פלאַטערן איבער אַלעמענס קעפּ. און זאָלן ציניקער, וואָס לאַכן פון ביידע פענער, ווייטער לאַכן. פאַר די, וואָס גלייבן, איז עס אַ ביז גאָר דערהויבענע איבערלעבונג.

לעם מיר איז געשטאַנען די משפּחה פלד: די פרוי, דער מאַן און זייער פּופּצן־יאָריק איהלע, וואָס האָט ממש אונטערגעשפּרונגען פון פרייד. ביי דער דאָזיקער משפּחה בין איך טאַקע איינגעשטאַנען, גענעכטיקט.

די וותיקים אין קיבוץ האָבן שיינע, זעלבשטענדיקע דירות. דער קיבוץ קאָן זיך שוין דערלויבן היינט צו טאָג אָט דעם לוקסוס פון שיינע דירות. דאָס קאָלעקטיווע לעבן איז אויף אַלע געביטן געגנוג פאַרזיכערט און יסודות־דיק איינגעשטעלט. אַלע האָבן דאָ איין־און צוויי־צימערדיקע דירהלעך מיט אַ באַזונדערן באָד־צימער, קיך. עסן עסט מען בציבור. באַזונדערס קאָן זיך יעדער משפחה מאַכן טיי און אַ לייכטן צוביס ביי זיך אין שטוב, פאַרבעטן געסט און מאַכן זיך היימלעך — יעדער לויט זיין שטייגער.

שענק און ביכער־שענק, פיינע מעבל און אַ ריינקייט, וואָס מען זעט נישט אין די שטעט. ברייטע ליכטיקע פענצטער. גערטנדלעך, בלומען ביי די פענצטער און ביי די איינגענג.

די ביבליאָטעק איז, זאָגן זיי, די נוצלעכסטע זאַך אין שטוב. די באַר־לעבאָסטע — האָט שטודירט פעדאַגאָגיק אויף דער וואַרשעווער אוניווער־זיטעט — העלפט זי איצט אַ סך אַרויס מיט די ביכער פון איר אייגענער ביבליאָטעק ביי דער פסיכאָפעדאַגאָגישער אַרבעט, אַלס אָנפירערין פון אַן אַנשטאַלט פאַר צוריקגעשטאַנענע, דעפעקטיווע קינדער. זיצן מיר ביים טיש און שמועסן. די באַלעבאָסטע דערלאַנגט טיי און די קליינע איהלע ליגט אויף דער סאָפקע און הערט זיך איין מיט באַזונדערן דרך־ארץ צו דעם שמועס פון טאַטע־מאַמע מיטן גאַסט.

מאַן און פרוי — שיינדל און פיניע — רעדן אַ שיינעם פינסקער יידיש. די דרייסיק יאָר זיין אין לאַנד האָבן גאָרנישט „אָפּגעדונגען" פון זיין פרישקייט. נאָך פאַרן קומען אַהער פון פינסק האָבןביידע געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער חלוצישער באַוועגונג. פיניעס פאַמיליען־נאָמען פעלדשטיין איז אַזוי לאַנג געשליפן געוואָרן, ביז עס איז געבליבן פלד — שטאָל, ריינער שטאָל...

גערעדט האָבן זיי מיט אַזאַ נאַטירלעכער באַשיידנקייט, וואָס מען קאָן נאָר טרעפן ביי קיבוץ־מענטשן. נישט וועגן זיך האָבן זיי גערעדט, נאָר וועגן די קינדער: וועגן איהן וואָס איז שוין געשמאַק געשלאָפן, און וועגן די צוויי אַדאָפּטירטע — יאַרין... און מנחמען, אַצינד אין מאָנטעווידעאָ.

ערשט אַרום אַ זײגער פיר פאַרטאָג האָבן מיר פאַרענדיקט דעם אומעט־שמועס...

— ווי זעט ער אויס, מנחם — האָט שײנדל עטלעכע מאָל שטיל געפרעגט. ציטער און זאָרג האָט זיך אין איר פראַגע געפילט.

אויף מײן ענטפער, אַז ער לאַכט, אַז ער איז תמיד פרײלעך און פילט זיך ווי אין דער היים, האָט זי נאָך אַ מאָל אַ פרעג געטאָן:

— בענקט ער נישט אַהײם?

זײ רעדן צו מיר קורצע, אָפּגעהאַקטע רײד. האַלבע נישט דערזאָגטע זאַצן. זײ ווילן שוין מנחמען האָבן לעבן זיך, פאַרשטײ איך. איך האָב זיך באַמיט אויפצוקלערן, בשײכות מיט דעם, אַ סך זאַכן, וועלכע זענען פאַר זײ געווען אומבאַקאַנט. לײדער, איז דעם ישׂראל־מענטש, און אַמווינציקסטן דעם מענטש אין קיבוץ, נישט באַקאַנט דאָס לעבן פון די ייִדן אויסער ישׂראל. די ישׂראל־פרעסע אינפאָרמירט נאָר וועגן אַלגעמײנע דערשײנונגען. איז שווער פאַר אַזאַ אײנעם, זיך צו שאַפן אַן אמת און געטרײ בילד פון לעבן אין תפוצות.

*

מנחם און רחל זענען געווען פון די קינדער, וואָס די מלחמה האָט זײ געבראַכט ווי יתומים. רחל איז געקומען מיט אַ גרופּע קינדער דורך פּערסיע, אין 1944; מנחם — אין 1946 פון פּוילן. דער קיבוץ האָט זײ אויפגענומען, דערצויגן, זײ חתונה געמאַכט און זײ זענען שטאַלצע, שעפערישע מענטשן. אָבער די משפחה פּלד — די פּינסקער חלוצים — האָבן זײ דערנענטערט צו זיך, זיך צוגעוווינט צו זײ און זײ פאַמיליאַריזירט אַזוי ווי אײגענע קינדער. איז טאַקע זײער זאָרג פאַר רחלען און מנחמען, ווי די זאָרג פון טאַטע־מאַמע פאַר זײערע קינדער.

די נאַכט אין יגור איז פאַר מיר געווען אַ טיפע, נשמהדיקע איבערלעבונג. ליגנדיק אַזוי ביזן הענער־געקרײ אויפן געלעגער, האָב איך געטראַכט: — וועל איך דאָס אַלץ געדענקען? געדענקען צו דערצײלן וועגן אַלץ, וואָס איך הער און זע און לעב איבער? עפּעס האָט מיך נישט גע־

צויגן צו מאַכן נאָטיצן. פאַרצייכענען, ווי עס פירט זיך געווייגלעך, אין אַזעלכע פאַלן. צו מעכאַניש איז מיר אויסגעקומען, צו פאַרנאָטירן, וואָס מען דערציילט מיר. איך האָב זיך פאַרלאָזט אויף מיין זיכרון און אויף מיין אינטואיציע: מן הסתם האָבן זיך ערגעץ ווו די איבערלעבונגען „אָפּגראַווירט״...

כעלות השחר האָב איך זיך שוין געגומען גרייטן אין וועג אַריין. אין חדר האוכל האָט זיך שוין געדועדערט. אָבער געגעסן האָב איך ביי דער משפחה פלד אין שטוב. די איידעלע, ווייניק־ריידעוודיקע שיינדל האָט דעם פרישטיק פאַר מיר פון חדר־אוכל אין שטוב אַריינגעבראַכט.

איך גיי אַרויס אויפן הויף. דער טאָג שטעלט זיך איצט. דער הימל — אַזוי לויטער־בלוי און ריין. קיין וואָלקנדל, קיין שפּרענקעלע אין דעם אויסגעליכטיקטן דרויסן. ווי שיין זענען דיינע הימלען — ישראל, האָט זיך מיר געוואָלט אויסשרייען.

שיינדל האָט מסתמא געזען מיין פאַרוווּנדערונג און זיך צו מיר אָנגערופן:

— מען זאָגט, אַז די אַמעריקאַנער זענען פּראַקטישע מענטשן. איך וואָלט עס אויף אייך נישט געזאָגט...

— אויך אויף די היינטיקע קיבוץ־מענטשן — ענטפער איך — זאָגט מען, אַז זיי זענען פּראַקטיש, אָן אַמאָליקן אידעאַליזם. און געזען האָב איך אין אייער קיבוץ עפּעס אַנדערש: שיער נישט ווי אין דער פאַנטאַזיע פון הערצל...

— מיר פילן דאָס נישט — גיט צו שיינדל מיט אַזאַ נאַטירלעכייט און תמימות, אַז מען מוז איר גלייבן...

שטיי איך אין משק און פאַררייס דעם קאָפּ צום הר הכרמל. מאָדנע: עפּעס איז ער איצט אַזוי מילד און רואיק. באַרואיקנדיק ווירקט ער אויף מיין פרימאָרגן־געמיט, פונקט ווי די מענטשן דאָ, וואָס האָבן אויך מיטן באַרג זיך באַפריינדעט, מיט יעדן טאָג שטייגן זיי וואָס העכער און העכער אויף אים. באַפּלאַנצן, באַפּוצן און באַלעבן אים. און ס׳דאַכט זיך, אַז אויך דער באַרג איז ווי אַ טייל פון קיבוץ. ער ווינקט, ער רופט:

חיים וואַרזאַגער

— קום, בן־אדם, באַלעב מיך און באַזעטיק אַלע הונגעריקע יידישע קינדער פון דיינע צוואָנציק עדות.

דער גאַנצער משק וועקט זיך פון שלאָף. יעדער איילט צו זיין אַרבעט. מיין באַגלייטערין לאַדט מיך איין באַזוכן די קינדערהיים און דעם גן־ילדים. איך טו עס גערן, כאָטש כ׳האָב זייער ווייניק צייט. דער אויטאָבוס איז שוין גרייט אין וועג אַריין און וואַרט אויף אונדז.

נישט צו לוקסוסדיק זענען די דירות אין קינדערהיים. דערפאַר אָבער ציכטיק און ריין. די ווענט זענען באַהאַנגען מיט בילדער. פּייזאַש־בילדער, פייגל, שטוב־חיות און אַנדערע.

— עפּעס זינגען היינט אין דרויסן די פייגעלעך שענער ווי שטענדיק — ווענדעט זיך צו מיר מיין באַגלייטערין.

— דאָס איז צוליב דעם יום־טוב, וואָס יגור האָט געפייערט נעכטן אָוונט — ענטפער איך.

— מעגלעך. אפשר זענט איר גערעכט.

— נישט „אפשר”. זיכער דאַנקען איצט מיט שירה די פייגעלעך פון יגור פאַר דעם געזאַנג, וואָס האָט נעכטן פון חדר־אוכל צו זיי אַרויף זיך דערטראָגן.

איך באַזוך דעם קינדערגאָרטן, אין דער איינאָרדענונג, אין דעם די־דאַקטישן מאַטעריאַל, אין די אַרבעטן פון די קינדער אויף די ווענט — האָב איך דערקענט די וויכטיקע פּעדאַגאָגישע לאַבאָראַטאָריע.

דער אויטאָבוס איז שוין פון לאַנג גרייט געווען אין וועג אַריין. איך האָב זיך האַרציק געזעגנט און אַריין אין אויטאָבוס.

פון תל־אביב – ביז דפנה און משגב־עם...

רמת־אביב — די ישראלדיקע „גאָמולקאָוואַ"...

אָנגעהויבן דעם באַזוך האָבן מיר פון רמת־אביב. דאָס איז אַ נייער שטאָט־טייל, צפונדיק פון תל־אביב און ציט זיך פאַזע דעם אייניקן און מאָגערן ירקון־טייכל. נאָר־וואָס אויסגעענדיקטע נייע געביידעס. גרויסע הייזער־בלאָקן זענען דאָס, ווי ביי אונדז, למשל, די „האָריזאָנטאַליעס". דאָ רופט מען זיי: די ישראלדיקע „וואָלקנקראַצערס". אויסנווייניק און אינעווייניק — דאָס לעצטע וואָרט פון דער בוי־טעכניק.

אין דער דאָזיקער נייער געגנט זענען קאָנצענטרירט, מערסטנס, מענטשן פון דער לעצטער פוילישער עליה. פאַראַן דאָ אויך עולים פון רומעניע, אונגאַרן און אַנדערע לענדער. עס דאָמינירן אָבער די פוילישע. פון דאַנען — דער צונאָמען „גאָמולקאָוואַ". גאָמולקאָס פּאָליטיק איז געווען אַ קלאָרע: דערמעגלעכן די יידן אַרויסצופאָרן פון פוילן. אַ געמיש פון שפּראַכן הערט מען דאָ. מאַמע־לשון איז אויך דאָ, ווי אומעטום צווישן נייע עולים — אויפן ערשטן אָרט נאָך עברית.

רמת־אביב איז געוואָרן דאָס ווינאָרט פון באַקאַנטע יידישע שרייבער און אינטעלעקטועלע — פון די ניי־צוגעקומענע און פון די וותיקים. דאָ האָט געוווינט משה גראָסמאַן, דער רעדאַקטאָר פון „היימיש".

זאָלן אָט די עטלעכע ווערטער זיין אַ טרער אויף זיין פרישן קבר.

אַ טאָג בין איך געווען זיין גאַסט. ער איז אָקערשט געהאַט געקומען פון שפּיטאָל, דורכמאַכנדיק אַ שווערע האַרץ־קראַנקהייט. געטראָפן האָב איך אים, ווי זיין טבע, ביים אַרבעטס־טיש — פול מיט אַרבעטס־לוסט און

מיט... פלענער. משה גראָסמאַן איז, אין תוך, געווען אַ ליבלעכער און פריינטלעכער מענטש, הגם זיין פען איז געווען שאַרף ווי אַ שווערד... איר האָט מיט אים יאָ אָדער נישט געקאָנט מסכים זיין, אָבער דער זאָג און אַריינזאָג זיינער איז געווען פלאַם־פייער — און דערלאַנגט מיט גרויס טאַלאַנט. דער מחבר פון „אין פאַרכישופטן לאַנד פון דזשוגאַשווילי" האָט מיך אויפגענומען מיט אויפריכטיקער קאָלעגיאַלער (זיין וואָרט) פריינד־שאַפט, אפילו מיט עמאָציע.

אין רמת־אביב וווינט אויך די אויסערן־מיניסטאָריך — גאָלדע מאיר. נישט קיין קלענער כבוד פאַר דער גרויסער, נייער תל־אביבער פאָרשטאָט.

נתניה און חדרה — צוויי שיינע שטעטלעך, וואָס דערמאָנען אין דער אַלטער היים.

אַ גלייכער וועג פירט פון רמת־אביב קיין נתניה. אַ שיינע און ריינע שטאָט. אין דער אַלטער היים וואָלט מען געזאָגט — שטעטל. דעם טאָג איז גראָד דאָס רואיקע שטעטל אויפגערודערט געווען פון אַ געשעעניש. אַ געשעעניש פון פאָזיטיוון כאַראַקטער, וואָס האָט צוגעגעבן אַ סך קאָלאָ־ריט. עס איז געעפנט געוואָרן אַ פיר־חדשימדיקער אינטערנאַציאָנאַלער קורס פאַר לייטערס, אָנפירערס פון בוי־אַרבעטן. אין קורס האָבן זיך באַ־טייליקט 21 קורסאַנטן פון אפריקאַנער לענדער (ניגעריאַ, קעניאַ, מאַורי־ציוס, סיעראַ־לעאָנאַ, גאַנאַ, ליבעריאַ, טאַנגאַניקאַ). די לעקטאָרן זענען פון חיפהער טכניון און „אָרט" און פון אינסטיטוט פאַר אַרבעטס־פּראָדוק־טיוויטעט.

נישט ווייט פון נתניה געפינט זיך אַ מעברה, אַן איבערגאַנגס־לאַגער. אַרום אַ פופציק משפחות לעבן דאָרט. בעת מיינע באַזוכן אין לאַנד האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף נאָך עטלעכע מעברות, וואָס האַלטן זיך שוין אין ליקווידירן. אַ סך פון די איינוווינער ווילן זיך נישט שיידן מיט זייער מיזעראַבלען־לעבן. די רעגירונג שלאָגט זיי פאָר בעסערע דירות פאַר קליינע אָפּצאָלן, איז גרייט איבערצובויען זייער סאָציאַל און פּראָפעסיאָנעל לעבן,

איינשטעלן אַ העכערן קולטורעלן לעבנס־שטייגער. זיי זענען אָבער מסתמא נישט גרייט פּסיכאָלאָגיש צו אַזאַ טיפער טראַנספאָרמאַציע. אין די מעברות דאַרפן זיי נישט זאָרגן פאַר דער דערציאונג פון זייערע קינדער און האָבן במילא נישט קיין פליכטן פאַרן לאַנד און לאַנד־פּראָבלעמען. עס איז זיי, זעט אויס, נאָך אַלץ בעסער ווי אין די פריערדיקע היימען: צפון־אַפריקע, תימן און איראַק.

צום גליק זענען די גרעסטע טייל לאַגערן ליקווידירט געוואָרן. שיינע יידישע ישובים און שטעט בליען איצט אויפן אָרט פון די געוועזענע לאַגערן.

מיר זענען אָנגעקומען קיין חדרה. חדרה רעכנט זיך פאַר אַ יונגער שטאָט. זי האָט אָבער אַן אַלטע און אינטערעסאַנטע געשיכטע. געהייסן האָט זי פריער „אַלכאַדיקאַ" אויף אַראַביש. דאָס מיינט — גרינס. זי איז ווירקלעך געדיכט באַוואָקסן, אַ סך ביימער טרעפט מען דאָ און אויפן וועג אַהער. רוסישע יידן האָבן געקויפט דעם באָדן אין יאָר 1890. אַ יאָר שפּעטער האָבן זיי זיך דאָ באַזעצט. געווען דאָ אויך אַ ישוב אין די פּרעהיסטאָרישע צייטן.

די ערשטע איינוווינער האָבן שטאַרק געליטן פון פאַרשיידענע קראַנק־הייטן און גאָר באַזונדער פון — קדחת. אַנטוויקלען האָט זיך חדרה אָנגע־הויבן נאָך דעם ווי ס'איז פאַרלייגט געוואָרן די באַן־ליניע חיפה־תל־אביב, וואָס פאָרט פאַרביי חדרה. דאָס שטעטל איז מאַלעריש, שיין. אַרום און אַרום — פּרדסים, עקאַליפּטוסן און אַנדערע ביימער. אַ קאָנסערוון־פאַבריק איז דאָ אויפגעשטעלט געוואָרן מיט עטלעכע יאָר צוריק. אַ סך אַראַבער וווינען אין שטאָט און אין דער אומגעגנט.

מיר פאָרן אין קיבוץ „מצר"

דער וועג פירט אויף אַ הויכקייט. דער קיבוץ געהער צו השומר־הצעיר. ציילט 165 נפשות. בשעת מיר זענען אָנגעקומען, איז דער גאַנצער עולם געווען ביי דער אַרבעט. אויפגענומען האָט אונדז אַ קאַרדאָוועער פאַמיליע. אין קיבוץ פאַרנעמט קאַרדאָווע אַ בכבודיק אָרט. איבער צוואַנציק מענטשן געפינען זיך פון דער גרויסער אַרגענטינער שטאָט.

אַ טאָג פאַר אונדזער אָנקומען איז דאָ געבוירן געוואָרן דאָס פופציקסטע קינד. אַ פרייד, אַ גרויסער יום־טוב איז דאָס געווען פאַר די קיבוץ־מענטשן. דאָס ערשטע אָרט אין קיבוץ־לעבן פאַרנעמען דאָ די קינדער. אויף זיי ווערט גאָר אַ סך אַכט געלייגט. דער נייער דור איז דאָך די צוקונפט פון ישראל. דאָס איז געווען אַ טאָפּלטע שמחה. וואָרעם דעם זעלבן טאָג פון פייערן דעם יום־טוב פון פופציקסטן קינד, איז געפּראַוועט געוואָרן מיט נישט ווייניקער אינטערעס דער געבוירנטאָג פון עלטסטן מצר־איינוווינער — צו זיין ווערן אַ בן־שבעים.

קומען קומט ער פון קאָרדאָווע. דאָרטן, וואָס אַן אמת, איז ער נישט געווען קיין פעלד־אַרבעטער. אָבער דאָ, זאָגט ער, קאָן ער זיך פאַרמעסטן מיטן ייִנגסטן פון די „צוציקעס" אין אַלע אַרבעטן. דאָרט האָט ער גראָד געהאַט אַן אינטעליגענט „פאַך" — אַ סוחר. ער וואָלט זיכער אַזוי געלעבט די רעשט יאָרן, וואָס איז אים פון הימל צוגעטיילט געוואָרן, נאָר אַז די קינדער זענען זיך צעפאָרן: און נישט סתם צעפאָרן, נייערט קיין ישראל בויען אַ ניי לעבן — וואָס זשע האָט ער באַדאַרפט טאָן? האָט ער טאָקע לאַנג נישט געטראַכט, „ליקווידירט דעם גלות" און געקומען אַהער, צו זיך אַהיים און צו זיינע קינדער.

— זענט איר, פאַרשטייט זיך, צופרידן פון דער טאַט — פרעג איך איבער דעם סימפאַטישן אַלטן מאַן מיטן יונגן פּנים.

— וואָס הייסט צופרידן? — גליקלעך. וואָס דען? זיצן און קוקן אויף קאָרדאָווער בערג? — אויב שוין קוקן אויף די בערג — איז דאָך בעסער אויף אייגענע בערג — העלפט אים אַרויס זיין פרוי, וואָס זיצט לעבן אים.

אין אַ שטילערן, אינטימערן שמועס מיט די קיבוץ־חברים ווער איך אויך געוואויר וועגן געראַנגל און אומצופרידנקייט, וואָס פאַרנעמט נישט קיין קליין אָרט אין אָרטיקן קיבוץ־לעבן. בעיקר גייט אַן דער שטילער געראַנגל צווישן די אַלטע, די וותיקים, און נייע עולים. דאָס איז סימפּטאָמאַטיש און כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סך קיבוצים. די אַלטע קיבוץ־חברים האָבן, נאַטירלעך, אַלע פּאָזיציעס אין זייערע הענט. זיי זענען באַרופן דערצו, מיינען זיי, נאָכן דורכמאַכן דאָ שבעת מדורי גיהנום. דאָס באַפרייט

אָבער נישט די נייע צוגעקומענע חברים, וואָס האָבן פון זייער גוטן ווילן פאַרלאָזט זאַטע היימען, פון טענות און... קאָמפּלעקסן.

די אומצופרידנקייט האָט, ווי די זאַך זאָל נישט מאָדנע אויסזען, אויך אַ גוטע זייט: זי „צווינגט" אַרויף אויף די עולים־חברים גאָר גיך דאָס אַקלימאַטיזירן זיך. דאָס איז דער איינציקער וועג, קומען זיי צום באַשלוס, צו איינערלעכן שלום, צו אַרבעט, צו פאַרבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען פון קיבוץ צום ווויל און נוץ פון אַלעמען.

פאַרן פאַרלאָזן דעם קיבוץ האָט אונדז די פרוי פון דעם בעל־יובל מכבד געווען מיט היימישע קיכלעך און גוטער קאַווע.

מעגן־מיכאל — אין דער מלוכה פון ווייסע הינער און די מלאכה פון מאַכן לעבעדיקע פיש...

דער שאָפער, וואָס פירט אונדז, איז אויך אַ נייער עולה. אָבער ער קען דאָס לאַנד, ווי זיינע צען פינגער. ער איז אַ האַלבער בעסאַראַבער, זאָגט ער, און אַ האַלבער פּוילישער. קען אויך גוט יידיש. איז אַן אָנגעשטעלטער ביי דער סוכנות. פירט אַרום געסט איבערן גאַנצן לאַנד. לערנט ער זיך פון זיי שפּראַכן און זיי לערנט ער דערקענען דאָס לאַנד.

איצט פירט ער אונדז אין „מעגן־מיכאל", וואָס געהער צום „קיבוץ המאוחד" און ליגט זייטיק פון שאָסיי, פאַזע דעם ים, אַריבער דרייסיק קילאָ־מעטער דרומדיק פון חיפה. אויפגעשטעלט געוואָרן איז דער קיבוץ אין יאָר 1949 פון אַ גרופּע חברים פון דער סקויטן־באַוועגונג. נישט ווייט פון קיבוץ שניידט זיך דאָס טייכל נחל התנינים (קראָקאָדיל־טייכל) — אַ זכר פון דער גרויסער שטאָט — קראָקאָדילאָנפּאָליס.

אַן אינטערעסאַנטער פּרט: „פּיקא" האָט צוגעטיילט די ערד, אַפילו געגעבן געלט אויף בויען הייזער און אויך אַנדערע איינריכטונגען. די חלוצים געדענקען דאָס צום גוטן און דערמאָנען עס שטענדיק. אָן דער דאָזיקער הילף וואָלט דער קיבוץ געשטאַנען אַ סך ערגער מאַטעריעל און עקאָנאָמיש.

חיים וואַרזאַגער

דאָרט איז מיר צום ערשטן מאָל אויסגעקומען צו זען פון דער נאָענט אַ לול, אַ הינערשטייג פון איבער אַכט טויזנט עופות. אַלע הינער — פון איין ווייסער ראַסע. פון אינעווייניק איז אויך אַלץ ווייס געקאַלכט. ליכטיק ווערט אין די אויגן נאָכן איבערטרעטן די שוועל פון אַ ישראלדיקער הינער־שטייג...

די הינער האָבן זיך אַ ביסל דערשראָקן, ווען מיר זענען אַריינגעקומען אינעווייניק און זיך גענומען צוזאַמענטוליען. שפּעטער זענען אייניקע אַרויס מיט אַ געקריי — אַ מין שלום עליכם... עטלעכע מינוט נאָך דעם האָבן זיי זיך באַרואיקט.

אַלץ איז דאָ מעכאַניזירט: סיי דער אופן פון געבן עסן און — דאָס געבוירן פון די עופהלעך. דער אינקובאַטאָר „געבוירט" זיי אין די הונדערטער. אָן ווייען און אָן געשרייען קומען זיי אויף דער וועלט. — אַלע, ווי פון איין מאַמען: ווייסע־ווייסע עופהלעך. אַ שיינע זאַך, אַ וווּנדער, ממש, צו זען. און בפרט, אַז דער ווונדער געשעט פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת אין אַ הינערשטייג, אין אַ יידישן קיבוץ.

דער הינער־האָדעווער, אַ בועגאָס־איירעסער בחור, האָט פריער געלערנט אין אוניווערזיטעט, געוואָלט זיך דערשלאָגן צו אַ דאָקטאָר־דיפּלאָם — איז דאָ — מיטאַמאָל געוואָרן „קעניג" פון די הינער. אַ קעניג איבער אַ שטילער שלווהדיקער „מלוכה"...

בישט נאָר מיט הינער־צוכט פאַרנעמט זיך מעגן־מיכאל. אויך פיש האָדעוועט מען דאָ. אָט די מלאכה דאַרף מען ערשט גוט קאָנען. וויסנשאַפטלעכע צוגרייטונג באַדאַרף מען דערצו.

פאַראַן דאָ קליינע, קינסטלעכע טייכלעך. לאָזט מען אַריין פריער אַ מוטער־פיש מיט אַן „ער". מען קאָרמעט זיי מיט מאַיס, אַ מין ספּעציעל מאכל. דאָס „פּאָרל" מאַכט אַ לעבן און עס ווערן געבוירן קינדער... די גרויסע, דערוואַקסענע פיש, נעמט מען אַרויס שפּעטער צום פאַרקויף.

אַרויספאָרנדיק פון מעגן־מיכאל, קומען מיר אַריין אין אַ קייט פון בערג. מיר פאָרן איבער זיי און אונטער זיי. דערביי פילט מען נישט, ווען און ווי אַזוי דער געניטער שאָפער מאַכט דאָס אַלץ. — אָט איז מען ווידער

גאָר הויך, אויפן סאַמע שפּיץ פון אַ באַרג, וואָס זיין „פלאַכלאַנד" איז אַזוי גרויס, אַז מען פאַרגעסט, אַז ס'איז באַרג. פון דאָרט זעט מען גאַנץ עמק־יזרעאל.

— אָט דער טאָל — מאַכט דער שאָפער — איז דער ברויט־שפּייכלער אונדזערער. — פון דעסטוועגן דאַרף מען נאָך אַלץ אַנקומען קיין קאַנאַדע, צו קויפן ווייץ — ענטפער איך.

— אין דעם, זעט איר, זענען שוין נישט שולדיק די יידן — ווּיצלט זיך שוין דער שאָפער, ווי צווישן אייגענע — אין דעם איז שולדיק דער אַלטער פירער... משה רבנו. געמיינט האָט ער טאַקע קאַנאַדע, — איז ער מסביר מיטן אַן ערנסט פּנים — נאָר מחמת ער איז געווען, נישט פאַר אונדז גע־דאַכט, אַ כבד־פּה, איז ביי אים קאַ־נאַ־דע אויסגעקומען כ־נ־ע־ן...

אין דער אמתן איז עמק יזרעאל טאַקע דער גרעסטער טאָל, וואָס ציט זיך לענג־אויס דעם גאַנצן לאַנד: פון די כרמל־בערג, די הרי־אפרים, דער „גלבוע" און פון צפון — די בערג אין גליל, דער תבור־באַרג און „גבעת המורה". ווי אַ דרייעק זעט אויס דער עמק־טאָל צווישן די בערג. אויך דער דאָזיקער טאָל, וואָס האָט פאַרשפּרייט קראַנקהייטן איבערן גאַנצן אַרום — האָט דער קרן קיימת אויסגעלייזט און מיט יידישן שווייס, אַרבעט, בלוט, געמאַכט אים פאַרן שפּייכלער פון ישראל. אין דעם דאָזיקן פּרוכטבאַרן פלאַכלאַנד געפינען זיך צענדליקער ישובים.

מיר זענען אויפן וועג קיין נצרת. אויף דער הויכקייט, רעכטס פון עמק, זעען מיר איינעם פון די גרעסטע וועלדער אין לאַנד — יער בלפור.

אַלט נצרת און ניי נצרת

די שטאָט ליגט אין אַ טאָל. מיר זעען דעם ערשטן אַראַבישן אויטאָ־בוס. אַן אַלטער בלעך־קאַסטן אויף פיר רעדער. קרעכצנדיק שלעפּט ער זיך. און אויך די פּאַסאַזשירן קרעכצן אונטער פון ענגשאַפט און איבער־פולטקייט. קרומע גאַסן און געסלעך. בערג אויף בערג, בערגלעך, הויכ־קייטן און פלאַכע ערטער. די וועגן זענען נישט ברוקירט. שטויב און אַלט־

קייט. די מערסטע הייזקעס — אין אַלט־אַראַבישן סטיל. דאָס איז די פּאַר־הייליקטע אַלטע שטאָט נצרת, אין די יידישע מקורות ווערט די שטאָט נישט דערמאָנט. ערשט אַרום דעם זיבעטן יאָרהונדערט ווערט נצרת דער־מאָנט דורך דעם פּאָעט — אליעזר הקליר. לויט די קריסטלעכע קוועלן זאָלן דאָ אין זעקסטן יאָרהונדערט האָבן געלעבט יידן.

אַממיינסטן וואַרפן זיך דאָ אין די אויגן קירכעס, געבעט־הייזער, מע־טשעטן. אונטער די דאָזיקע בנינים געפינען זיך היילן און קאַטאַקאָמבעס. אָן אַ שיעור לעגענדעס און מעשיות גייען דאָ אום וועגן לעבן און התנהגות פון הייליקן מאַן פון נצרת. זענען מיר טאַקע נישט פויל געווען און געמאַכט עטלעכע באַזוכן אין יענע היילן און ערטער, ווו „ער" זאָל זיך האָבן אויפ־געהאַלטן.

דער, וואָס פירט אונדז אַהין, איז אַן אַראַבער. דאָס ערשטע פרעגט ער אונדז, אויף וועלכער שפּראַך מיר ווילן הערן די דערקלערונגען. ביים ערשטן בליק אויף דעם אומהיימלעך־טונקעלן פּנים מיט גרויסע שוואַרצע אויגן און געדיכטע וואָנסעס, ווערט עפּעס קאַלעמוטנע; מיט אַזאַ איינעם לאָזן זיך אין די היילן, דאָ אין נצרת?.. נאָר פּאַרפאַלן: מען איז דאָך שוין ביי אים אין די הענט... און עס איז דאָך עפּעס אַ הייליקע שטאָט... און — ווונדער, אָט נעמט ער גאָר און הייבט אָן מיט אונדז רעדן יידיש. נאַ דיר גאָר אַ יידיש. אַ מאַמע־לשון אין מויל פון אַראַבער: איך ווייס נישט פאַר וואָס, נאָר דווקא פון זיין יידיש ווערט נאָך מער אומהיימלעך. — ער האָט דאָס אוודאי באַמערקט — נעמט ער רעדן פּויליש. יאָ, ער קען, זאָגט ער, שפּאַניש אויך.

— פון וואַנען קומט צו אייך פּויליש? — פרעג איך שוין פאַרוווּנדערט.

ער קלערט אויף, אַז אין די בנינים זענען אויך פאַראַן מיסיאָנערישע שולן, הויכשולן און סעמינאַרן. עטלעכע צענדליק שפּראַכן הערט מען דאָ. פּויליש פאַרנעמט דאָ אַן אָנגעזעען אָרט. הכלל, מיר הייבן אָן דעם שפּאַציר. אייגנטלעך, זענען דאָס נישט קיין היילן. גיכער זענען דאָס אויסהוילונגען. פון איינעם צום צווייטן פירן טונקעלע דורכגענג — מען דאַרף זיך גוט איינבויגן. אין ערשטן הייל, וואָס זעט אויס ווי אַ טונקעלער קאָרידאָר,

האָט געוווינט ישו — זאָגט ער. אין דער צווייטער — זאָל ער זיך האָבן געבאָדן אין אַ וואַסער, וואָס האָט פון די טיפעניש געשטראָמט און קיין מאָל נישט אויפגעהערט. אַ ביסל ווייטער — אין אַ שמאָלן, ענגן קעלערל — איז ער געזעסן און געלערנט. דאָרט האָט ער זיך אויך אויפגעהאַלטן בעת די יידן האָבן אים פאַרפאָלגט.

איינער פון דער גרופּע שטעלט אײַן און פרעגט:

— זענט איר אַ קריסט?

ער קוקט אויף דעם פרעגער מיט בייזלעכע, פאַרוווּנדערטע אויגן, ווי איינער רעדט: וואָס איז דײַן באַבעס עסק. באַלד אָבער פילט מען, ווי ער באַהערשט זיך און ענטפערט רואיק:

— אוודאי בין איך אַ קריסט, נישט קיין ייד און נישט קיין מאַכמע־דאַנער. איך בין אַן אויפגעקלערטער קריסט און ווייס, אַז ווען מען זאָגט די יידן, אַז זיי האָבן פאַרפאָלגט קריסטוסן — פילן זיי זיך נישט באַקוועם. איך קאָן אָבער אַנדערש נישט זאָגן. אַלע באַזוכער גיב איך די זעלבע אויפקלערונג. —

מיר שטופּן זיך דורך אַ שמאָלן אײַנגאַנג און קומען אַרײַן אין אַ ברייטער באַקוועמער הייל. עס זענען דאָרט פאַראַן געוויסע אײַנריכטונגען און סמנים פון אַ געוועזן לעבן. מען זעט אַ „טיש״ פון שטיין און אַ נאַרע צום שלאָפן.

—און דאָ, וואָס איז געווען? —פרעגן מיר.

— דאָ האָבן יידן צוזאַמען מיט ישון זיך אויסבאַהאַלטן. ווי ברידער האָבן זיי דאָ געלעבט. פון עסן, וואָס מען האָט אים פון דרויסן באַזאָרגט, האָט ער זיך מיט זיי געטיילט, ווי מיט אמתע ברידער. דאָס וואָרט „אמתע ברידער״ האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט.

מיר האַלטן זיך דאָרט לענגער אויף. אין וואַנט פון איבערן טיש זעען מיר אַ מין פוקסנלאָך. אין דעם לאָך — קלערט אונדז ווידער אויף דער מדריך — איז ישו געלעגן באַהאַלטן, בעת די רוימער האָבן אים אַרומגע־זוכט און די יידן, די אמתע ברידער, האָבן אים אַהין באַזאָרגט עסן.

חיים וואַרזאַגער

פון תל-אביב ביז דפנה און משגב־עם...

געאָגראַפיש, און דאָס זעט מען ערשט, דערווייטערנדיק זיך פון נצרת, ליגט די שטאָט אָדער הענגט אויף די שפּיצן פון די גרעסערע און קלײנע בערגקייטן, קלעטערט פון די בערגקייטן אין טאָל, וואָס איז קיין טאָל נישט. ס׳איז פלאַכלאַנד פון שטיין און סקאַלעס. אין מיטן פון אָט דעם נישט גלייכן שטח געפינען זיך די אַלטע הייזער און הייזקעס, ליקן, געסלעך, און שטי־קער נישט באַוווינט פעלד.

ס׳איז געווען אַ הייסער טאָג. די געשעפטן זענען געשלאָסן. ביי די קלויסטער־איינגענג און אויף די שוועלן פון די געבעט־הייזער זיצן אַלטע לייט און בעטן נדבות. מען וואַרט אויף קריסטלעכע פילגרימען.

אַנדערש איז די נייע שטאָט־טייל — קרית נצרת. ערשט אין יאָר 1956 האָט מען, מיטן צופלוס פון נייע עולים, אָנגעהויבן בויען די שטאָט־טייל. גרויסע בנינים זענען דאָרט אויפגעשטעלט געוואָרן. פיר און פינף־שטאָקיקע הייזער מיט פּאַסאַדן, ברייטע טירן און פענצטער. אויסער די געביידעס, זעט מען סקווערן, גרינע אַלייען, טראָטואַרן אוןביימער. אַ גרויסן, נייעם פּאַרק זעט מען פון דער ווייטנס אויף אַ נידעריקן באַרג־אַראָפּהאַנג — אַ ספּאָרט־פּלאַץ. מען זעט אויך אַ שול־בנין און פאַרנעמיקע פאַבריק־קאָרפּוסן. דאָ געפינט זיך אַ גרויסע טעקסטיל־פאַבריק און שאָקאָלאַד־פאַבריק.

אַרום צען טויזנט יידן וווינען אין דער נייער נצרת. מחמת דער הויכ־קייט איז אויך די לופט דאָ פריש און דערקוויקנדיק. ווינטער איז דאָ אַפילו גוט קאַלט, קלערט מען אונדז אויף. דערפאַר איז אָבער זומער, ביי די גרעסטע היצן — נישט הייס.

דעם זעלבן טאָג האָבן מיר נאָך באַוויזן אויפגענומען צו ווערן ביים היגן שטאָט־פּרעזידענט. דאָ האָבן מיר באַקומען אַ גענויע אינפאָרמאַציע וועגן דער רעשיקער אַנטוויקלונג פון שטאָט. וועגן די אופנים פון איינ־גלידערן און העלפן איינאָרדענען די נייע עולים. באַזונדערס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דער הילף פון דער סוכנות און הסתדרות און דער

רעגירונג ביים העלפן די עולים צופּאַסן זיך צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. פּאַך־קורסן פאַר יוגנטלעכע זענען געשאַפן געוואָרן פאַר דעם צוועק. בעתן שמועס האָט מען אונדז איבערגעגעבן אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן פאַקט, וואָס קלינגט ממש, ווי אַן אַנעקדאָט: בעת די שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן בויען, האָט אַ „הייליק דריילינג" — אַן אַראַבער, אַ גלח און אַ קאָמוניסט — זיך געוואַנדן צום ישראל־געריכט מיט אַן אָנקלאַגע, הלמאי די יידן גרייטן זיך בויען אַ נייעם שטאָט־טייל אויף די הויכקייטן פון דער הייליקער קריסטלעכער שטאָט. דאָס „אויסדערוויילטע דריילינג" האָט אַזאַ זאַך באַטראַכט פאַר אַ שרעקלעכער יידישער חוצפה און פאַרלאַנגט פון העכסטן יידישן געריכט יושר און גערעכטיקייט. — זיי האָבן פאַרלאַנגט צו נישט צו מאַכן די פּרווון און אַנולירן אַלע פּלענער פון בויען אויף די ווילדע נאַקעטע פעלדזן אַ נײ יידיש לעבן.

לויטן פּלאַן, וואָס איז פאַר אונדז פּרטימדיק איבערגעגעבן געוואָרן, זאָל אין די נאָענטסטע צוויי יאָר די יידישע באַפעלקערונג דערגיין צו 25 טויזנט איינוווינער. און אין 1970 — צו 50 טויזנט יידן.

אויך דער מאַנגל אין וואַסער, פון וואָס די שטאָט ליידט פון קדמונים — איז אַצינד פאַרהעלטנישמעסיק קלענער און וועט, לויטן פּלאַן, מיט דער צייט פולשטענדיק געלייזט ווערן.

מיטן כוח פון יידישער אונטערנעמערישקייט הייבט נצרת אָן ווערן די הויפּטשטאָט פון גאַנצן גליל.

מען קוקט אויף ביידע טיילן שטאָט און עס בעט זיך אויסרופן:

„ברידער ישמעאלים, לערנט אייך עפּעס פון די ברידער ישראלים".

*

און ווען דו שטייסט אויף דער טעראַסע פון אַזאַ זיבן־שטאָקיק הויז, וואָס אויפן העכסטן נצרת־באַרג, ערשט דעמאָלט עפנט זיך פאַר דיר דער אויסבליק. עס דעקט זיך אָפּ פאַר דיר דער גאַנצער פליין, דער עמק אין זיין נאַטירלעכער גרויס. נישט קיין מיראַזש, נישט עפּעס אַ פאַנטאַזיע: אַווירקלעכקייט איז עס, אַ יידישע פרייליקע ווירקלעכקייט.

צוריק פון נצרת — ווידער מיט די בערג און שאַרפע שיפועים. דער שאָסיי איז אַ געדרייטער, ספּיראַלער. פון איין זייט, און אַ מאָל פון ביידע זייטן וועג — טיפע אָפּגרונטן. איין פאַרזע פון שאָפער און... און די שעה זאָל נישט זיין... קיינער זאָגט עס נישט, אָבער יעדער טראַכט געוויס דערוועגן. —

— איך האָב אַ פּרוי מיט קינדער, חבר נהג — וויצלט זיך איינער פון אונדז.

— האָט גאָט אין האַרצן און זייט פאָרזיכטיק — העלפט מיט אַ ביטער געלעכטערל אים אַ צווייטער — די וואָך דאַרף מיט דער שיף מיין טאָכטער אָנקומען אין לאַנד: איך וויל נאָך זען מיין קינד...

— נישט נאָר אייער טאָכטער האַלט ביי קומען אין לאַנד. מיר דער־וואַרטן אַ סך יידישע טעכטער און זין. איך וועל אייך, און קיין שום ייד, פון „גלייכן וועג” נישט אַראָפּפירן... — ענטפערט פריילעך דער נהג.

דער ספּריטנער נהג האָט, ווייזט אויס, נאָך אַן אויפגאַבע געהאַט: אַחוץ שאָפעריי דאַרף מען אויך קאָנען „פאַררעדן די ציין” די איבערגע־שראָקענע חוץ־לארצדיקע יידן... און איידער וואָס ווען, איז מען טאַקע שוין געווען... אויסער דער געפאַר.

אין עין־דור — אורוגווייער חלוצים

אין עין־דור האָב איך באַדאַרפט אָפּגעבן אַ פּערזענלעכן גרוס. אין איין וועג האָב איך אויך געוואָלט אַ בליק כאַפּן אויפן דאָזיקן קיבוץ פון דער נאָענט.

אָטאָ דאָ, אויף דעם אָרט האָט דאָך באַדאַרפט דער קעניג שאול אַן עצה זיך האַלטן מיט דער כישופמאַכערין ערב זיין אַרויסגיין אין מלחמה מיט די פלישתים.

עין־דור איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1948. געהערט צו השומר הצעיר. זיין געשיכטע איז אַ קורצע, דערפאַר אָבער — אָנגעזאַפּט מיט לעבעדיקער שעפערישקייט. 450 נפשות ציילט דער קיבוץ. דערפון — 200

דערוואַקסענע און די איבעריקע קינדער. 8,000 דונאַם באָדן איז זייער אייגנטום און אַ הינערשטייג מיט קנאַפּע 20,000 עופות. וויפל אייער זיי גיבן יעדן טאָג, וואָך, חודש? — צו דעם דאַרף מען שוין אַ רעכן־מאַשין...

די מאַנטעווידעער האָבן זיך מיט מיר זייער דערפרייט. געפירט מיך איבער זייערע דירות. געוויזן מיר די קינדערלעך. פּיצלעך קינדערלעך. יונגע מאַמעס און טאַטעס. דער חדר־אוכל — שפּרייט זיך מיט זיין ליכ־טיקייט און באַקוועמלעכקייט — שטייגט איבער אַלע באַגריפן אונדזערע וועגן די לעבנס־באַדינגונגען אין די קיבוצים. דאָס ערשטע מאָל ווי איך זע אויך אין אַ קיבוץ אַ שווים־באַסיין. היינט דער בית־התרבות? די שול, די מיטלשול, און אַן אַנשטאַלט פאַר אַריבער 80 קינדער פון עלית־הנוער.

ווי אַ שיין־געפלעגטער פריצישער הויף זעט אויס דער קיבוץ. שיינע, באַקוועמע וווינונגען מיט קליינע, דאָרפישע פענצטערלעך. אַ שטילקייט, אַ שלווה רוט אינעווייניק און אין דרויסן, אַרום די הייזער.

„הר־התבור" — דאָס קול פון דער יידישער געשיכטע

אין עין דור זעט מען דעם באַרג פון דער ווייטנס. איצט האָב איך אים געזען פון דער נאָענט. געטראָטן אויף אים. איך בין צוזאַמען מיט אַ הסתדרות־דעלעגאַציע. אַהער פאַרבעטן געוואָרן אויף אַ פייערונג אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַריינפירן וואַסער אין אַ בעדואינער דאָרף. צווישן ווילדע קוסטן און שפּיציקע בערג ליגט דאָס דאָרף.

אָפּגעגעסן דאָרט אַ באַשיידענעם מאָלצייט און אויסגעהערט עטלעכע קעגנזייטיקע ברכות — האָבן מיר ווייטער זיך געלאָזט אין וועג אַריין — צום הר התבור.

דער מאַשין־פירער, איינער פון דער הסתדרות־דעלעגאַציע — דער נהג — ראַנגלט זיך מיטן דזשיפּ אויף דעם באַרג־אַרויף און־אַראָפּיקן וועג. און ווידער קלאַפּט שוין אַ צאָן אין אַ צאָן... אַ היפּשע צייט פאָרט מען אַזוי און ווייט, ווייט איז מען נאָך פון יענעם „פינטעלע" וווהין דער דזשיפּ וויל זיך מיט אונדז דערקלייבן. אַז מען איז אויבן אַרויפגעקומען — איז פון

„פּינטעלע״ געװאָרן אַ גאַנצע שטאָט. אַ שטאָט מיט פּאַרקן, טעראַסעס, שפּילפּלעצער, אַלײען, װעלדלעך און דער עיקר — מאָנאַסטירן, קלױסטערס, קאַטעדראַלעס: גריכיש־אָרטאָדאָקסישע, רױמיש־קאַטױלישע און פּראַװאָ־סלאַװנע. אַ קײט פון רואינעס צװישן די הײליקע בנינים. רואינעס, װאָס יעדע פון זײ — איז אַ געשיכטע פאַר זיך. טוריסטן טרעפט מען דאָ אַ סך. אײנציקע און גרופּנװײז דרײט מען זיך. אַנדערע װערן באַגלײט פון מדריכים, — װעגװײזער.

פון הר התבור פאָרן מיר קײן עפולה אויף אַ בליץ־באַזוך. דאָ האָבן שוין געװאַרט אויף אונדז חברים. זײ זענען שטאַרק באַזאָרגט געװען. מאַלע װאָס עס קאָן זיך טרעפן אויף די־אָ װעגן... שיער, שיער האָט מען נאָך אונדז אַרויסגעשיקט אַן אַמבולאַנס און דאָקטאָר...

44 קילאָמעטער פון חיפה און 92 פון תל־אביב ליגט די שטאָט. דאָס איז די הויפּטשטאָט פון עמק יזרעאל. אַ הויפּטשטאָט אין אונדזער אײראָפּעאישן זין אפשר נישט, אָבער אַ צענטראַלער האַנדלס־פּונקט און אַ קאָמוניקאַציע־צענטער — יאָ. מען רופט עפולה — „עין־יזרעאל״, הגם די אמתע, ביבלישע יזרעאל געפינט זיך פיר קילאָמעטער װײטער און דאָרטן איז אַ קיבוץ. דער קיבוץ איז געגרינדעט געװאָרן אין 1948 און געהערט צו „איחוד הקבוצות והקיבוצים״.

אויך דאָ איז אַ מאָל געשטאַנען אַ שטאָט, טאַקע מיטן זעלבן נאָמען. אחב, דער מלך פון מלכות ישראל, האָט דאָ געהאַט זײן װינטער־פּאַלאַץ...

אין עפולה האָט אויך געװאַרט ד״ר סוסניצקי, װאָס איז אין לאַנד געקומען אין 1949 פון קאָרדאָװאַ. דאָס לעצטע מאָל זיך געטראָפן אין בוענאָס אײרעס אויף אַ צוזאַמענפאָר.

ד״ר סוסניצקי איז דאָ זײער שײן אײנגעאָרדנט. זײן יונגע פרוי האָט אונדז דערלאַנגט געשמאַקע קאַװע און פײנעם צובײס. נאָך דעם האָבן מיר צוזאַמען געמאַכט אַ בליץ־באַזוך איבער דער שטאָט. עס איז שוין געװען פאַרנאַכטלעך. די זון האָט געצויגן קײן מערב און מיר — צו דרום־מזרח, צו חפצי־בה.

אין „חפצי־בה" — מיט אַלט־באַקאַנטע חברים

אין חפצי־בה זענען מיר אָנגעקומען ביינאַכט. צופוסנס פון די גלבוע־בערג ליגט דער קיבוץ. געגרינדעט געוואָרן אין 1922. ציילט היינט איבער 600 נפשות. פאַרנעמט זיך מיט לאַנדווירטשאַפט און מיט אינדוסטריע. פאַראַן דאָ אַ סטאָלעריי־וואַרשטאַט, אַ שלאָסעריי, אַ גאַראַזש. באַזונדערס האָט מען דאָ אויסגעשולט ספּעציאַליסטן אויף פאַרריכטן וואַסער־זייגערס. עס פעלן דאָ אַרבעטס־הענט. אגב, האָב איך שוין אין עטלעכע קיבוצים געהערט זיך קלאָגן וועגן מאַנגל פון אַרבעטס־הענט.

אַ ביז־גאָר דערפרייענדיקע דערשיינונג, וואָס איך האָב דערוויל בלויז אין דעם קיבוץ געטראָפן, איז די גרופּע אַראַבישע אַרבעטער, וואָס זענען דאָ גלייכבאַרעכטיקטע קיבוץ־מיטגלידער.

געטראָפן זיך מיט אַלטע באַקאַנטע חברים: גרשון כאַנאָוויטש, עלעק מיטלמאַן. ביידע האָבן זיך דאָ מיט מיר דערפרייט. איך בין געווען דער גאַסט פון די מיטלמאַנס. אין זייער ציכטיקער דירה זענען זיך דעם אָוונט צונויפגעקומען חברים פון קיבוץ. אַלע האָבן מיך פאַרוואָרפן מיט פראַגן.

עס ווערן דאָ געבויט בנינים און פּריוואַטע וווינונגען פאַר די קיבוץ־חברים לויטן נייעם שטייגער. מען זעט די אָנשטרענגונג און דעם ווילן צו דערהייבן דעם געזעלשאַפטלעכן ניוואָ און לעבנס־סטאַנדאַרט פון קיבוץ.

ווידער — חדר־אוכל: וויפל איך האָב זיי געזען! תמיד האָסטו דעם איינדרוק, אז אַלע גייען אין אַ פאַרמעסט — וועמעס חדר־אוכל איז שענער, באַקוועמער, מאָדערנער. דער עס־זאַל איז אויך אַ מין זאַמל־פּונקט. אין די אָוונטן שוויבלט און גריבלט פון די קיבוץ־מענטשן. מען טרעפט זיך אויף אויסטוישן מיינונגען וועגן נייע אַרבעטס־פּלענער, אויספּלאַנעווען, רעאַגירן אויף געשעענישן פון קיבוץ־לעבן. דער חדר־אוכל איז דאָ געבויט לויט דער לעצטער טעכניק. ער זעט אויס ווי אַ גרויסער טעאַטער־זאַל מיט גאַלעריעס. דאָ שטייען נישט קיין לאַנגע טישן, נאָר קליינע פאַמיליען־טישעלעך. זע איך, ווי ביי אַ קליין טישל זיצט זיך אייך מענטש אַליין. זיצט דאָ אין רחבותדיקן זאַל, אין דער גרויסער באַוועגונג — אַליין. פאַר־

ציט זיך אַ ציגאַרעטל, קוקט אויפֿן קייקלענדיקן רויך, וואָס ציט זיך צום סופּיט; אינטריגירט עס מיך: וואָס טראַכט ער, למשל, אַצינד? זיצט פֿאַר־טיפֿט מיט זיך, אין זיך און הערט, דאַכט זיך, נישט, דאָס מעלדן וועגן געסט פֿון אַמעריקע, וואָס געפֿינען זיך אין זאַל. ער אינטערעסירט מיך. אפֿשר איז ער די נאַכט נישט גוט געשלאָפֿן צוליב עפּעס אַן עניין, אַ פּראַגע, וואָס עגבערט אין זיין מוח און ער האָט נישט אָדער וויל נישט קיינעם פֿרעגן, עצהן זיך מיט וועמען? סוף־כּל־סוף איז דאָך דער קיבוץ נישט קיין קאַ־זאַרמע, טראַכט איך, און די מענטשן זענען נישט קיין סאָלדאַטן. זייער לעבן איז טאַקע געבויט אויף קאָלעקטיווע יסודות. אָבער דער מענטש און זיין „איך", איז געבליבן גאַנץ. און דאָס איז גוט. ער האָט רעכט דערויף. ערשט ווען יעדער לעבט מיט זיין „איך", ווערט די שעפֿערישקייט פֿון קאָלעק־טיוו אַ געזונטערע און אַ מער באַפֿרידיקנדיקע טאַקע פֿאַר דער פּערזענלעכ־קייט, פֿאַרן יחיד אינערהאַלב דעם קאָלעקטיוו.

פֿון חפצי־בה לאָזן מיר זיך גלייך קיין „ג ש ר". דאָרט וועלן מיר שוין איבערנעכטיקן.

מיר זענען אָנגעקומען שפּעט ביינאַכט. אויפֿגענומען האָבן אונדז מיט אַן אַ שיעור פֿריינדשאַפֿט און האַרציקייט יוסף און אורה פּלאַשמאַן. יונג אַהער געקומען פֿון דייטשלאַנד. הגם געטע, היינע און אַנדערע דייטשע שרייבער פֿאַרנעמען אַ גרויס אָרט אויף זייערע ביכער־פּאָליצעס, קאָנען זיי נישט הערן אַרויסברענגען אויף די ליפּן אַ דייטש וואָרט.

פֿון דער קאָלעקטיווער קיך איז תּיכּף אַריינגעבראַכט געוואָרן אַ פֿיינער טאָרט. די יונגע באַלעבאָסטע האָט דערלאַנגט טיי און עס האָט זיך אַנט־וויקלט אַ שמועס. גראָד איז דאַן אַקטועל געווען די „פּרשה לבון". ישׂראל איז די לעצטע יאָרן רייך אין פּרשות... דער קיבוץ איז זייער פֿילבאַר אויף די דאָזיקע פּרשיות און ער רעאַגירט אויף אַלע געשעענישן אין לאַנד. דער קיבוץ, — איז דאָך דאָס לעגיטימע קינד פֿון דער רייכער יידישער היסטאָרישער דראַמע, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ דאָ אין ישׂראל נאָך צוויי טויזנט יאָר נע־ונד.

ביז צוויי פאַרטאָג האָט דער שמועס זיך פאַרצויגן. מען האָט אונדז אויסגעבעטט פיינע און ווייכע געלעגערס און זיי, די באַלעבאַטים — זענען אַוועק ערגעץ אַנדערש שלאָפן. אָט אַזוי זענען זיי, די קיבוץ־מענטשן.

אויפגעכאַפּט האָבן מיר זיך פון דעסטוועגן פרי. די באַלעבאָסטע האָט שוין געוואַרט אויף אונדז, כדי צו מאַכן אַ שפּאַציר איבערן קיבוץ, איבערן די טאָלן און בערג, וואָס אַרום אים. יוסף איז שוין אַוועק צו זיינע „גע־שעפטן". ער איז פון פאַך אַן עקאָנאָמיסט — פאַרנעמט ער זיך מיט די ווירטשאַפטלעכע און פינאַנסיעלע ענינים פון קיבוץ. אורה דערציילט אונדז די געשיכטע פון קיבוץ.

„גשר" געהערט צום „קיבוץ המאוחד", איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1939. אויך די דאָזיקע ערד געהערט צו „פּיקא". נאָענט פון קיבוץ גע־פינט זיך די בריק (גשר), וואָס ליגט איבערן ירדן. דער קיבוץ ליגט אין טאָל, אַרומגערינגלט פון דריי זייטן מיט נישט קיין הויכע בערג. בעתן באַפרייאונגס־קריג האָט דער אַראַבישער לעגיאָן געפּרוווט אַריבערכאַפּן זיך איבער דער בריק. עס איז זיי אָבער נישט געלונגען.

אָנגעהויבן דעם באַזוך האָט מען פון קי־שטאַל. יונגע מענטשן מיט אָפּגעברענטע פּנימער און געזונטע מוסקולן האָבן געאַרבעט אַרום די קי. עס האָט מיך דערמאָנט אין משה קולבאַקס „בראָנזענע יונגען". אַך, ווען דער מחבר פון „משיח בן אפרים" וואָלט זיי געזען אין דער שטאַל פון יידישן, דאָרפישן יישוב — וואָלט ער כאָטש געוווּסט פאַר וועמען און צוליב וועמען ער האָט געזונגען.

נאָר לאָמיר בעסער גיין ווייטער. ווי געשיקט און מיט וויפל עקס־פּעריענץ די יונגע בחורים באַוועגן זיך ביי דער דאָזיקער „נישט יידישער" אַרבעט.

אַלץ איז דאָ מעכאַניזירט. אַפילו די בהמה ווייסט, ווען זי דאַרף אַריינקומען, ווען זי דאַרף זיך שטעלן „געבן" מילך. די גלעזערנע בוטלעס הענגען אַזוי קונציק מיט די העלדזער אַראָפּ, בעת די דינע קישקעלעך פירן די מילך דורך זיי אין די גלעזערנע בוטלע־בייכער. עס הענגען דערנעבן טערמאָמעטערס, וואָס דאַרפן וויזן די וואַרעמקייט און די קוואַ־

ליטעט פון דער ווייסער־זיסער פליסיקייט. בעת מיר שמועסן צווישן זיך, דרייען זיך דערווייל אויס צו אונדז צוויי פון די פיר חברים, וואָס זענען פאַרפאַרעט געווען ביי דער אַרבעט, און באַגריסן אונדז מיט אַ בוקר טוב. איינער פון זיי האָט שמייכלענדיק געפרעגט:

— חבר פון אַמעריקע, מיר זעען אַוודאַי ביי אייך אויס ווי שקצים, הא?

סיי דאָס געזאָגטע, סיי דער וואָלינער יידיש אין מויל פון קי־מעלקער, האָט געקלונגען ווי מוזיק אין אונדזערע אָלעמענס אויערן. איינער פון אונדז האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן, ער איז צוגעגאַנגען נענטער, אַרומגעכאַפּט אים קושן:

— ברודער, ברודער מייַנער.

אין דעם הערן מיר קינדערשע געשרייען, אַ גערודער. און אָט לאָזן זיך אַלע אין שטאַל אַריין. אַלע קינדער מיט זייער לערער. מיט די העפטן און בלייפעדערס שטעלן זיי זיך אַרום אים און וואַרטן. אויף וואָס וואַרטן זיי? ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי האָבן היינט אַ לעקציע וועגן קיבוץ־לעבן. דאָס ערשטע הייבן זיי אָן באַשרייבן די שטאַל, זיי ווילן וויסן ווי גייט עס צו מיט מעלקן די קי. וואָס פאַראַ מכשירים הענגען אויף זייערע בייכער און בכלל... שטייט דער לערער פון איין זייט און דער שטאַל־אַרבעטער פון דער צווייטער. מען גיט אויפקלערונגען. חברה פרעגן, און זיי באַ־קומען אויספירלעכע ענטפערס. ס׳קליינוואַרג פאַרשרייבט...

פון שטאַל — אויף אַ שפּאַציר אין די בערג. אָט שטייען מיר אויף אַ בערגל, וואָס זעט אויס ווי דער הויקער פון אַ קעמל. אַ סך שפּאַלטן און לעכער, אויסהוילונגען זעט מען אויף זייערע רוקנס און בייכער. אורה דערציילט, אַז די־אָ „נעסטן" קומען גאַנץ גוט צו נוץ. —

בעת די קאַמפן אין דער באַפרייאונגס־מלחמה האָט מען נישט איין מאָל אין אַזאַ באַהעלטעניש געפונען שוץ. העפטיקע קאַמפן זענען דאָ פאָרגעקומען מיט די אַראַבישע אָנגרייפער. נאָך דעם זענען אַלע צעשטערטע ערטער צוריק אויפגעבויט געוואָרן. אוודאי האָט עס געקאָסט קרבנות, יאָ, אויך מענטשלעכע קרבנות.

זי דערציילט דאָס אַלץ מיט איינגעהאַלטענעם שטאָלץ און שטילן טרויער. אָבער ווען זי קומט צו צום סאַמע רירנדיקסטן מאָמענט, צו דער עפּאָפּיי פון עוואַקואירן די קינדער פון קיבוץ, בעת די העפטיקע קאַמפן, ווערט זי נאָך טרויעריקער.

אַ ווייס שנירל ציין בייסט זיך איין אין אירע ליפּן און דער בליק ווערט ערנסטער, פּאַרטראַכטער. איך פיל, ווי זי באַמיט זיך צו באַהערשן אירע אינערלעכע, אויפגעברויזטע געפילן און ווייטיקן. ענדלעך האָט זי אָנגעהויבן:

...ס'איז געווען אַ נאַכט פול מיט פּחדים און גרויל. די פּאַרטיידיקער זענען מיד און דערשעפּט. די האַרמאַטן־שאָסן און באָמבאַרדירונגען הערן נישט אויף. וואַסער אין קיבוץ איז דאָ ווייניק. אויך עסן ווערט אויסגעפעלן. און מען פילט שוין אָט, אָט איז מען אַרומגערינגלט. די שטאָל איז אויפגעריסן. דער חדר אוכל — אין פלאַמען. דאָס שטומע געוויין און געברום פון די קי מאַכט אונדז נאָך טרויעריקער. דאָס פּאַרהאַרעוועטע האָב־און־גוטס פון קיבוץ ברענט פאַר אַלעמענס אויגן. אַלץ איז אויסגעשטעלט אויף פאַרלענד און רויב. אָבער מער פון אַלץ ווייטיקט דאָס האַרץ אויף די שלאָפנדיקע קינדער. די ליכטיקע אומשולדיקע עופהלעך שלאָפן גראָד היינט אַזוי רואיק, אַ ביסל ווייטער פון קיבוץ, שלאָפן זיי אַלע צוזאַמען אין אַ באַרג־לאָך. אין דעם קומט אַ באַפעל:

— „עוואַקואירן די קינדער, איבערפירן זיי אַ ביסל ווייטער".

...די סכנה איז גרויס. עס ווייזן די הערצער אין דער שטיל. מען שווייגט. מען וואַרט. אויף וואָס וואַרט מען? דער קאַמף גייט ווייטער אָן. און דער באַפעל — איז באַפעל. די קינדער־פלעגערינס נעמען זיך צו דער אַרבעט. רואיק, ווי ווייט מעגלעך, באַהערשט — נעמט מען אַרויס די שלאָפנדיקע קינדער. מען וויקלט זיי איין אין קאָלדרעס, מען לייגט זיי אין אַזעלכע טראָג־קוישלעך און מען גיט זיי איבער די עלטערע, צוועלף און פערצן־יאָריקע קינדער, וואָס דאַרפן העלפן אין דער איבערפיר־אַקציע...

— אָט אין די לעכער, אין די נעסטן — ווייזט זי אָן מיטן פינגער אויף די בערג — האָבן זיך געראַטעוועט אונדזערע קינדער.

— און מיט די עלטערן, וואס איז געווארן? — רייסט ווער פון אונדז איבער דאס דערציילן.

אוריהן איז שווער ממשיך זיין ס׳דערציילן. מען זעט, ווי זי ראנגלט זיך ווידער. ניין. זי קאן זיך נישט מער באהערשן. זי צעוויינט זיך. וויינט און דערציילט,

...ערשט נאכן ארויסנעמען און איבערפירן די קינדער, האבן זיך די עלטערן פארלוירן. א, ווי פארלוירן און אפהענטיק מען האט זיך געפילט. אזוי זינלאז האט דער גאנצער קאמף אויסגעזען... פאר וואס? פאר וועמען?...

נישט לאנג אבער האט די פארצווייפלונג אנגעהאלטן. זי האט נישט געטארט לאנג אנהאלטן. דאס זענען דאך די דעצידירנדיקסטע שעהען...

— יא, מיר האבן געזיגט. ווי דען? געזיגט האט דער מענטש. זיין גייסטיקע און פיזישע גבורה איז נישט געבראכן געווארן.

*

מען איז צוריק אין קיבוץ. מען רוט זיך א ביסל אפ פון וועג און פון הערן די גרויל־מעשיות, וואס זענען ערשט נישט לאנג געווען ווירקלעכקייט.

— היינט, חברים, פעלן אונדז אויס הענט צו דער ארבעט — רופט זיך אן אורה שויןביים געזעגענען — א סך ארבעט פאראן אין קיבוץ. מיר מוזן אוועקנעמען אונדזערע קינדער פון לערנען, פון קינדישן אויס־לעבן זיך. מיר דארפן אייך און אייערע קינדער דא. אייער און זייער צו־קונפט דארף מען דא פון בערגיקן און שטייניקן באדן אויסהאקן, אויס־האמערן. צוזאמען וועט זיין א סך גרינגער.

טבריה — די שטאט פון הייל־קוואלן און היסטארישע רעמיניסצענצן

קיין טבריה פירט א גלאטער שאסיי. די אויטאס גליטשן זיך, ווי אויף א פאלירטן טיש. אבער וויפל ארבעט, שווייס און חלוצישע איינשטעלע־רישקייט איז דא ארייגעלייגט געווארן? וויפל חלומות און נישט פאר־ווירקלעכטע טרוימען ליגן דא אונטערן דינעם אספאלט־פלאסט? טרוימען פון א דור, פון צוויי, דריי דורות „רעדן" פון דעם שיינעם גלאטיקן כביש

אַרויס. קינדער, יוגנטלעכע האָבן זייערע היימען פאַרלאָזט. פון ישיבות און פון די שול־בענק איז מען אַוועק און זיך געלאָזט קיין ארץ־ישראל. מסוכנדיק איז געווען דער וועג. און דאָ? זומפּן טריקענען, שטיינער האַקן, בערג אויפרייסן, שאָסייען בויען, אַ לעבן אַ נייעם בויען פאַר דורות, שפעטער...

פאַרט מען טאַקע אַזוי באַקוועם איצט לענג־אויס דעם ברעג כנרת. מיר קומען אָן אין צענטער פון שטאָט, וואָס איז אַצינד בלויז חורבות. דאָס איז די אַלטע, אַראַבישע טייל טבריה, וואָס איז אין דער מלחמה צעשטערט געוואָרן.

עס איז פרייטיק אין דער פרי. די רעשיקע באַוועגונג און די מענטשן־איבערפולטקייט דערמאָנט אין אַ יאַריד־טאָג. דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, זענען די קראָמען. אַ סך זענען דאָ פאַראַן. זיצט זיך אַ ייד אין אַזאַ קרעמל, אַרומגערינגלט מיט אויבסט־קעסטלעך. ער טראָגט אַ יאַר־מלקע אויפן קאָפּ. אונטער דער האַנט ליגט אַ ספר. ער קוקט דערין אַריין און זייטיק וואַרפט ער, זע איך, בליקן, צי דערנענטערט זיך נישט עפּעס אַ קונה.

— בוקר־טוב — זאָג איך צום ייד און שטעל זיך אָפּ אויף אַ ווייל.

— ווער זענט איר, אַן אויסלענדער?

— פון אַמעריקע זענען מיר — ענטפער איך פאַר אַלע.

— אַה, אַזוי: נו, ווי אַזוי לעבן עפּעס דאָרטן די יידן?

— ווי אַזוי מען קאָן, לעבט מען. און איר, ווי לאַנג זענט איר אין לאַנד?

— לאַנג? געבוירן געוואָרן אין ירושלים מיט 72 יאָר צוריק. אויך מיין טאַטע ע״ה איז געבוירן געוואָרן אין צפת. און מיין זיידע, אַ ליכטיק גן־עדן אויף אים, אָ, דאָס געדענק איך שוין נישט אַזוי אַקוראַט.

די גאַנצע משפחה לעבט שוין דאָ אַ וועלכע הונדערט און פופציק יאָר.

— און אייערע קינדער רעדן אויך אַזאַ גוטן יידיש, ווי איר — פרעג איך שוין מיט נייגער.

— אַפילו מיינע אייניקלעך רעדן יידיש.

חיים וואַרזאַגער

— ווו געפינען זיי זיך אַצינד, די אייניקלעך אייערע?

— וואָס הייסט, ווו? זיי לערנען אין די ישיבות, אין ירושלים, בני־ברק, צפת.

— און וואָס וועלן זיי טאָן נאָך דעם, אַז זיי וועלן עלטער ווערן?

— ווערן רבנים, דיינים, שוחטים.

— אפשר וועט מען נישט דאַרפן אַזוי פיל דיינים, רבנים, שוחטים? — שטייט צו צום ייד איינער פון אונדזערע באַגלייטער.

— וועלן זיי טאָן דאָס, וואָס זייער טאַטע און זיידע האָבן געטאָן: האַנדלען, למשל, מיט גרינוואַרג.

*

נאָך אין די צייטן פון רוימישער הערשאַפט איז טבריה אויסגעבויט געוואָרן. אויס דאַנקבאַרקייט צום אימפּעראַטאָר טיבעריוס, אויף וועמעס נאָמען די שטאָט הייסט, האָט הורדוס אַנטיפּיאַס די שטאָט אויסגעבויט. טיבעריוס איז געווען דער נאָכפאָלגער פון קייסער אויגוסט. מיט דער צייט איז טבריה אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסער שטאָט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויכטיקן יידישן צענטער. די שטאָט איז אויך געוואָרן אַ מקום תורה און אַלס אַזעלכע גייט זי אָן ביז היינט צו טאָג. דאָ איז געחתמעט געוואָרן די משנה און שפּעטער אויך דער תלמוד ירושלמי.

אין טבריה זאָלן זיך געפינען די קברים פון מאיר בעל נס, רמב״ם און אַנדערע גאונים. בכלל איז דאָס אָרט רייך מיט היסטאָרישע פּלעצער. עס ווערן טאַקע אָפט דורכגעפירט אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס מען טרעפט אין טבריה אַזוי פיל טוריסטן. אירע געשיכטעס, די וואַסער־קוואַלן, וואָס היילן מענטשן, זענען גענוגנדיקע אַטראַקציעס פאַר היגע און אוודאי פאַר אויסלענדער פון אַלע טיילן וועלט.

מיר פאָרן ווייטער.

גינוסר — די פירשטן־גערטנער

פון טבריה פירט אונדז דער נהג ווידער לענג־אויס דעם ים כנרת ביז גינוסר, וואָס ליגט אין אַ טאָל, האַרט ביים ים־ברעג. די גינוסרער איינ־ווינער כאַפּן זיך טאַקע אָפּט צו אויף דער פּליאַזשע און באָדן זיך געשמאַק אין די כנרת־וואַסערן.

דער נאָמען פון קיבוץ איז, ווייזט אויס, אַ צונויפגוס פון צוויי ווערטער — גני־שר: פירשטן־גערטנער. דער פירשטלעכער נאָמען פון אָרט נעמט זיך פון דעם, וואָס דער טאָל איז פון שטענדיק פרוכטבאַר, גרויסע סעדער האָבן אין אים געבליט. עס האָבן אים באַוווינט די אַמאָליקע אַריסטאָקראַטיע. אַרום די שיינע פּאַלאַצן און הייזער זענען דאָ געווען ווייַנגערטנער...

אין קיבוץ זענען מיר אָנגעקומען אַקוראַט צו מיטאָג. אין איילעניש, גלייך מיט אַלע, האָבן מיר אָפּגעגעסן. אין דער פרייטיקדיקער נאָכמיטאָג־שעה טוט מען אַלץ אויף גיך, גיך. יעדער איילט זיך וואָס שנעלער אַרויס־צושטויסן דעם אינדערוואָכן. מען גרייט זיך אויפנעמען דעם הייליקן רו־טאָג — שבת.

אויך גינוסר האָט צו דערציילן איר געשיכטע, ווי אַזוי זי איז אַרויף אויפן באָדן, ווי אַזוי מען האָט זיך געראַנגלט מיט די נאַטור־שוועריקייטן און מיט די אַראַבישע שכנים. —

דער קאַמף מיט „פּיקא", צו וועמען דער באָדן געהערט, איז נאָך ביז היינט צו טאָג נישט פאַרענדיקט. דערווייל איז ער „באַזעצט". מען אַרבעט און מען עסט די פרוכט פון אייגענער פּראַצע.

אויפגענומען האָט אונדז אריה לינעצקי, אַ יונגער עולה, אָבער פול מיט דערפאַרונג. דאָס האָט מען גלייך אַרויסגעפילט אין זיינע רייד און אין אופן פון אויפנעמען אונדז. ער קומט פון אונדזערע מקומות.

ער האָט אונדז געפירט איבערן קיבוץ. געוויזן דעם היינערשטייג, דעם קולטור־זאַל, וואָס אויפן סאַמע ברעג פון כנרת. דאָרט האָט שוין אויף אונדז געוואַרט דער פרייטיקצונאַכטיקער, פאַרפוצטער קיבוץ־עולם.

דער קיבוץ פון די פירשטן־גערטנער גרויסט זיך מיטן יונגן, ענערגישן,

גוט־באַקאַנטן מיליטער־מאַן און מיניסטער — זייער חבר — יגאל אלון. ביי זיינע קוים פערציק יאָר איז ער מיט זיין העלדישן אָנטייל אין דער באפרייאונגס־מלחמה אַלס פלמ"ח־אָנפירער אַרומגערינגלט מיט לעגענדעס. ער איז פאַרערט און באַליבט ביי אַלעמען. ווי אַן אויטענטישער פאַרשטייער פון נייעם, יונגן דור, אויפגעקומען אין געראַנגל פאַר דער יידישער זעלבסטשטענדיקייט, איז אָפן פאַר אים דער וועג פון אַ גרויסער פאָליטישער און מיליטערישער קאַריערע.

איך האָב נישט געהאַט די געלעגנהייט אים צו זען, מחמת ער איז גראָד געווען אין ענגלאַנד. זעצט פאָר דאָס שטודירן אין אָקספאָרדער אוניווערזיטעט.

גינוסר דערמאָנט אויך מיט גרויס ליבשאַפט און דרך־ארץ זייערע חברים, וועלכע האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון נאַסע, טוכלע ווענט און פינצטערניש פון דער באַרימטער עכו־טורמע. און, אַז מען האַלט זיך שוין אין גרויסן זיך — זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן דער הר ארבאל און „מערות ארבאל", מיט וואָס דער קיבוץ באַרימט זיך. דאָס זענען היילן אין די פעלדזן, וואָס האָבן אַ מאָל געדינט יידישע פאַרטיידיקער, ווי אַ שוץ־אָרט און אַ באַהעלטעניש אין די פאַרטיזאַנער־קאַמפן קעגן די רוימער. יוסיפוס פלאַוויוס, וואָס איז אַליין געווען אַ קאָמאַנדיר איבערן יידישן חייל און פאַרטיידיקט דעם ראַיאָן קעגן רוימישן אַריינדרינג — דערציילט וועגן אָט די קאַמפן צווישן די רוימער און יידן.

ווי אַן אייגענער האָט אונדז אויפגענומען אריה לינעצקי. ווי פאָר אייגענע דערציילט וועגן זיך.

געקומען אַהער פון טשילי. קיין טשילי געקומען פון אַרגענטינע. און פון דאַנען ערשט, פון גינוסר — הייבט זיך אָן זיין אַקטיוו יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן. כאָטש אַ מענטש אין די זיבעציקער, איז ער נאָך פול מיט יוגנטלעכן ענטוזיאַזם און ברען. טראָץ זיינע אייגענע מיינונגען און אָפט באַגלייטע מיט פּרעטענזיעס צום קיבוץ, פילט ער זיך דאָ גוט. דאָס איז, זאָגט ער, זיין לעצטע סטאַציע אין זיין רייך אַקטיוו לעבן.

— נו, איז ווי האָט איר זיך טאַקע דאָ איינגעאָרדנט — פרעג איך.

געענטפערט דערויף האָט ער אונדז מיט אַריינבעטן צו זיך אין שטוב אַריין, אַוועקגעזעצט זיך אַרום אַ באַשיידן צוגעגרייטן, שבתדיקן טיש. ערשט אינעווייניק, ביי זיך אין דירה, האָט זיך די צונג פון באַרעדעוודיקן לינעצקי אויפגעבונדן. ער האָט פונאַנדערגעוויקלט אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע פון זיינע לעצטע 50 יאָר, וואָס איז אייגנטלעך אַ שטיק היינטצייטיקע יידישע געשיכטע.

שוין אין יאָר 1909 איז ער געווען דער סעקרעטאַר פונעם פועלי־ציון צענטער אין אַרגענטינע. אָנגעהאַלטן אַזוי ביז דער שפּאַלטונג, אויף רעכטע און לינקע פועלי־ציון. די ערשטע מיטאַרבעטער פון דעם צענטער זענען געווען: ישראל העלפמאַן, יאָסל און פיניע קאַץ, דוד סאָרקין. אין 1915 איז צוגעקומען דער דעמאָלטיקער יונגער סטודענט און היינטיקער ד״ר יונה קאָוועצקי, ראובן זינגמאַן, מ. זינגערמאַן, דער פּאָטער פון בערטאַ און פּאַולינאַ זינגערמאַן און אַנדערע. אַלע האָבן שפּעטער געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין אַרגענטינער יידישן לעבן.

אריה לינעצקי שטאָלצירט מיט דעם, וואָס ער האָט מיטגעאַרבעט מיט לעאָן כאַזאַנאָוויטש; צוזאַמען געפירט דעם קאַמף קעגן דער ייקאַ־אַדמיניסטראַציע פאַר די אינטערעסן פון די יידישע פויערים אויף די אַרגענטינער פעלדער. צו יענער צייט האָט כאַזאַנאָוויטש אַרויסגעגעבן זיין באַרימטע שריפט — „ברויט און ערע״.ביידע — לינעצקי און דער רעדאַקטאָר זענען דעמאָלט, געשמידטע אין קייטן, אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד, קיין פּאָרטוגאַל. כאַזאַנאָוויטש איז געבליבן אַ לענגערע צייט אין ליסאַבאָן און ער, אריה, דער „דאַרער לייב״ ווי ער רופט זיך אַליין — איז אַוועק קיין מערב־אייראָפּע. דאָרט האָט ער זיך געטראָפן מיט אַלעקסאַנדער כאַשין און בער באָראָכאָוו. אויפהאַלטנדיק זיך אין עסטרייך, גרינדעט ער אין ווין אַ יידישן קולטור־פאַראיין אויפן נאָמען פון מענדעלע מוכר ספרים, ווו עס אַרבעטן מיט ד״ר שלמה ביקל און ד״ר א. ש. יוריס. אַ קורצע צייט נאָך דעם באַקומט ער דאַנק־בריוו פאַר דער שעפערישער אַרבעט אויפן קולטור־געביט, פון ראובן בריינין, ד״ר נתן בירנבוים און פון — יצחק לייבוש פּרץ.

היפשע עטלעכע שעה זיצן מיר ביי אים. צוזאַמען מיט די אינטערע־סאַנטע זכרונות דערלאַנגט מען אונדז אויף מאַטע מיט אַ לייכטן צובייס. מען לענט זיך אונטער די הערצער מיטן כיבוד און ער לענט זיך אונטער זיין שטורמיש האַרץ מיט — ווייטערדיקע זכרונות. — אין יאָר 1916 קומט ער צוריק קיין אַרגענטינע. ער מיט נאָך עטלעכע חברים גרינדן די באַ־ראָכאָוו־שולן. אין זעלבן יאָר באַזוכט ער אורוגוויי און צוזאַמען מיטן ח׳ בוימוואָסער שטעלט ער אויף דעם פועלי־ציון צענטער אין אורוגוויי. ער גרינדעט אויך די ערשטע שלום עליכם־ביבליאָטעק. אין יאָר 1920 באַזעצט ער זיך אינעם לאַנד ביי די אַנדן. פון דאָרט איז ער עולה קיין ארץ־ישראל.

אריה איז געבליבן זיצן אַ מידער, אַ דערשעפּטער. דאָס פּנים בלאַס און אויף זיינע קינבאַקן — לייכטע סמנים פון רויטע פלעקן. ער איז שטיל געבליבן. מען האָט אָבער געפילט, אַז ער האָט נאָך אַ סך, אַ סך צו דער־ציילן, און ער וואָלט נישט מיד געווען ממשיך צו זיין. מיר האָבן זיך אָבער געאיילט.

אַ שאָד, וואָס מען דערמעגלעכט נישט אריה לינעצקין אָנשרייבן, אָדער אויפנעמען ביי אים זיינע זכרונות. זיי וואָלטן געווען אַ ווערטפולער מאַטער־יאַל צו דער געשיכטע פון יידישן יישוב אויף יענער זייט פּלאַטאַ־טייך.

בערג, בערג — אַ וועלט מיט בערג...

איצט לאָזן מיר זיך צום סאַמע צפון — קיין כפר־סולד. מיר פאָרן איך די בערג פון גליל־העליון. פאַר די אויגן קומען אַנטקעגן, טאַנצן און וויקלען זיך די שמאָלע, געדרייטע כבישים אַרום די בערג. אַ ים מיט בערג. דאָ געפינען זיך די העכסטע בערג פון לאַנד. אַ טייל פון זיי דערגרייכן ביז איבער טויזנט מעטער די הייך.

אַ רואיקע שטילקייט הערשט איצטער אין דער בערגיקער וועלט. און פון די טאָלן? — ווי אַ געטלעך פייערלעך פליסטערן וואָלט זיך געטראָגן אין דער לופטן. הייבסט אָן פאַרשטיין, פאַר וואָס מענטשן האָבן דאָ גע־

הערט גאָטס שטים און אַזוי נאָענט געווען צו דער נאַטור, צום קאָסמאָס. דאָ איז געטלעך שטיל, אָבער נישט אומהיימלעך. שטרענגסט אָן דיינע אויערן און הערסט, דאַכט זיך, שעפטשעניש. פון וואַנען די טענער? דאָס מורמלעניש? איז דאָס אַ תפילה צום בורא, צום באַשעפער פון אָט דער פּרעכטיקער נאַטור־שיינקייט? די וועלט פון טאָלן און בערג, וואָס באַרוישט אַזוי, און דאָס גאַנצע געמיט ווערט באַהערשט פון אַ שטילן אינערלעכן עקסטאַז...

פריער בערג און איצט — כנרת. דער טאָג איז אַ ביסל אַ נעפּלדיקער. העל־גראָ איז דער זילבער־נעפּל איבערן כנרת, וואָס ליגט איצט פאַרחלומט. ער דרימלט אין זיין וויכן „בעט" צווישן טבריהר און גלילער בערג.

כנרת, כנרת? — וויפל דיכטער, פּאָעטן האָבן דיך באַזונגען? ווי גרויס ביסטו אין אונדזער ריאה, אין אונדזער וועלט? אָ, קליינער כנרת — 21 קילאָמעטער די לענג און אַ וועלכע 10 קילאָמעטער די ברייט.

אין אַלע צייטן איז דער כנרת־ברעג באַווינט געווען. געהאַט אַרום זיך יישובים, פרוכטבאַרע טאָלן, באַרימטע מיט זייערע פּירות. דער נהג האָט, אפנים, געזען מיין פאַרווונדערונג. שטעלט ער אָפּ די מאַשין און זאָגט צו מיר:

— איך זע דאָך, אַז איר חלשט ממש אַנרירן דאָס וואַסער. כאָטש מיר איילן זיך אַציגד, וועל איך אייך פון דעסטוועגן צו ליב טאָן: מירן זיך אָפּשטעלן.

איך גיי אַרויס פון דער מאַשין, שטעל זיך אַוועק ביים ברעג און קוק פון דער נאָענט אויף זיינע וואַסערן. צעברעקלט איז די ים־אויבערפלאַך אויף קליינע, זיידענע כוואַליעכלעך. ווי גאָלדענע און זילבערנע גלעקלעך, קלינגען זיי אין מיינע אויערן. אַ פידל־קלאַנג, אַ צאַרטער. פון וואַנען קומען זיי, די פידל־קלאַנגען? אפשר פון אונטערערדישע קוואַלן קומט די וואַסער־סימפאָמניע? איך בייג זיך איין, נעם אָן הענט מיט וואַסער און וואַש זיך דאָס פנים...

דאָס רופן פון נהג האָט מיך דערמאָנט, אַז מען טאָר נישט זיין צו פיל סענטימענטאַל.

חיים וואַרזאַגער

נאָך קנאַפּע צוויי שעה פאָרן קומען מיר נאָענט פון אַ נייעם יישוב — ח צ ו ר, וואָס לעבן ראש פּינה.

אין חצור וווינען מערסטנס יידן פון די מזרח־עדות: איראַק, איראַן, תימן, אַלזשיר און מאַראָקאָ.

זייטיק פון חצור געפינט זיך דער קיבוץ „אילת השחר". אין דעם קיבוץ איז מיט יאָרן צוריק געווען אַ חבר, דער באַקאַנטער העברעאישער שרייבער חנן אַיאַלטי, וואָס איז אַ שטיקל צייט געווען אַ תושב ביי אונדז. זיין שרייבערישער נאָמען נעמט זיך טאַקע פון דעם אָרט — אילת, אַיאַלתי — צוגעגעבן אַ יוד און פאַריידישט.

אויפן וועג קיין כפר סולד פאָרט מען פאַרביי די ח ו ל ה־געגנט. אַ ניי בילד וואַרפט זיך אין די אויגן — פיש־סאַזשעלקעס.

אונדזער מאַשין קרעכצט פּלוצעם אונטער. איך זע ווי דער נהג ווערט אַ ביסל אומרואיק. וואָס איז געשען? — קוקן זיך אַלע איבער פאַרוווּנדערט.

— עס פעלט בענזין — זאָגט דער נהג.

צו אונדזער גליק געפינען מיר זיך נישט ווייט פון קרית־שמונה. אָנ־געקומען קיין קרית־שמונה — „פויעט" דער נהג אָן זיין דורשטיקע מאַשין און מען פאַרהאַלט זיך דערווייל, כדי מאַכן אַ קליינעם שפּאַציר אויפן אָרט.

קרית־שמונה טראָגט דעם נאָמען פון אַכט העלדן, וואָס זענען געפאַלן אין יאָר 1920 אין תל־חי. די אָרטשאַפט האָט אויפגעלעבט און געוואָרן אַ שטאָט ערשט אין יאָר 1949 אַ דאַנק רומענישע און אַנדערע יידן פון מזרח־אייראָפּע. פאַר דעם איז דאָרט געווען אַן איבערגאַנגס־לאַגער (מעברה). דאָס גיט אונדז איבער דער סוחר פון דער בענזין־סטאַציע. אַליין — פון רומעניע. אַלע זיינע יאָרן איז ער געווען, זאָגט ער, אַ פאַרברענטער נישט־ציוניסט.

ווי אַ זכר פון דער געוועזענער מעברה, זעט מען נאָך היינט נישט ווייניק קליינע בלעכענע הייזקעס, געצעלטן, שטאַלן און קרעמלעך.

דער קלימאַט איז דאָ אַן אייראָפּעאישער. עס קומען פרי רעגנס. קומען צו דער געהעריקער צייט און מיט אַ פולער מאָס. וואָכן, חדשים לאַנג האַלטן אָן די ריטשקעס און רעגן־טייכלעך, וואָס בילדן זיך אויס נאָכן רעגן. פון

דאַנען טאַקע די שווים־ און פיש־באַסיינען. עס דערמאָנט אַ ביסל אין דער אַלטער היים. אַך, ווי דאָס האַרץ קוועלט.

דאָ און דאָרט זעט מען צעשטערטע אַראַבישע הייזלעך, — אַ סימן פון אַ געוועזן אַראַביש לעבן. נאָך אַ סימן... אַ ביסל ווייטער, אויף צפון, זעט מען טאַקע אונדזערע אַראַבישע שכנים. מיט אַ מאָל איז אונדזער נהג שטיין געבליבן. וואָס איז געשען? — ווונדערן זיך אַלע. גאָרנישט דערווייל... וויצלט זיך דער נהג. אָבער ווייטער פאָר איך נישט. כאָטש אַ כביש איז דאָ אַ נייער, אַ גלאַטיקער. די צרה איז אָבער, וואָס דער כביש איז נישט אונדזערער... ער איז שוין אויף יענער זייט גרענעץ: ער געהערט צו סיריע.

כאַפּט מען פאַמעלעכקע צוריק דעם אָטעם. שיער נישט אַריבער די גרענעץ... מען קערעוועט אויס אויף צוריק. דער נהג שפּירט אונדזער פאַר־לוירנקייט און פרישט אונדז אָפּ מיט אַ נײַ בילד — דער חרמון.

— זעט איר כאָטש, דעם מעכטיקן, הויכן חרמון — פרעגט ער אונדז.

אוודאי זעט מען אים. מען זעט זיינע שפּיצן מיט שניי באַדעקט. ווייס איז דער חרמון־באַרג. שניי אין ישראל. עפּעס אַ קלייניקייט. אָט איז אונדז געוועזן הייס... אַזוי נאָענט פון דער סירישער גרענעץ. און אָט איז — קאַלט. שניי.

כפר סולד — ערב שבת

אָנגעקומען קיין כפר סולד אין סאַמע ערב שבת. מען האַלט אין אויפ־רוימען און אויספּוצן דעם חדר אוכל. מחמת דעם רעגן, וואָס האָט נאָר וואָס אויפגעהערט, זענען די סטעזשקעס, וואָס פירן צום עס־זאַל, באַשאָטן געווען מיט זאַמד. די בלומען פון ביידע זייטן אויפגעפרישט. עס האָט דער־מאָנט אין אמתן ערב־שבת. אויך די לופט, די ריחות, דאַכט זיך, זענען אויך געווען שבתדיקע.

אַ חבר פון קיבוץ, דער דיזשורנער קוכער, וועמען כ'האָב צופעליק געטראָפן אויפן וועג צום חדר אוכל, האָט מיר דער ענין — קיך אין קיבוץ — אַזוי אויפגעקלערט: אַ קיך אין אַ קיבוץ איז אַ וויכטיקער ענין. עס איז נישט נאָר אַ פראַגע פון דערלאַנגען אַ ריינעם טעלער זופּ. עס איז אויך אַן

טישע פּראַגע. קודם כל דאַרף אַ מענטש, וואָס אַרבעט פיזיש און אויך אידעאיש, און איזווירטשאַפטלעך פאַרבונדן מיטן קאָלעקטיוו, ווערן גוט געשפּייזט. זיינע פּערזענלעכע און פאַמיליען־אינטערעסן דאַרפן ווערן אַ מאָראַלישער אימפּעראַטיוו פון גאַנצן ציבור. ווערט דעריבער גרויס אַכט געלייגט אויף די קיכן אין די קיבוצים. אין דעם זין, מיינט ער, קאָן כפר־סולד זיין אַ מוסטער.

קוקט מען זיך איין פון דער נאָענט, זעט מען עס מיט די אייגענע אויגן. אַלץ איז דאָ אַזוי מעכאַניזירט, אַז דעם מענטש איז נאָר געבליבן צו זיין דער אָפּהיטער, דער רעגולירער פון די מאַשינען. אויך פון שטאַנדפּונקט פון פאַרגרינגערן די אַרבעט זענען אַזעלכע איינריכטונגען אַ קאָלאָסאַלער אויפטו. שיילן קאַרטאָפל, שאָבן און אָנרייבן מערן, אַראָפּנעמען דאָס שאָלעכץ פון אַן איי, וואַשן און טריקענען דאָס געפעס, אַפילו פליקן פעדערן — אַלץ די מאַשין.

דער קיבוץ ליגט אויפן באַרגיקן רוקן פון גולן, מזרחדיק פון חולה — האַרט ביי דער גרענעץ. 1942 איז ער אויפגעשטעלט געוואָרן און טראָגט דעם נאָמען פון הענריטאַ סאָלד.

זי איז געווען אַ גרויסע יידישע פּערזענלעכקייט. געקומען פון צפון־אַמעריקע. געווידמעט זיך דער אַרבעט פון יוגנט־עליה. עלית הנוער איז געווען און געבליבן דאָס קרוין־ווערק פון אָט דער מוטיקער יידישער טאָכטער. זי האָט אויסגעביטן אַ רואיק, זאַט לעבן אויף אַ לעבן פון געראַנגל פאַרן יידישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. אירע לעצטע ווערטער צו דער יוגנט, אין אַ ראַדיאָ־רעדע, זענען געווען:

„איך וואָלט וועלן, אַז צווישן אייך, יוגנטלעכע, און מיר, זאָל געשלאָסן ווערן אַן אָפּמאַך: זיך קעגנזייטיק פאַרפליכטן צו פלעגן אונדזערע אידעאַלן און זיי פאַרווירקלעכן אין לעבן פון יחיד און כלל. פירן אַ לעבן פון ברייטהאַרציקייט, וויסן און אַקטיוויזם".

נישט אַנדערש, נאָר אָט דער גייסט, דער מאָראַלישער כוח פון הענריטאַ סאָלד, איז דעם קיבוץ, וואָס טראָגט איר נאָמען, בייגעשטאַנען אין דער באַפרייאונגס־מלחמה.

די קאַמפּן מיט די סיריער זענען געווען שווערע און פאַרביסענע. אויך היינט האַלט דער קיבוץ אַ וואַך אויג אויף אַלץ, וואָס קומט פאָר „אויף יענער זייט". פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת פּאַטראָלירן די חברים ביי דער גרענעץ פון קיבוץ, וואָס אויפן „אַראַבישן באַרג".

כאָטש דער עולם איז פאַרנומען געווען מיטן מקבל פנים זיין דעם שבת, האָט מען אויך די געסט שיין מקבל־פנים געווען. גאַר האַרציק האָט מיך אויפגענומען דער סעקרעטאַר פון קיבוץ, אשר כובש. אַ יונגער, סימ־פּאַטישער בראַזיליאַנער בחור. סעקרעטאַר פון אַ קיבוץ, מיינט אויך גע־פעלן און — קודם כל — זיינע אייגענע חברים. אשר כובש האָט דאָס דאָזיקע דערגרייכט אַ דאַנק זיין פיינעם חוש און האַרציקער באַנעמונג און פירונג מיט די חברים. ער האָט העכערע בילדונג, איז ענערגיש און איני־טעליגענט. ער איז דער פּאַקטישער און פּראַקטישער פירער פון קיבוץ.

ער האָט אונדז געפירט אויף אַ קורצן שפּאַציר. די שאָף האָבן זיך גראָד אומגעקערט פון דער פּאַשע. אין די בינשטאָקן איז שוין געווען שטיל. אין ליכט פון זון־אונטערגאַנג האָט מען נאָך געזען די טעראַסן אויף די באַרג־שפּיצן, די הייזער מיט צעפלאַמטע שייבלעך, פון דער פאַרגייענדי־קער זון.

— אָט דאָס אַלץ, וואָס איר זעט — מאַכט אשר — און די ערד, וואָס מיר האָבן פון דער שטיינער־וויסטע אויפגעלעבט און פּרוכטבאַר געמאַכט, איז אונדז נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען.

אַ דיאַלאָג מיט ביילען דער פעדערן־פּליקעריןֹ, וואָס איר מאַן איז אַ פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק

אין דער גרויסער קיך פון כפר סולד האָט געצויגן מיין אויפמערק־זאַמקייט אַ פרוי, וואָס איז געשטאַנען ביי אַ מאַשין, וואָס פליקט פעדערן. זי האָט געהאַלטן אַ געשאָכטענעם עוף אין האַנט, אַריינגעלייגט און אַרויס־גענומען דאָס עוף פון דער מאַשין. אַ צופּ געטאָן דאָ און דאָרט אַ פעדערל, אַיועקגעלייגט עס און גענומען אַ צווייטס. זי האָט, אַ סברא, באַמערקט

מיין קוקן אויף איר, פאַרלאַנגזאַמט איר אַרבעט און מיר אַנטקעגנגעטראָגן אַ וואַרעמען בליק. איך האָב דערפון פאַרשטאַנען, אַז אויך זי וויל מסתמא עפּעס פרעגן אָדער דערציילן דעם „גאַסט פון אַמעריקע". אפשר קווּעלט איר עפּעס, וויל זיך פון האַרץ אַראָפּרעדן.

איך בין צוגעגאַנגען צו דער פרוי. זי האָט אויף אַ ווײַלע אויפגעהערט אַרבעטן. און באַלד דערוויס איך זיך — זי איז אַן עלה חדש פון רומעניע. ערשט זעקס חדשים אין לאַנד.

— נו, ווי געפעלט אייך דאָס לעבן דאָ — גיב איך אַ פרעג.

— גאָט צו דאַנקען. גאָט צו דאַנקען, וואָס מען געפינט זיך שוין דאָ, אין דעם רואיקן, יידישן ווינקעלע.

— איז אייך אָנגעקומען שווער דאָס אַרויספאָרן פון רומעניע?

— ניין. אַבסאָלוט נישט. מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון לאַנד „נאָרמאַל": דאָס מיינט — לעגאַל, גיט זי מיר צו פאַרשטיין. איך האָב נאָך דאָרטן אַ שוועסטער און אַ ברודער. אויך זיי גרייטן זיך צו קומען. אַלע ווילן מיר דאָ זיין צוזאַמען: צוזאַמען לעבן — קרעכצט שווער אָפּ ביילע די פליקערין.

— און ווי איז דאָרטן, כ'מיין ביי די פאַרבליבענע יידן?

זי פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע. מען זעט אין איר פּנים, אַז זי האָט אַ סך צו דערציילן. זי רעדט ווייטער:

— איך האָף, אַז אַלע יידן וועלן קומען קיין ישראל. נישטאָ שוין דאָרט קיין אָרט פאַר יידן, נישטאָ. זייער אָרט איז דאָ, אין ישראל.

— וואָס? איז טאַקע דאָרט אַזוי שלעכט, אין רומעניע — מאַך איך אַ נאַאיווע מינע.

— ניין. נישט אין דעם האַנדלט זיך עס. מיר האָבן געהאַט צו עסן. קיינער הונגערט נישט אין רומעניע. אָבער — אירע אויגן זענען פּלוצעם אָנגעפילט געוואָרן מיט טרויער — אָבער נישט נאָר אין דעם גייט עס. יאָ, אויך אַרבעט איז דאָרט דאָ גענוג. ביידע האָבן מיר געאַרבעט. איך אין אַ פאַבריק און מיין מאַן אויף אַ מלוכה־פּאָסטן. אַ גרויסער באַאַמטער דאָרט געווען.

— ביי וואָס האָט געאַרבעט אייער מאַן?

— ער איז אַ פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק — האָט זי געזאָגט מיט שטאָלץ.

— האָט איר טאַקע געמוזט איבערלאָזן די אַרבעט, אייער מאַן דעם הויכן פּאָסטן און קומען אַהער פעדערן פליקן? — פרעג איך נאָך אַ מאָל מעשה אינטערוויואירער.

זי קוקט מיר גלייך אין די אויגן, פאַרשט דעם מיין פון מיין פראַגע און גיט אַ זאָג:

— מיין ליבער הער צו וואָס דעם גוטן פּאָסטן, דאָס גוטע עסן, אַז מען שלאָפט נישט גוט?.. — זי באַפרייט אירע הענט פון דער מאַשין. דרייט אויס דעם קאָפּ צום פענצטער, דורך וואַנען מען זעט דאָס הויז, וווּ זי וווינט.

— אָט דאָרט איז אונדזער דירה — מאַכט זי — אַ קליינע, אַן ענגע דירה, אָן מעבל, אָבער מיר שלאָפן רואיק.

— און וואָס טוט דאָ אייער מאַן, דער פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק?

— ער אַרבעט ביי זיין פאַך. פּראָפעסאָר אין ירושלימער אוניווערזיטעט.

די ווערטער „ירושלימער אוניווערזיטעט" האָט זי אַרויסגעזאָגט מיט אַ באַזונדערער באַטאָנונג.

חקוק אָדער חוקוק — אַ ויכוח צווישן אַ כלה אַ חלוצקע און — אַ רב...

פון כפר סולד איילט מען זיך, מען יאָגט גלייך קיין חקוק דורכן גליל התחתון. אין חקוק האָט אויף מיר געוואַרט אַן אַנגענעמער סורפּריז, די צוויי יונגע פּאָרלעך — פנינה און טוביה, ורדה און אליהו, ווי געוועזענע לערערינס אין דער שלום עליכם שול, וווּ איך אַרבעט אַלס דירעקטאָר, האָבן זיי מיך אויפגענומען מיט באַזונדערער חברישער פריינדלעכקייט. דאָס גלייכן — טוביה און און אליהו, די צוויי מדריכים. ביז טרערן האָט מיך גערירט זייער באַגעגעניש. כדאי, כדאי — האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט — מיין געזעלשאַפטלעכע, קולטור־דערציערישע אַרבעט.

שוין געווען נאַכט, בעת מיר זענען אָנגעקומען. כאָטש רוילעך, בראשית־דיק זעט דאָ אַלץ אויס, דאָך איז אַלץ שיין און אָריגינעל: אַ געזונטע, באַטירלעכע שיינקייט.

חקוק ליגט צווישן „הייס" און „קאַלט" — צווישן דער וואַרעמער טבריה און קאַלטער צפת. ס'רוב איינוווינער זענען געוועזענע פּלמ"חני־קעס. זיי זענען שוין נישט קיין יונגע מענטשן. צווישן זיי טאַטעס פון דער־וואַקסענע קינדער. כאָטש די „קינדער" זענען שוין חיילים אין דער ישראל־אַרמיי, האָבן זיי נאָך אַלץ וואָס צו הערן און אָנצוהערן זיך פון זייערע טאַטעס די פּלמ"ח־קעמפער.

אויסער ווילדעניש, אויסערן געראַנגל מיט די נאַטור־כוחות, איז דאָס אָרט אויך געווען אַ סטראַטעגישער פונקט. חקוק איז ממש אין אַ פעסטונג פאַרוואַנדלט געוואָרן. דאָס אָרט האָט פאַרבונדן דעם וועג: טבריה — צפת.

די נעבטיקע קעמפער און זייערע זין און טעכטער קולטיווירן היינט באַנאַנעס, פלוימען, האָדעווען קי, הינער און... קיין שום בייז אויג זאָל זיי נישט שאַטן — אייגענע קינדערלעך. דער קיבוץ געפינט זיך אויף אַ הויכקייט. די פעלדער, וואָס זיי באַאַרבעטן, זענען אין אַ טאָל. פירט זיי צו דער אַרבעט — אַ טראַקטאָר.

— אַצינד וועט מען אייך באַקענען מיטן גרעסטן וואונדער פון דער נאַטור, אַ פענאָמען ממש — זאָגן די חברים און לאַדן אונדז איין אויף אַ שפּאַציר.

מיר לאָזן זיך גיין אויף שמאָלע סטעזשקעס פון שטיינער און שפּיציקע פעלדזן. דאָס איז נישט קיין גאַנג, נאָר אַ האָפּקען און שפּרינגען פון שטיין צו שטיין, ביז מיר קומען צו אַ שמאָלן, זייער שמאָלן טאָל, וואָס זעט אויס ווי אַ קאַנאַל. פון ביידע זייטן קאַנאַל — הויכע בערג. זיי מאַכן נאָך טיפער, אימהדיקער דעם שמאָלן קאַנאַל, ווו עס געפינט זיך אַ קאַלומנע. קיינער ווייסט נישט און קאָן נישט דערקלערן, ווי אַזוי און פון וואַנעט ס'האָט זיך דאָ אַהער גענומען אַזאַ נאַטור־פענאָמען אין דעם נידעריקן אָרט. אַרכעאָלאָגן באַוווּנדערן די קאַלומנע, ווי דאָס גרעסטע וואונדער. דאָס איז אַזאַ מין גראַניט־שטיין, וואָס די נאַטור האָט אים אַזוי פּרעציעז „באַאַרבעט" און געשליפן, אויסגעפורעמט און אויסגעגלעט. מען רופט דעם קאַנאַל — ואדי עמוד.

*

דריי שפּראַכן רעדט מען אין חקוק: שפּאַניש, וואָס מען האָט געלערנט אין די שולן, יידיש, וואָס מען וויל נישט פאַרגעסן און עברית, — וואָס מען לערנט אין קיבוץ און אויף די פעלדער פון אַרבעט. עס ווערט געפירט אַ קולטור־ און בילדונגס־אַרבעט. מען ברענגט אַראָפּ לעקטאָרן פון די שטעט. אויך אָוונט־קורסן זענען געגרינדעט געוואָרן. מען לערנט געשיכטע, תנ״ך, סאָציאָלאָגיע און אַפילו עקזאַקטע וויסנשאַפטן. מען שולט אויך אויס אייגענע לערערס, מען שיקט קיבוץ־חברים אין די סעמינאַרן און נאָכן גראַדואירן ווערן זיי דערציערס אין זייערע אייגענע שולן.

מען דערציילט מיר דאָ אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד: בעתן אַדורכפירן די ערשטע חופּה־צערעמאָניע אין קיבוץ האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַ רב, ער זאָל געבן חופּה וקידושין. לייענענדיק די כתובה, הערט די כלה דאָס וואָרט „חקוק״. כאַפּט זי זיך, די כלה, אַז דאָס וואָרט איז נישט ריכטיק אַרויסגעזאָגט געוואָרן און מאַכט דעם רב אויפמערקזאַם:

— נישט חקוק, נאָר „חוקוק״ זאָגט מען.

הייבט דער בכבודיקער רב אויף די אויגן צו דער, וואָס מאַכט אים די באַמערקונג.

ווערט דערפון די חלוצקע נישט נתפעל און חזרט איבער:

— נישטאָ אין תנ״ך אַזאַ נאָמען ווי „חקוק״.

און תוך כדי דיבור, גייט זי אַרויס פון אונטער דער חופּה, לויפט אַריין צו זיך אין צימער און ברענגט מיט זיך דעם ספר יהושע און ווייזט דעם רב דאָס אָרט, וווּ ס׳שטייט געשריבן ״חוקוק״. דער וויכוח צווישן רב און דער כלה האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. דערפאַר אָבער איז דער נאָמען „חוקוק״ אויף לאַנג איינגעקריצט געבליבן אין אַלעמענס זכרון.

אין חקוק האָבן זיך אַלע, און גאָר באַזונדער די אַרגענטינער, זיך געגרייט צו דער חתונה קיין „בית קשת״. ביידע, די כלה און דער חתן זענען אַרגענטינער. זענען מיר אויך איינגעלאַדן געוואָרן. צוזאַמען מיטן קיבוץ־יונגוואַרג זענען מיר אַרויף אויף אַ משא־אויטאָ און זיך געלאָזט אין וועג

אַריין. דערנענטערנדיק זיך צו „בית קשת״, האָט מען געהערט געזאַנ־גען, פריידיקע אויסגעשרייען, יידישע און העברעאישע לידער האָבן אָפּ־געקלונגען אין דער נאַכט. צווישן דעם עולם, וואָס האָט אונדזער אויטאָ באַלאַגערט, האָט מען אויך געזען חתן־כלה.

ער, אַ הויכער, שלאַנקער, אין אַ ווייס העמדל מיט פּאַרקאַטשעטע אַרבל; זי, אַ נידעריקע, מיט אַ מילד, רונדיק און חנוודיק פּנים. אויך זי טראָגט אַ ווייס בלוזקעלע, אַ טונקעלע ספּאָדניצע, פיין פאַרקעמט. ביידע שמייכלען, באַגריסן אונדז. מיר ווינטשן זיי אַ מזל טוב.

*

אין גרויסן עס־זאַל זענען שוין געגרייט די טישן. יונגוואַרג פירט חתן־כלה מיט פּאַראַד אין זאַל אַריין. מען האָט געמאַכט אַ לחיים, טועם געווען פון די באַשיידענע מאכלים און געטראַנקען. דעם אָוונט האָט דאָ פונקט געווילט אַן אַרטיסטן־טרופּע פון אַ שכנותדיקן קיבוץ. האָבן זיי געגעבן אַ פּראָגראַם וועגן אַן אַמאָליקן שניידער־יינגל, וואָס פאָרט קיין פּאַלעסטינע. — עס איז געווען משמחדיק און היימישלעך אויפן האַרץ.

מען האָט אויך גיך צענומען די פּראָוויזאָריש־אויפגעשטעלטע טישן און עס איז אָוועק אַ טאַנץ. וואָס זאָג איך — טאַנץ. התלהבותדיקע האָראָס, אויך וואַלצן און טאַנגאָס. סאָלאָ, פּאָרלעכווייז און אין קאָראַהאָדן האָט מען געטאַנצט. טאַטעס, מאַמעס, יוגנטלעכע און קינדער האָבן אין איינעם און איינציקווייז געטאַנצט. אויפגעהערט האָט מען ערשט נאָך חצות. חתן־כלה זענען באַגלייט געוואָרן צו זיך אין דער דירה. דער עולם האָט זיך ביסלעכווייז געלאָזט אַהיימגיין.

זייער שיין און זייער פיין, — האָב איך געטראַכט פאַרן אַנטשלאָפן ווערן. אָבער? — וואָס איז דער ״אָבער״? — האָב איך זיך אַליין געפרעגט און געענטפערט: — עס פעלט טראַדיציע, נוסח. ער וועט קומען, דער נוסח, דער אַקומולירטער נייער לעבנסשטייגער. ער וועט קומען מיט דער צייט. דערווייל האַלט נאָך אַלץ אין ווערן: אַלץ איז נאָך אַ פליסנדיקע סובסטאַנץ. מען בלאָנדזשעט. מען וועט דעם וועג געפינען.

„דפנה" און זיין לעבעדיקער גייסט — אברהמל בנאי

געטראַכט האָבן מיר, וואָס אַן אמת, מיט דפנה צו שליסן אונדזער לענגערן וויזיט. האָט מען ערשט אין דפנה אויסגעאַרבעט אַ נייעם פּלאַן — קיבוץ המאוחד, דורך דפנה.

אַרויסגעפאָרן פון בית קשת זענען מיר זייער פרי. אָנגעקומען קיין דפנה מיטאָג־צייט.

— אין דפנה וועט איר הערן אַ יידיש וואָרט — זאָגט מיר דער נהג, דער יונגער סימפּאַטישער מכאל איציקזאָן. דער מזכיר דאָ איז אברהמל בנאי. דערמאָנט מען נאָך דעם נאָמען אברהמל, איז שוין אַלץ געזאָגט...

ווי נאָר מיר זענען אַראָפּ פון אויטאָ, איז אונדז אַנטקעגנגעקומען אַ פעסט־געבויטער מאַן מיט אַ ליכטיק, אָנגענעם פנים. ער האָט אונדז אונטערגעטראָגן אַ יידישלעכן שלום עליכם.

איך האָב זיך פון דעם שלום עליכם גלייך היימיש געפילט און גע־פרעגט: — דאָס זענט איר דער חבר בנאי? אָ, וויפל מיר האָבן זיך וועגן אייך אָנגעהערט.

— הייסן הייס איך אברהמל. נאָר אין ביוראָקראַטישע ערטער, אין אונ־דזערע אָפיציעלע אַמטן, רוף איך זיך „בנאי". זיינע געלאַסענע רייד באַ־גלייט אַן אָפענער און האַרציקער שמייכל.

און שוין זיצן מיר אין דער דירה פון אברהמלען. פון אים, אברהמלען, קומט אַ סך איניציאַטיוו און ער אַליין איז דער ערשטער זיי צו רעאַליזירן. אַוו נאָר אַרבעט, אַוו נאָר התחלה — איז ער דאָ, צו יעדן טאָט — דער ערשטער. ער איז אַ גוטמוטיקער, קלוגער, פריילעכער און פריינדלעכער מענטש. ער איז אַ געמיש פון געזונטער, קאַלטער ליטוואַקער־לאָגיק מיט התלהבות און באַגייסטערונג פון אַ פוילישן ייד. ער האָט אַ קלאָרן קאָפּ און אַ וואַרעם האַרץ. אַ נחת מיט אים צו רעדן און זיך געפינען אין זיין סביבה. אברהמלען איז פרעמד דאָס וואָרט זאָרג, עצבות. ער שטאַמט פון אַ לעטיש שטעטל ביי ריגע. געקומען מיט העכער 30 יאָר צוריק אין לאַנד, נאָך אַ גאַנץ יונגינקער חלוץ. איבערגעלאָזט אַ יוסטע היים. דער טאַטע —

אַ פלאַקס־סוחר און אַ ליבהאָבער פון יידיש לשון. אויך אברהמל רעדט יידיש, מיט אַזאַ שטאָלץ און פרייקייט, גלייך דאָס וואָלט געווען די אומגאַנג־שפּראַך. אַ מענטש, וואָס רעדט נישט קיין יידיש, זאָגט ער, קאָן קיין מאָל פריילעך נישט נישט זיין. נישט ווייניקער האַרציק איז זיין סימפּאַטישע פרוי מרגלית. זי אַרבעט אַלס דערציערין. שוין אין ערשטן שמועס האָט זי אַרויסגעוויזן אַ סך בקיאות אין אַלגעמיינע סאָציאַלע און געזעלשאַפטלעכע פּראָגן.ביידע, מאַן און פרוי — אַ מוסטער פון אַ מאָדערנער יידישער אינטעליגענטער משפחה. זייער קוק און אידעאישער צוגאַנג צו אונדזער פאָלקס־פּראָבלעמאַטיק איז ברייט־האָריזאָנטיק. מען פילט אָט דעם חותם אויפן קיבוץ, וואָס איז געגליכן צו אַ לאַבאָראַטאָריע, די גייסטיקע קוזשניע פון נייעם ייד.

נאָכן ערשטן מיינונגס־אויסטויש און איבערשמועס, איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן, ווי אַזוי אויסצונוצן דעם טאָג אויף עפּעס צו זען דאָ. און צו זען איז דאָ אַ סך, גאָר אַ סך.

700 נפשות ציילט דער קיבוץ. אַ העלפט דערפון זענען דערוואַקסענע, עלטערע. די צווייטע העלפט — יוגנטלעכע און קינדער. געגרינדעט איז ער געוואָרן אין מאַי 1939. ביז מיט פינף יאָר צוריק איז נאָך אין קיבוץ קיין עלעקטריש ליכט נישט געווען. פינף מיליאָן פונט האָט אָפּגעקאָסט דאָס צופירן אָהער עלעקטרישע קראַפט. מעגלעך, אַז אָט די „טעכנישע" הינטערשטעליקייט אָדער פאַרשפּעטיקונג נעמט זיך פון דעם, וואָס, ווי נאָר מען איז אַרויף אויפן באָדן — איז אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה. די שווערע מלחמה־באַדינגונגען האָבן געשטערט דאָס פאָרויסגיין פון קיבוץ.

— שווער איז געווען דער אָנהייב — דערציילט ווייטער אברהמל — אויך צוליב דער אָפּגעריסנקייט פון צענטראַלן טייל לאַנד. מען האָט אָבער געפונען יונגע און פאַסיקע מענטשן צו דער פּיאָנערן־אַרבעט.

— שמואל מוהליבער איז, זעט אויס, גערעכט געווען — מישט זיך אַריין מרגלית — ווען ער האָט געזאָגט, אַז אַרויסנעמען דעם ייד פון גלות איז שווער: שווערער איז אָבער אַרויסצונעמען דעם גלות פון ייד...

*

שפּאַצירנדיק זענען מיר צוגעקומען צו אַ גרויסן בנין, וואָס מען האַלט אין אַרויסענדיקן.

— דאָס וועט זיין אַ ספּאָרט־געביידע, וואָס וועט אויך דינען פאַר אַ טעאַטער מיט אַריבער 700 זיץ־פּלעצער. אין חדר אוכל האָט אונדז פּרוי מרגלית באַקאַנט מיט אירע צוויי קינדער: אַ בחור פון זיבעצן יאָר און אַ מיידעלע פון פערצן יאָר. דער דריטער, האָט זי גלייך צוגעגעבן, איז דאָ נישטאָ. ער לערנט אויפן ירושלימער אוניווערזיטעט.

— איז אמת, וואָס מען זאָגט, אַז נישט אַלע האָבן אין קיבוץ די מעגלעכקייט פאָרצוזעצן לערנען און דערגרייכן העכערע בילדונג — האָב איך געפרעגט.

— ווי איז עס מעגלעך — האָט אברהמל פאַרוונדערט געפרעגט — אָט לערנען דאָך מיינע קינדער.

— נו, יאָ. דאָס קאָן גריילעך זיין אַן אויסנאַם.

— אַך, וואָס רעדט איר — ענטפערט ער מיט אַ קאַטעגאָרישן טאָן — דאָס טראַכטן אפשר אויס די שונאים פון דער קיבוצישער באַוועגונג. יעדער קאָן לערנען די קינדער וויפל נאָר זיי ווילן און זענען פעיק אויפצונעמען. אדרבא, פאַראַן ביי אונדז אַ פּרינציפּ, אַז קינדער, וואָס ווייזן אַרויס טאַלאַנט אָדער פעיקייטן אין אַ באַשטימטער אינטעליגענטישער פּראָפעסיע, קונסט־געביט, ווערט געגעבן די מעגלעכקייט ווייטער צו שטודירן.

— זענען אין קיבוץ פאַראַן אַ סך אַזעלכע פאַלן?

— נישט קיין סך, אָבער מיר האָבן אַזעלכע פאַלן — ענטפערט ער גלייך — מיר האָבן קינדער, וואָס לערנען אין אויסלענדישע אַקאַדעמיעס מוזיק, סקולפּטור, אַרכיטעקטור, מאַלעריי. אמתע טאַלאַנטן גייען ביי אונדז נישט פאַרלוירן. מיר פלעגן זיי מיטן באַוווסטזיין, אַז שפּעטער וועלן זיי דינען דעם קיבוץ און משפיע זיין אויף דער גייסטיקער און אינטעלעקטועלער אויספאָרמירונג פון קיבוץ־מענטש. — מרגלית האָט דערביי איר בערגעגעבן פאָלגנדיקן פאַקט:

אין קיבוץ איז געבראַכט געוואָרן אַ 13־יאָריק מיידעלע פון יוגאָסלאַוויע.

דאָס קינד איז אַרויסגענומען געוואָרן פון אַ דאָרטיקן קלויסטער צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע יידישע קינדער. די ערשטע צייט האָט זיך דאָס מיידעלע געפילט שרעקלעך פרעמד און איינזאַם. טעג און נעכט געוויינט און נישט געוואָלט באַווייזן זיך צווישן מענטשן. נישט גערעדט און נישט געשפּילט זיך מיט קיין אַנדערע קינדער. נו, אדרבא, גיט היינט אַ קוק אויף איר? נישט מער ווי פינף יאָר זינט דעמאָלט. זי האָט חתונה געהאַט. זי איז צופרידן און גליקלעך. זי איז פון די בעסטע, דיסציפּלינירטסטע אין קיבוץ. דאָס יידישע, מאָראַליש־מענטשלעכע פון איר אינערלעכער וועלט איז אויפגעוועקט געוואָרן צום לעבן. אַ פרייער, באַוווסטזיניקער און פולבאַרעכטיקטער מענטש איז זי היינט.

נאָכן אָפּעסן מאַכט מען ווידער אַ שפּאַציר איבערן קיבוץ. מיר גייען פאַרביי דעם גדר, די דראָט־פאַרצוימונג. אָט דאָ נישט ווייט, אפשר אַ קילאָמעטער פון דאַנען — רופט זיך אָן מרגלית — איז די לבנונישע גרענעץ. פון אַזאַ „נאָענטקייט" איז מיר געוואָרן אַ ביסל קאַלעמוטנע...

— איין קילאָמעטער איז אַ סך — ענטפערט איר אברהמל — אָט וועל איך באַלד באַווייזן דעם גאַסט אונדזערן, אַז ער וועט מיט זיינע הענט אָנרירן די גרענעץ.

נו, פון אַזאַ העלדישקייט איז מיר שוין אויף אַן אמת קאַלט געוואָרן...

— שרעקט אייך נישט — באַמערקט ווידער אברהמל חכמהדיק — איידער וואָס ווען, וועט מען אייך פריער ווייזן די דפנהער מוזיק, די „סימפּאָניע".

— וואָס הייסט ווייזן די סימפּאָניע? — פרעגט איינער פון אונדזערע באַגלייטער — מוזיק הערט מען, נישט מען זעט.

— גערעכט, אָבער ביי אונדז אין דפנה קאָן מען זי אויך זען — העלפט מרגלית אַרויס איר פריילעכן אברהמל.

אַזוי רעדנדיק דערגייט צו מיינע אויערן אַ מאָדנער אונטערערדישער געמורמל. דאָס געמורמל ווערט שטאַרקער און גייט איבער אין אַ וואַסערגערויש. קלאַנגען, נאָגנדיקע און גלעטנדיקע, וואָס מאַכן אויפברויזן און

אויפּציטערן ס׳געמיט. און קיין טייכל זעט מען נישט. און נישט קיין וואַ־סער־שטראַמל. איז פון וואַנען קומען זיי, די פאַרטייעטע וואַסער־קלאַנגען?

— אָט דאָ, צווישן די געדיכטע קוסטעס — וועקט מיך אברהמל פון מיין פאַרחלומטקייט — אָט אָ, לעם אייך, צעגעמט ער דאָס פאַרפּלאָנטערטע געצווייג, פּליסט דאָס וואַסערל. דאָס איז טאַקע דין ווי אַן אָדער. דאָס איז איינער פון די דריי אָדערן, וואָס פלעכטן זיך אַריין אין ירדן: „דן״ הייסט דער אָדער.

„בייטאָג און ביינאַכט שפּילט ער זיין סימפאָניע״, — באַרימען זיךביידע, — „ער קוועלט און לאַכט. מיר הערן אים אָן אויפהער: טאָג און נאַכט. אַן אייביקע סימפאָניע איז דאָס. און מיר זענען אירע שומרים און שליחים״.

שטייען מיר אַזוי ביים ראַנד פון קיבוץ, וואָס ליגט אויפן סאַמע צפון פון לאַנד. „ד ן״, „י ר ד ן״. און אָט מיטן פינגער צו דערגרייכן, דאַכט זיך, איז דער חרמון. און לויפן לויפן די וואַסערן פון יענער הויכקייט טאַקע, ביז דער טיפסטער נידערונג און פאַלט אַריין אין ים המלך.

מיר גייען ווייטער. קומען צו צו אַ באַסיין.

— דאָ האָדעוועט מען פיש — קלערט מען אונדז אויף. ווי נשקשהדיקע טייכן זעען אויס אונדזערע באַסיינען.

שטייט מען און מען קוקט אויף די וואַסערן, קומען ווידער געדאַנקען. אמת, נישט קיין נייע געדאַנקען, אָבער קיין מאָל ווערן זיי נישט אַלט... געדאַנקען וועגן דער גאַנצער געגנט, וואָס איז פול געווען מיט קראַנקע וואַסערן, זומפּן. קללה און פאַרלענד האָבן זיי געטראָגן אין זיך פאַר די היגע איינוווינער. זענען געקומען די קינדער פון די פלאַקס־הענדלער, פון די גאַלאַנטעריע־קרעמער, פון די מנחם־מענדלס, פון דער יידישער צע־שפּרייטקייט און מיטן כוח פון גלויבן און פיאָנערישער אַרבעט איבערגעבויט דאָס לאַנד און פאָלק, פאַרוואַנדלט די קללה אין אַ ברכה. געקירעוועט די פאַרפלייצנדיקע וואַסערן און גערייניקט זיי, אַריינגעגעבן שיינקייט און לעבן.

חיים וואַרזאַגער

פון דער אַסימילירטער חסידישער טאָכטער אין וואַרשע, ביז דער דפנהר פּעדאַגאָגין — איז פאָלג מיך אַ גאַנג...

מרגלית האָט אפנים „דערשמעקט", אַז איך האָב עפּעס אַ שייכות מיט דערציאונג און דער שמועס איז אַרויף אויף אונדזערע פאַך־ענינים.

שוין לאַנג נאָכן שפּאַציר. מיר זיצן אין חדר אוכל. מען רעדט וועגן טעאָרעטישער און פּראַקטישער פּעדאַגאָגיע. שוין אַכצן יאָר, ווי זי פאַר־נעמט זיך מיט פּרעבליסטיק. עס רעדט פון איר אַרויס אַ לערערין, אָבער אָן רוטין. פאַראַן לערער, וואָס פאַרוואַנדלען זייער דערפאַרונג אין אַק־סיאָמעס, אין פּעדאַגאָגישע פּרינציפּן.

פאַראַן אויך אַזעלכע דערציערס, וואָס זייער אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג דינט זיי פאַר אַ באַזע צו לערנען ווייטער, באַקענען זיך מיט נייע מעטאָדן, מיט נייע פאָרשונגען אויפן געביט פון פּסיכאָלאָגיע און מעטאָדיק. צו די לעצטע געהער די דפנהר גננת, ביז היינט צו טאָג באַזוכט זי די העב־ברעאישע אוניווערזיטעט און פאָלגט נאָך, וואָס עס קומט פאָר אויף דעם געביט אין דער ברייטער וועלט.

מרגלית איז געוואַגט אין אירע פּעדאַגאָגישע איינשטעלונגען. זי האָט נישט קיין מורא אָפּצופרעגן אָפּגעלעבטע געדאַנקען און אָנגענומענע כללים, וועלכע דאָס לעבן האָט זיי שוין פון לאַנג איבערגעשיקט אין די אַרכיוון.

ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, קומט זי, מרגלית, פון אַ חסידישער שטוב. אַ געבוירענע אין וואַרשע, רעדט זי אָבער אַ ליטווישן יידיש נישט ערגער פון איר מאַן, דעם געבוירענעם ליטוואַק. ביז דער חתונה האָט זי בכלל קיין יידיש נישט געקענט. אוודאי און אוודאי נישט געקענט קיין תנ"ך. אַ חסידיש, נגידיש־אַסימילירטע טאָכטער. און היינט — אַ װוּנדער־לעכע ישראל־פּעדאַגאָגין.

מיר פאָרן קיין „משגב־עם", וואָס ליגט אויפן סאַמע שפּיץ פון די הרי נפתלי, און אויף דער גרענעץ מיט לבנון.

— נו, מלמדים, פאַרענדיקט אייער רעדעניש — האָט אברהמל אַ פּאַטש געטאָן מיט זיינע הענט — גענוג געשמועסט. מיר דאַרפן היינט נאָך אויפ־

טאָן אַ סך זאַכן. דער טאָג שטייט נישט. מיר זעצן זיך אַריין אין מאַשין פון „אברהמל מדפנה". ער נעמט דאָס רעדל אין זיינע פעסטע הענט און איידער מען קוקט זיך אום, איז מען שוין אין די בערג. הרי נפתלי — די העכסטע בערג אין לאַנד.

— אינעווייניק, אין די אינגעווייידן פון די בערג געפינט זיך אייזן — מאַכט ער פאַרנדיק — פאַר אונדז איז דאָס דאַזיקע אָבער אַ צו טייערער ביסן. נישט ווייט איז די צייט, וואָס מיר וועלן אויך די מעכטיקע פּראָדוקציע נעמען אין אונדזערע הענט.

איין האַנט אויפן רעדל און מיט דער צווייטער ווייזט ער איטלעכעס מאָל אָן אויף ערטער, ווו ס'האָט פריער קיין מענטשלעכער פוס נישט גע־טראָטן און היינט געהערט דאָס אַלץ צום קיבוץ. אָט איז מען פאַרקראָכן אויפן סאַמע שפּיץ — דער לעצטער באַרג אויפן קאַרק פון די הרי נפתלי — און באַזעצט זיך: משגב־עם.

דאָס איז דער לעצטער אַרויסגערוקטער פונקט פון דער ישראל־טערי־טאָריע. געדעכט געוועזן אברהמל, בעת ער האָט געזאָגט, „נישט קיין מציאה אַ קילאָמעטער פון דער גרענעץ". אָט שטיי איך אויפן סאַמע גרענעץ פון לבנון. איין מעטער, אפשר ווייניקער... טיילט אונדז אָפּ פון לבנון. איין שפּרייז און — שוין לבנון.

דער קיבוץ אויף דעם סאַמע שפּיץ פון משגב־עם, וואָס אין אַ ווינקל פון הרי נפתלי — איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1945. ער האָט באַ־דאַרפט זיין אַ דעמאָנסטראַטיווער ענטפער דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט אויף איר אַנטי־יידישער פּאָליטיק צו יענער צייט.

ווער זענען דאָס די מענטשן, וואָס האָבן אַזוי נאָענט צו גאָט געבויט זייער לעבן? — פרעגט איינער פון אונדז דעם באַגלייטער.

— דאָס זענען די זין און טעכטער פון „דן" און „דפנה" און אַרומיקע קיבוצים — ענטפערט ער גלייך, אברהמל.

— און אַזוי נאָענט פון דער גרענעץ?

— אונדזערע מענטשן זענען נישט קיין באַגרענעצטע — ענטפערט ער מיט אַ וואָרט־שפּיל. אונדזערע קינדער זעען פאַר זיך ברייטע האָריזאָנטן.

אין דער הייך איז קיל און נחתדיק. מיר כאַפּן זיך אַריין אין חדר־אוכל. מען עסט דעם פאַרשפּעטיקטן נאַכט־מאָלצייט. ווו צו גיין דאָ ביינאַכט, איז נישטאָ און, ווי זאָגט אונדזער אברהמל — ס'איז אויך נישט כדאי...

— וואָס זשע טוט מען דאָ אין די נעכט, אַ שטייגער? — גיב איך זיך אַזוי אַ פרעג.

— די וואָס שלאָפן, שלאָפן זייער רואיק, און די וואָס זענען אויף דער וואַך — שלאָפן נישט... — איז דער ענטפער.

אַ פּאַסטעך אַ פילאָזאָף

די קאַלטקייט אויפן בארג איז אַן אַנגענעמע. מען אָטעמט מיט פרישן ריח און באַרג־לופט.

אין ווינקל פון קיבוץ זיצט אַ גרופּע און רוט, אוודאי פון אַ שווערן טאָג אַרבעט. מיר זעצן זיך צו און אונדזער באַגלייטער דערציילט אַזאַ אַנעקדאָט: „אַן אַמעריקאַנער סטודענט פון פילאָזאָפישן פאַקולטעט איז אַראָפּגעקומען אין אַ געוויסן קיבוץ אויף אַ באַזוך. דער קיבוץ איז אים זייער געפעלן געוואָרן, האָט ער באַשלאָסן דאָרט צו פאַרבלייבן. ער האָט זיך געוואָנדן וועגן אַריינגענומען אים ווי אַ חבר און זיין ווענדונג איז אָנגענומען געוואָרן. וואָס זשע גיט מען אַזאַ קיבוץ־חבר צו טאָן? ער וויל ווערן אַ פּאַס־טעך, זאָגט ער, בבקשה. אויך די ביטע איז מען אים אַנטקעגנגעקומען. זיצט ער זיך ביים ראַנד פעלד, דער פּאַסטעך, מיט אַ בוך אין האַנט און לערנט גריכישע פילאָזאָפיע.

זענען איין מאָל אין קיבוץ אַראָפּגעקומען אַמעריקאַנער טוריסטן. געזען ווי אַ פּאַסטעך זיצט מיט אַ בוך אין האַנט, אַ פאַרטיפטער אין לייענען — פרעגט איינער פון זיי: — וואָס טוסטו דאָ, חבר, ביסטו דער פּאַסטעך פון די שעפעלעך און פון די בהמות?

— יאָ, דער פּאַסטעך.

— נו, און וואָס לייענסטו?

— איך לייען פילאָזאָפיע.

— פאַרשטייסטו כאָטש עפּעס?

— ניין — האָט דער פּאַסטעך משונהדיק שטאָלץ געענטפערט.

— פאַר וואָס זשע לייענסטו?

— איך האַלט דאָס בוך, כדי צו מאַכן אַ רושם...

— אַ רושם? דאָ אויפן פעלד?

— יאָ. דאָ אויפן פעלד.

— אויף וועמען?

— אויף טוריסטן און בהמות".

מען פאָרט קיין תל־חי — דער סימבאָל פון ייִדישער אומדערשראָקנקייט

מיר לאָזן זיך ווייטער, פּאַראַלעל מיט דער לבנונישער גרענעץ, פּאַזע דער דראָט־פאַרצוימונג. אויך דאָ איז אַ נייער שאָסיי. עס פאָרט זיך גוט און גלאַטיק. הלוואי וואָלט דאָ גלאַטיק און פרידלעך געווען. — מיר קומען אַרויף אויף אַ בערגל. דאָרט געפינט זיך אַ מאָנומענט, דער באַרימטער תל־חיער „האריה השואג". שטייען מיר אַזוי און קוקן אויפן צעברומטן לייב, וואָס ברומט און שרייט אַראָפּ פון זיין שטיינערנעם פּעדיסטאַל. דאָס איז דאָס גיבורים־געברום: דאָס מעכטיקע געשריי פון יוסף טרומפּעלדאָר און זיינע חברים.

אַכט זענען זיי געווען. אַלע — אומגעבראַכט געוואָרן דורך די אַראַבישע איבערפאַלער. געפאַלן זענען די קעמפער פון תל־חי, אָבער די לעצטע ווערטער פון יוסף טרומפּעלדאָר וועלן זיך אייביק לאָזן הערן: „טוב למות בעד ארצנו" („עס איז גוט צו שטאַרבן פאַרן אייגענעם לאַנד"). אין אַלע ווינקעלעך פון ערד־קיילעך קלינגען נאָך היינט אָפּ און וועלן אויף לאַנגע דורות נאָך קלינגען די דאָזיקע פּשוטע, אָבער ערלעכע ווערטער, ווערטער פון ליבשאַפט און גבורה.

קוקט ער אַזוי אַראָפּ, דער „לייב", פון זיין פּעדיסטאַל. קוקט אויף די

ישובים און שטעט, וואָס זענען זינט דעמאָלט (מערץ 1920), ביז היינט אויסגעוואַקסן. און אויף זיין שטיין איז אויסגעקריצט אַ „יזכור״:

„יזכור — זאָל געדענקען דאָס פאָלק ישראל און זיך בענטשן מיט זיינע קינדער און טרוימען נאָכן יוגנט־חן, לויטערקייט פון גבורה, הייליקייט פון ווילן און מסירת־נפש. זיך בענטשן און געדענקען אויף אייביק די זין, וואָס זענען אומגעקומען אין קאַמף: נישט רוען און פאַרגיין זאָל דער טרויער, ביז קומען וועט דער טאָג, ווען ישראל וועט זיך אומקערן און אויסלייזן איר באַרויבטע ערד״.

מיט אַ געפיל פון יראת הכבוד האָבן מיר פאַרלאָזט תל־חי און זיך געלאָזט ווייטער. שמאָלע און קרומלעכע וועגן. באַרג און באַרג. אַריבער 400 מעטער איבערן ים־פלאַך, קומען מיר צום אָרט, וווּ עס איז געווען אַ פעסטונג פון דער ענגלישער פאָליציי. גרויסע צרות און עינויים זענען דאָרטן אָנגעטאָן געוואָרן די יידישע קעמפער, וואָס האָבן זיך אין דער פעסטונג געפונען. עס איז באַשלאָסן געוואָרן זי צו צעשטורעמען און איינעמען.

28 פלמ״חניקעס, באַוואָפנטע מיט געווער און דינאַמיט, זענען אין איינער אַ נאַכט אַוועק אַהין. אַ שווערע און פאַרביסענע שלאַכט איז פאָר־געקומען צווישן דער גוט־באַוואָפנטער ענגלישער פאָליציי און די יידישע קעמפער. די פעסטונג איז איינגענומען געוואָרן. דער נצחון האָט געקאָסט די לעבנס פון אַלע אַכט און צוואַנציק העלדן.

וויפל ענלעכקייט איז פאַראַן אין דעם אומגלייכן קאַמף פון די פלמ״ח־ניקעס מיט דער ענגלישער הערשאַפט צום קאַמף פון אונדזערע חשמונאים מיט די רוימער?

ביים איינגאַנג אין דער פעסטונג ליגט אַ גרויסער טונקל־געלבלעכער שטיין און אויף אים איז אויסגעקריצט מיט גרויסע אותיות: „י״א ניסן תש״ח״ און די נעמען פון די געפאַלענע קעמפער.

רוען דאָ אין זייער אייביקער רו די קעמפער, די שטורעמער, די אויפ־רייסער פון שונאס פעסטונגען. און דאָרטן, אויף יענער זייט באַרג, אויף

די פריערדיקע חולה־זומפּן — געפינען זיך 18 — חי — ישובים. אַ ביסעלע ווייטער — ווידער גאַנצע 28 יידישע ישובים — כ״ח — אַזוי פּיל, וויפל די צאָל העלדן פון מצודה.

„דאָס האָבן מיר אַליין „געריסעוועט"

— און איצט לאָמיר „אַרויפטאַנצן" אויף אָט דעם באַרג. ער האַלט סך־הכל 900 מעטער די הייך. ער געהערט טאַקע צו די הרי נפתלי — ווייזט אָן אברהמל.

גערעדט און געטאָן. און שוין שטייען מיר אויבן, מיטן פּנים צו חולה. מיינע בליקן פאַלן אויפן גרינעם ווי מיט סאַמעט באַדעקטן עמק, וואָס איז פריער געווען איין גרויסער זומפּ.

— איר זעט דאָס אַלץ — רופט זיך אָן דער פירער פון דפנה, דער וויצלדיקער אברהמל — איר זעט די פּאַנאָראַמע? דאָס אַלץ האָבן מיר „געריסעוועט".

מאָדנע געפילן און אַ מין בענקשאַפט באַהערשט מיך פּלוצעם. איך ווייס, אַז באַלד פאַרלאָזן מיר דאָס אָרט, אָט די אַלע ערטער. באַלד וועל איך ווידער אין שטאָט, אין די שטעט פון ישראל זיין. און אַ שאָד, אַ גרויסע שאָד מיר מיט אָט די בילדער זיך שיידן.

מיר פאָרן צוריק. נאָר ביי מיר אין קאָפּ קומען אויף אַצינד פון ס'ניי די בילדער און זעאונגען: קרית־שמונה, כפר גלעדי, תל־חי, מטולה, מעין ברוך, בית־הלל, הגושרים, דפנה, שאר־ישוב, דן, כפר סולד, שמיר, להבות־הבשן, גונן, נאות מרדכי, כפר־שלום, עמיר, שדה־נחמיה.

*

די בערג זעען אַצינד אויס ווי אַ גרויסע, מעכטיקע, קאָסמישע ראַם. אין מיטן פון דער ראַם — דאָס מענטשלעכע „בילד": ישובים, דערפלעך, שטעטלעך און שטעט, טייכלעך און סאַזשעלקעס.

די זון הייבט אָן פאַרגיין. אירע לעצטע שטראַלן פאַלן אויף דעם גאַנצן

אַרום, זיי באַגילדן און באַשאָטענען די בערג און טאָלן, ווי לופט־שיפן שווימען די פורפור־רויטע און ווייסע וואָלקנס אויפן הימל־ים.

איז דאָס אימאַזש, פאַטאַ־מאָרגאַנאַ? חלום, צי וואָר? — פרעג איך זיך אַליין און קאָן קיין ענטפער נישט באַקומען. און אפשר טאָקע בלויז אַ חלום?

— חיים, דו שלאָפסט שטייענדיק? — האָט מיך אברהמל אַ טאָרע געטאָן.

איך בין נישט געשלאָפן. איך האָב נישט מער, ווי געוואָלט איינזאַפּן די גאַנצע אויסטערלישע שיינקייט, דעם לעבעדיקן פּייזאַזש: די יידישע מי און דעם שאַפונגס־גייסט, וואָס איז דאָ אויסגעוואַקסן צו אַזאַ מייסטער־ווערק.

איך האָב דאָס אַלץ אַזוי קלאָר און בולט געזען. געזען, נישט ווי אין חלום, — אויף דער וואָר. געזען פון דער הויך — 900 מעטער איבערן ים־שפּיגל.

א ייד פון גלות און א ישראל־מיניסטער...

מיר איז צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד צו פּרעזידירן די ערשטע פּלע־נאַר־זיצונג פון דער וועלט־קאָנפערענץ פון אחדות העבודה — פּועלי־ציון. געבנדיק דעם קאָמוניקאַציע־מיניסטער דאָס וואָרט צו אַ רעפעראַט וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד, האָב איך געזאָגט:

„שוועך מיר אין וועךטער איבערצוגעבן די געפילן און עמאָציעס פון אַ ייד אין גלות ביים צוטיילן דאָס וואָרט אַ ישראל־מיניסטער, און מיטן זייגער אויף דער האַנט אָפּהיטן, ווען ער דאַרף אָנהייבן און ווען ער דאַרף ענדיקן. איך האָב שוין איין מאָל געהאַט דאָס גליק אויפצונעמען דעם חבר משה כרמל אין אורוגוויי. אפשר וועל איך נאָך זוכה זיין צו זען — מיין אייניקל אַ מיניסטער אין יידיש־לאַנד."

אַ סברה, אַז די דאָזיקע קורצע איינלייטונג ביים געבן מ. כרמל, דעם מיניסטער, דאָס ערשטע וואָרט, האָט געמאַכט אַ גוטן רושם. אויפן אַנדערן טאָג איז דאָס דערשינען אין „למרחב" — אין קאָלום „טור אחרון" — אַ קאָ־מענטאַר אונטערן טיטול: „יהודי הגולה והשר".

*

אין איינעם פון די זאַלן פון בנייני האומה האָב איך — אין די פּרייע שעהען צווישן איין קאָנפערענץ און דער צווייטער — זיך געטראָפן מיטן קאָמוניקאַציע־מיניסטער בן־אהרון. האָט מען זיך אַוועקגעזעצט אַ „שמועס כאַפּן" אין איינעם פון די האַלן. מיין ערשטע פראַגע איז געווען:

— ווי זעט אויס די קאָמוניקאַציע אין ישראל און וועלכע זענען אירע פּראָבלעמען?

— די קאָמוניקאַציע אין ישראל — ענטפערט מיר דער אינטערוויו־אירטער — איז פון די סאַמע צענטראַלסטע פּראָבלעמען פון אונדזער יונ־

גער מדינה. די ישראל־קאָמוניקאַציע באַשטייט פון דריי דימענסיעס: ים, לופט און יבשה. עס איז כמעט אַ געזעץ, אַז די קאָמוניקאַציע מוז נאָכגיין דער אַנטוויקלונג פון לאַנד. ס'איז שווער געווען פאַר דער יונגער רעגירונג אַליין דאָס צו דערגרייכן. מען האָט געמוזט האָבן שותפים: די הסתדרות און די יידישע אַגענץ. במשך פון די צוועלף יאָר זענען די הויפּט־אינוועס־טיציעס — 85 פּראָצענט — געקומען פון דער רעגירונג. פון דער הסתדרות און אַגענץ — 15 פּראָצענט. אַזוי אַרום איז די רעגירונג טאַקע געוואָרן דער הויפּט־באַלעבאָס פון די פאַרקער־מיטלען. און איצט וועט מען איבער־גיין צו ציפערן — זאָגט דער מיניסטער. — כאָטש עס איז לאַנגווייליק צו רעדן דורך ציפערן, דערפאַר אָבער גיבן זיי אַ קלאָר און גענוי בילד.

דאָס יאָר וועט אין אילתער פּאָרט, למשל, פאַרקערן אַן אימפּאָרט און אַן עקספּאָרט פון 200.000 טאָן און דורך דעם האַפן יפו־תל־אביב — אַ קנאַפּער 1000.000 טאָן. מיט דער הילף פון אַ הלוואה פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער באַנק אויף אַ סומע פון 27.000 דאָלאַר, הייבט מען אָן דאָס יאָר די אַרבעט אין אשדוד. די אַרבעט ביי דעם אשדודער אויסגוס וועט אָפּקאָסטן בערך 50 אָדער 60 מיליאָן דאָלאַר. דער נייער האַפן דאַרף זיין גרעסער ווי דער האַפן אין חיפה. ער דאַרף פּאַרטיק ווערן נישט שפּעטער ווי אין פינף יאָר אַרום. אויך דעם האַפן אין אילת וועט מען גאָר אין גיכן אָנהייבן בויען. דער ציל איז, צו שאַפן ביים אילתער פּאָרט מעגלעכקייטן, צו שיקן שיפן פאַרן אימפּאָרט און עקספּאָרט מיט אַ טאָנאַזש ביז 5.000.000 טאָן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז דאָס שיף־וועזן. עס איז ממש אומגלויבלעך, ווי אַזוי מיר האָבן באַוויזן פון מפעילים־שיפלעך צו דערגרייכן די הייכנטיקע מדרגה. שוין אויף די „מולטערס" האָבן זיך אונדזערע מענטשן געלערנט די מלאכה פון שיף־פירונג. דאָס יאָר וועלן מיר אויך מיט די שיפן דערגריין צו אַ טאָנאַזש פון אַריבער 500.000. מיר האָבן אַן ערך אייגענע 50 שיפן פון פאַרשיידענע מינים: משא־שיפן און פּאַסאַזשיר־שיפן. חוץ די אייגענע שיפן אַרבעטן פאַר ישראל אַנדערע שיפס־געזעלשאַפטן. בכלל זענען נאָך דאָ גרויסע מעגלעכקייטן פאַר ישראל אויף דעם געביט. די רעגירונג האָט

באַשלאָסן, און דאָס וועט זיין מיין אויפגאַבע — גיט צו באַשיידן דער מיניסטער — אויפצוהייבן היי־יאָר אונדזער שיף־טאָנאַזש ביז אַ מיליאָן. אַ באַזונדער קאַפּיטל זענען די אויפטועון אויפן געביט פון פלי־וועזן. אויך די הימלען דאַרף מען קאָנען באַהערשן. אָנגעהויבן האָט מען מיטן „פייפער", מיט „סאַמאָוואַרלעך" און „פרימוסן". היינט אָפּערירן מיר מיט טראַנס־אַטלאַנטישע לופט־שיפן. די נאַציאָנאַלע געזעלשאַפט „אל־על" האָט איצט אַ יאָריקן בודזשעט פון איבער 20 מיליאָן דאָלאַר. פאַראַן אויך אַ לופט־נעץ פאַר דער קאָמוניקאַציע מיט די באַענטע לענדער, ווי ציפּערן, אי־טאַליע, טערקיי. איצט די דריטע דימענסיע — די יבשה. אויך דער טראַנס־פּאָרט אויף דער יבשה האָט אַדורכגעמאַכט אַ ראַשיקע אַנטוויקלונג. די קאָאָפּעראַטיוון נעמען אַרום 22.000 אויטאָבוסן־איינהייטן. אין 1948 זענען בסך־הכל געווען 200 אויטאָבוסן מיט טעקסיס צוזאַמען.

באַנען? פון די ענגלענדער איז איבערגענומען געוואָרן אַ צעשטערט און צערואינירט באַן־וועזן. אַלץ האָט מען אָנגעהויבן פון דאָס ניי. ביי דער באַן זענען היינט צו טאָג באַשעפטיקט אַריבער 2000 אַרבעטער. מיר פאַרמאָגן 20.000 משא־וואַגאָנעס, אַחוץ, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסע צאָל פּאַ־סאַזשיר־וואַגאָנעס. אין לאַנד צירקולירן אַריבער 30 טויזנט טעקסיס. 130.000 מענטשן האָבן שאָפערן־רעכט.

מיט דעם אַלעם איז אונדזער אַמביציע אויף דעם קאָמוניקאַציע־געביט ווייט נישט באַפרידיקט. מיר שטרעבן צו שאַפן אַן אייגענע אינדוסטריע און אַליין פּראָדוצירן אויטאָמאָבילן, אויטאָמאָבילן־טיילן און אויך די נייטיקע אינסטרומענטן.

און צום סוף — עטלעכע פּרטים, דאַטעס בשייכות מיטן אינטערוויו־אירטן מיניסטער, וואָס האָט זיך ממש געבעטן ביי מיר, „נישט באַשרייבן אים אין די בלעטער".

בן־אהרן שטאַמט פון בוקאָווינע. געקומען אין לאַנד מיט 33 יאָר צוריק. ער איז אַריבער די חמישים. הייסט עס, אַז ער איז צו זיינע צוואַנ־ציק יאָר שוין געווען אין ארץ־ישראל.

חיים וואַרזאַגער

בן־אהרון איז אַ חבר אין קיבוץ גבעת־חיים. ביז נישט לאַנג צוריק געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־ראַט אין תל־אביב. אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אין דער ענגלישער בריגאַדע. אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט אַלס ענגלענדער. פיר יאָר גע־פייניקט געוואָרן אין די געפאַנגען־לאַגערן. אויך פאַרזוכט דעם טעם פון לאַטרונער תפיסה. זינט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה — אַ חבר אין דער כנסת.

דער איינזאמער דעלעגאַט

צווישן די 50 דעלעגאַטן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס, האָט פון ערשטן טאָג אָן געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט — מיין שכן. אַ מענטש פון אַ באַזונדערן אויסזען און עפּעס באַזונדערס איז געווען אין זיין התנהגות. בשעת דער גרויסער זיצונגס־זאַל האָט געשטורעמט מיט באַוועגונג, מיט רייד און צווישן־רופן — זיצט ער רואיק. האַלט עטוואָס דעם קאָפּ אָנגעבויגן אין אַ זייט, און קוקט פאַר זיך, אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרחלומטער. אָפּט גלעט ער זיך זיין בלאָנד־געל (מער געל ווי בלאָנד), קורץ־געשוירן בערדעלע און שמייכלט. ווי צו זיך אַליין שמייכלט ער.

אַז ער הייסט ד״ר סידנעי סילווערמאַן, האָב איך געוווּסט. ער קומט פון ענגלאַנד. אָפט האָב איך אים געזען אויפן באַלקאָן פון די בניני האומה, אַרומבלאָנדזשענדיק מיטן בליק איבער ירושלים, הר הרצל, איבער דער נייער אוניווערזיטעט־שטאָט, איבער די בערג און טאָלן, וואָס נעמען אַרום אַלט און ניי־ירושלים. און אָט באַמערק איך, ווי ער לאָזט זיינע בליקן הענגען אויף איין פּונקט. נעמט אַרויס אַ קליין נאָטיץ־ביכל, אַ בלייער און פאַרצייכנט עפּעס. שמייכלט. אַ קריץ מיטן בלייפעדער און אַ שמייכל. טייל מאָל זע איך, ווי דער רואיקער באַבערדלדיקער ענגלענדער גיט אויך, אַזוי פאַרצייכענענדיק עפּעס אין נאָטיץ־ביכל, אַ קריץ מיט די ציין. זיינע העל־בלויע אויגן ווערן דערביי פאַרגאָסן מיט אַ פאַרנעפּלטער ליכט. און ווידער ווייסטו נישט, וואָס דאָס זאָל באַדייטן.

עפּעס ווי דאָס איינזאַמע זיצן וואָלט געווען אַ מין אופן, אַ באַזונדערער אופן פון רעאַגירן אויף די רייד און דיסקוסיעס, וואָס האָבן אויסגעפילט דעם רוים איך גרויסן זאַל. דאָס זיצן און איטלעכס מאָל אַ קנייטש

טאָן מיטן שטערן, אַ מאַך מיט דער האַנט — אַלץ האָט ביי אים געהאַט אַ באַזונדערע באַדייטונג: אַן אייגענער, ד״ר סילווערמאַנישער אופן פון רעאַגירן.

האָב איך זיך טאַקע אין לעצטן אָוונט פון קאָנגרעס באַמיט מיט אים צו פאַרפירן אַ שמועס. עס איז מיר געלונגען.

— וואָס פאַר אַן אונטערשייד — האָב איך אים געפרווווט אינטריגירן — זעט איר, למשל, פון דעם 24־טן קאָנגרעס, ביז דעם איצטיקן?

— לויט מיין מיינונג — ענטפערט דער ענגלישער ייד מיט צוריקגע־האַלטנקייט — איז דער איצטיקער קאָנגרעס אומפאַרגלייכלעך שוואַכער פון פריערדיקן. און וואָס שייך זיינע רעזולטאַטן, זעט מען זיי שוין אָט, אָט... די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ ביסעלע איראָניע.

— וואָס מיינט איר דערמיט — אָט אָט?..

— כ׳מיין, אַז איר דאַרפט מיך פאַרשטיין — גיט ער צו מיט זיין שוין באַקאַנטן שמייכעלע — אַ גוטער קאָנגרעס מיינט, אַז די רעזולטאַטן קומען שפּעטער. און ביי אַ שוואַכן קאָנגרעס... זעט מען זיי שוין, אויף דער האַנט.

איך האָב גלייך זיך אָנגעשטויסן: זעט אויס, אַז דער דערפאַרענער ייִדיש־ענגלישער פּאָליטיקער האָט נישט געקאָנט באַגרייפן דעם האַנדל־וואַנדל איבער „פּאָזיציעס״ און שוין אַ ביסל צו טראַגיש גענומען דעם גאַנצן ענין.

מיין צווייטע פראַגע:

—זעט איר באמת, ד״ר סילווערמאַן, אין דעם צווישן־פּאַרטייאישן גע־ראַנגל אַ מין קלאַסנקאַמף?

— ניין — האָט ער קאַטעגאָריש געענטפערט — מיר איז אַזאַ קלאַסנ־קאַמף נישט באַקאַנט.

מען קאָן לייכט פאַרשטיין, אַז דעם ענגלישן אַרבעטער־פירער זאָל זיין פרעמד אַזאַ ספּעציפיש ייִדיש־אידעאישער געראַנגל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, הגם די באַוועגונג נעמט אַריין אַלע שיכטן און קלאַסן פון ייִדישן פאָלק.

— אויף וועלכן אופן — פרעג איך ווייטער — איז, לויט אייער מיינונג, אין די רעפעראַטן און דעבאַטן געקומען צום אויסדרוק די נויטווענדיקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג? קלאָרער: האָט דער וויכוח פון די ציוניסטישע מנהיגים וועגן דער ראָל פון ציוניזם, הייגט, אין דער האָמלעטישער גורל־פראַגע „זיין אָדער נישט זיין פון אַ ציוניסטישער באַוועגונג", אַריינגעבראַכט קלאָרקייט אין די איצטיקע רעזאָלוציעס אויפן קאָנגרעס?

די פראַגע האָט אים, זעט אויס, שטאַרק צוגעטראָפן. ער האָט אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכט, אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן, און דראַסטיש אַ זאָג געטאָן:

— דער איצטיקער קאָנגרעס, מיין פריינד, זעט ביי מיר אויס ווי אַ משוגעת.

— וואָס פאַר אַ קוק האָט דער לייבאָריזם אויפן ציוניזם נוסח־ישראל?

— האָב איך פון דעסטוועגן פאַרגעזעצט דעם שמועס.

— זינט דער באַלפור־דעקלאַראַציע — ענטפערט ער שוין אין אַ מער רואיקערן טאָן — שטיצט דער לייבאָריזם דעם ציוניזם. אָבער די סיני־אַקציע איז געווען אַן אומבאַרעכטיקטער שריט מצד ישראל. אויך זיך נישט באַדאַרפט פאַרבינדן מיט פראַנקרייך און ענגלאַנד. כאָטש דאָס ענדערט נישט אונדזער פאָזיטיווע באַציאונג צום ציוניזם.

איך האָב דערויף געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז אַזאַ צוגאַנג איז נישט קיין ריכטיקער אויסטייטש בנוגע דער זעלבשטענדיקער ישראל־פּאָליטיק. וואָרעם, ווי זאַך־קענער האָבן נאָך דעם פעסטגעשטעלט, האָט די סיני־אַקציע אויסגעמיטן אַ גוט־פּלאַנירטן מיליטערישן אַנגריף אויף ישראל.

— דאָס איז אַ שטאַנדפונקט — ענטפערט מיר רואיק אָפּ דער מאַן — וואָס זייך לאָגיק ליגט גיכער אין דער מורא, ווי אין די ווירקלעכע פאַרהעלטענישן. דאָס ענדערט אָבער סיי ווי נישט — האָט ער זיך דעליקאַט פאַרענטפערט — אונדזער באַציאונג צום ציוניזם.

צום שלוס פון אונדזער קורצער באַקאַנטשאַפט האָב איך געבעטן אייניקע ביאָגראַפישע פרטים פון ד"ר סילווערמאַן, כאָטש איך בין זיכער

געווען, אַז אַזאַ וועלט־פּערזענלעכקייט איז שוין פאַראייביקט אין די ענ־ציקלאָפּעדיעס.

ער איז געבוירן געוואָרן אין ליווערפּול, אין 1895. געווען דאָצענט פון דער ענגלישער שפּראַך אין העלסינקי, פינלאַנד, אין די יאָרן 1921—1924.

זינט 1935 איז ער מיטגליד אין ענגלישן פּאַרלאַמענט. ער איז אויך געווען דער גרינדער פון פּועלי־ציון אין זיין שטאָט ליווערפּול. די דאָזיקע אינטערעסאַנטע דאַטע וואַרפט אַ באַזונדער העל ליכט אויף דער יידיש־ענגלישער פּערזענלעכקייט — דעם איינזאַמען דעלעגאַט אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס...

אין משמר הנגב מיט יעקב זרבבל

צוויי גרופּעס דעלעגאַטן זענען אַרויסגעפֿאָרן אויף אַ שפּאַציר אין קיבוץ משמר־הנגב: איינע פֿון ירושלים, אין וועלכער איך בין געווען, און די צווייטע — פֿון תּל־אָביבֿ, בראש מיטן חבֿר זרבבֿל. ביים טויער פֿון קיבוץ האָבן זיך ביידע גרופּעס געטראָפֿן. מען שליסט ניי באַקאַנטשאַפֿטן, מען דערפֿרייט זיך, מען דריקט זיך חבֿריש די הענט און אַלע צוזאַמען קומען מיר אַריין אינעווייניק. די קיבוצניקעס נעמען אונדז אויף מיט אַ ברייטן שלום עליכם.

יונג איז דער קיבוץ און יונג זענען זיינע איינוווינער. ער האָט אָבער אַן אַלטע געשיכטע פֿון הערויִזם.

שוין אויפֿן ערשטן בליק באַמערקן זיך אינטערעסאַנטע קאָנטראַסטן: דער גאַנצער קיבוץ־שטח איז ווי צעטיילט אין צווייען, צוויי פּליינען. איינער איז נאָך אין גאַנצן זאַמדיק, נאַקעט, ליידיק פֿון אַביימל און גרעזל. דער קאָליר פֿון באָדן איז געלבלעך־גרוי און געפּאַלדעוועט. דער צווייטער פּליין איז שוין אַ קולטיווירטער, אַ באַדעקטער מיט גראָז און גרינע פֿעלדער. עוקאַליפּטוס־ביימער, סעדער, וויינגערטנער, פֿלאַקס־פּלאַנטאַציעס, צוקער־בוראַקעס, קאַרטאָפֿל און תּבֿואה. אין שאָטן פֿון אַ קליין וועלדל — דער בית־הקבֿרות. יאָ, אויך דאָס געהער צום לעבן... דאָ ליגן די, וואָס האָבן זיך געאָפּפֿערט, זייערע יונגע לעבנס אָפּגעגעבן פֿאַרן לעבן פֿון די, וואָס זענען דאָ און וועלן נאָך אַהער קומען.

כאָטש ווינטער, איז דער טאָג אַ לופֿטיק־דופֿטיקער און ליבלעך־וואַרעמער. מיר זענען פֿאַרבעטן געוואָרן אין „בית־בורוכובֿ", וואָס שטייט אויף אַ גרין בערגל. דאָרט איז פֿאַראַן אַ לייען־זאַל, אַ ביבליאָטעק, אַן אַרכיוו און אַן אָפּטיילונג פֿאַר אַרכעאָלאָגישע אויסשטעלונגען. באַלד ביים אַריינקומען האָט אַ שיין־געטאָן דער בראָנז־ביוסט פֿון בער באָראָכאָוו.

חיים וואַרזאַגער

דער פאַרוואַלטער פון י. ל. פּרץ־פאַרלאַג דערלאַנגט זרבבלען דעם ערשטן עקזעמפּליאַר פון „ספר־זרבבל", וואָס איז נאָר וואָס דערשינען צו זיין 75סטן יובּילײ, זאָגנדיק: —חבר זרבבל, צו אייער געבוירן־טאָג טראָגן מיר אייך אונטער די דאָזיקע מתנה. אַ פייערלעכער מאָמענט איז דאָס געווען. מיר זענען אַלע געשטאַנען מיט ציטער אין די הערצער. עפּעס אַ קלייניקייט: דאָ, אויפן באַגרינטן בערגל, אין הויז פון „פּאַלטאַווער „גאון" שטייען יידישע מענטשן פון אַלע וועלט־ווינקלען, בעת זייער מורה־דרך, דעם גאונס תלמיד, באַקומט אַזאַ אָריגינעלע מתנה.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, חברים, פאַר דער מתנה — האָט געענטפערט דער יונגער זקן מיט האַרציקן געמיט און פייער אין זיינע שיינע אויגן.

אָבער דאָס איבערגעבן דעם „ספר־זרבבל" און אָט דער גאַנצער פייערלעכער מעמד, איז ערשט געווען אַן אריינפיר צו אַ נאָך גרעסערער טיף־נשמהדיקער איבערלעבונג.

דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג האָבן מיר פאַרבראַכט אין קיבוץ. געגעסן שבתדיקע מאכלים, געטרונקען טיי און מאַטע. דאָ, אין משמר־הנגב, געפינען זיך קינדער פון אַרגענטינע, פראַנקרייך, בעלגיע און סאַברעס פון סאַברע־לאַנד. אָבער, ווי מיר דאַכט זיך, דאָמינירט — אַרגענטינע.

מלאך, דער סעקרעטאַר און רעדאַקטאָר פון דער אָרטיקער צווייוועכנטלעכער אויסגאַבע, איז אַן אַרגענטינער און זיין פרוי באַשקע, אַ געוועזענע תלמידה פון דער שלום עליכם־שול און שפּעטער לערערין אין שול. האָבן מיך ביידע אַרומגעפירט און געוויזן זייער „פאַרמעגן". שיין זענען דאָ די הימלען, האָבן זיי צוגעגעבן, אָבער דאָ איבערן נגב „שטרייקן" זיי, די הימלען: גיבן נישט קיין רעגן. גרויס איז די טריקעניש אין נגב.

שטיי איך און קוק אויף די צוויי שיינע יונגע מענטשן. קוק זיי אין די אויגן אַריין און וויל דערשפּירן דאָס, וואָס זיי פילן איצט מיטן קוקן אין הימל, וואָס פאַרשרפּהט און טריקנט אויס „זייער אַרבעט". זיי רעדן שטיל, פּשוט אָן תרעומה און אָן התלהבות. ווי אַלץ וואָלט געווען אַזוי איינפאַך און פּשוט.

זיי דערציילן פון זייער לעבן און אַרבעט: בייטאָג ביים אַקער און

ביינאַכט אויף שמירה. געאָגראַפישע און פּאַקטישע אָפּגעזונדערטקייט פון צענטער־לאַנד, פון שטאָטישן לעבן. טראָץ אַלעמען פילט מען אין זייערע רייד געזונטן, נאַטירלעכן אָפּטימיזם. גלויבן אין אייגענע כוחות און אין דער צוקונפט פון מענטש אויף זיין ערד, אין זיין לאַנד.

פאַרנאַכט צו, צו זון־פאַרגאַנג, איז מען אַוועק אויפן קבר פון מוליע ז״ל. שוין דאָס פינפטע יאָר נאָכן טויט פון מוליע איידלמאַן — דער וועטע־ראַן פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי, דער מיטבאַטייליקטער אין דער גרינדונגס־קאָנפערענץ אין פּאַלטאַווע — דאָס הארץ און די נשמה פון דער באַוועגונג אין זיין היימשטאָט לאָדזש.

גוט וואָס ער האָט נאָך זוכה געווען צו קומען אין לאַנד אַריין. איצט רוען זיינע ביינער צוזאַמען מיט די ביינער פון די יונגע בויערס, וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף. שטייען מיר איצט אַלע אין שאָטן פון בית־הקברות־וועלדל אַרום דער איינפאַכער, פשוטער מצבה.

עס רעדן חברים וואָס האָבן מוליען פערזענלעך געקענט. צוזאַמען מיט אים אין דער באַוועגונג געאַרבעט, געבויט, געקעמפט. עס רעדט דער זעכ־ציק־יאָריקער חיים בראַנד (מיעטעק). פון דעם שיינעם און שטאָלצן חיימען, אַ ניצול־געוואָרענעם פון היטלער־גיהנום, געקומען אַלס דעלעגאַט פון ניו־יאָרק — איז בלויז געבליבן אַן איינגעבראָכענער גוף, אַ פאַרבלאָנדזשעטע האַלאַוועשקע. שטייט ער איצט און רעדט: רעדט און וויינט אויפן קבר פון זיין לערער און חבר מוליע. עס האָבן גערעדט נאָך אייניקע. און דער לעצטער — חבר זרבבל.

ס׳איז ערב זון־פאַרגאַנג. דער הימל האָט זיך גערויטלט. אַ ווינטל, אַ נאַכטיקס, האָט פון ערגעץ אַנגעיאָגט. זיך אַ שפּיל געטאָן מיט זרבבלס באָרד און ווייסע האָר אויפן ליכטיקן לייבן־קאָפּ. ער האָט אָנגעהויבן, ווי זיין טבע, פּאַמעלעך און אָט וויגט זיך שוין זיין קאָפּ און זיין שלאַנקע פיגור. וויגט זיך צום טאַקט פון זיינע רייד און צום פאַרשטיקטן וויינען פון אייניקע פון אונדז, וואָס האָבן אַזוי גוט געקענט מוליען.

אָט דער חבר זרבבל, וואָס האָט נאָר־וואָס מיט אונדז גערעדט וועגן פשוטע און „קליינע״ זאַכן, איז מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן פאַר אונדזערע

אויגן צו אַ לעגענדאַר תנ״ך־געשטאַלט. מן הסתם אַזוי האָט געמוזט אויסזען אליהו הנביא, ווען ער האָט געקעמפט מיט די פאַלשע נביאים. און אַזוי איז דאָך דאָס געשטאַלט פון יחזקאל, דער נביא פון גלות בבל, בעת ער רעדט פון „חזון העצמות היבשות״ זיין וויזיע פון די טרוקענע ביינער: —

די האַנט פון גאָט איז געווען אויף מיר
און האָט מיך אַראָפּגעלאָזט אין מיטן טאָל.
און ער איז געווען פול מיט ביינער.
און פאַרוואָר, זיי זענען געווען זייער פאַרטריקנט.
און ער האָט צו מיר געזאָגט:
מענטשן־קינד, קאָנען די דאָזיקע ביינער לעבעדיק ווערן?
יאָ, איך וועל געבן אויף אייך אָדערן,
איך וועל אַרויפטאָן אויף אייך פלייש,
און אַרויפציען אויף אייך אַ הויט,
און אַריינברענגען אין אייך אָטעם
און איר וועט לעבעדיק ווערן.
זע, איך נעם צונויף די קינדער פון ישראל
פון צווישן די פעלקער, וואָס זענען אַוועק אַהין,
איך וועל זיי איינזאַמלען פון רונד אַרום
און וועל זיי מאַכן פאַר איין פאָלק אין לאַנד
אויף די בערג אין ישראל.

(יחזקאל ל״ז, לויט יהואש)

שטייט זרבבל אויפן קבר־בערגל פון זיין חבר מוליע און אַרום און אַרום איז מדבר. טרוקענער טאָל און טרוקענע ביינער. און עס פלאַמען זיינע רייד, וועגן מדבר, וואָס וועט צוריק אויפלעבן...

אַ שטיל געררויש פון יונגן וועלדל האָט דעם „קדיש״ פון אונדזערע מיילער צעטראָגן איבער די ליידיקייטן פון אַרום. די אויסגעשטערנטע לבנה־נאַכט האָט געוויזן דעם וועג פון משמר־הנגב אויף צוריק — קיין ירושלים און תל־אביב.

אהרן ציזלינג — פּראָטאָטיפּ פון א חלוץ און ארבעטער־פירער

„דער נצחון פון דגניה איז דער נצחון פון געמיינזאַמער אחריות צווישן דער קאָנקורענץ פון איין מענטש צום צווייטן" — האָט געקלונגען אַ מעכטיקע, באַסאָווע שטימע.

אויף דער טריבונע פון בניני האומה איז געשטאַנען אַן אימפּאָזאַנטע הערקולעס־פיגור. זיין באַזילבערטער קאָפּ האָט אים צוגעגעבן שטאָלץ. דאָס איז געווען אהרון ציזלינג — דער חלוץ פון עין חרוד.

לאַנג נאָך דעם ווי ער איז אַראָפּ פון דער טריבונע האָבן נאָך אָפּגעקלונגען די אַפּלאָדיסמענטן. זיין רעדע האָט געמאַכט אַן אומגעהייערן רושם אויפן עולם. אין דער נאַכט האָט דגניה גראָד געפייערט איר פופציק־יאָריקע עקזיסטענץ.

דער מאַן האָט שטאַרק געוועקט מיין אינטערעס. איך בין, נאָך דעם אויפטריט, צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט:

— חבר ציזלינג, איך וואָלט וועלן, אויב ס'איז מעגלעך, כאַפּן מיט אייך אַ שמועס.

— מיט פאַרגעניגן. מאָרגן 9 אַ זייגער אין דער פרי, אויפן באַלקאָן פון די בניני האומה — האָט ער געלאַסן און פריינדלעך געענטפערט.

צו דער באַשטימטער שעה האָבן מיר זיך געטראָפן.

*

איך האָב זיך נאָך אַ מאָל איינגעקוקט און נישט געקאָנט אַראָפּנעמען מיינע אויגן פון דעם באַזילבערטן קאָפּ האָר, פון די בלויע מילדע אויגן, זיין מאַיעסטעטיש פּנים און רבנישן הויכן שטערן. ער האָט גערעדט רואיק און אָקצענטירט יעדעס וואָרט, געשליפן, ווי ווייסער מעטאַל אין חנעוודיקן,

ווייסרוסישן יידיש. ער האָט געטראָגן אַ שוואַרצן סוועטער מיט אַ פּאַר־מאַכטן קאָלנער. די הלבשה האָט אים געמאַכט אַ סךייִנגער, ווי ער איז — ערשט נישט לאַנג האָט מען געפייערט זיין זעכציקסטן יובילײ. געבוירן אין באַראַנאָוויטש. זיין טאַטע — אַ שוחט. אַ יאָר נאָך זיין בר־מצוה גע־קומען אין לאַנד.

ציזלינג האָט גערעדט וועגן קיבוץ, וועגן דער שווערער דעראָבערונג פון לאַנד, וועגן קאַמף מיט דער וויסטער ווילדעניש: שטיינער, פעלדזן, זאַמד און זומפּן.

אַלס דרייצן־יאָריק ייִנגל האָט ער געאַרבעט גלייך מיט אַלע ביים פּלאַסטערן שאָסייען, אויפרייסן בערג, טריקענען זומפּן. ער האָט געאַרבעט און געלערנט. אין די נעכט, ווען ער האָט נישט באַדאַרפט גיין אויף שמירה, האָט דער באַראַנאָוויטשער בחור אַריינגעקוקט אין אַ ספר. גאָרדאָן, באָ־ראָכאָוו און דער תנ״ך זענען געווען זיינע לערער. ער איז געוואַקסן, זיך אַנטוויקלט. צוזאַמען מיטן קיבוץ, דורך אַרבעט, לערע און איינגעבוירענער אינטעליגענץ, איז ער געוואַקסן, גרויס געוואָרן. ער פאַרמאָגט אַלע אַטרי־בוטן פון אַ פאָלקס־פירער. דער גורל פון זיינע חברים, דער גורל פון קיבוץ — ווערט זיין אייגענער גורל. ער ווערט אַקטיוו, פּאָפּולער און באַ־ליבט. ער ווערט דער פּראָטאָטיפּ, די פאַרקערפּערונג פון דעם נייעם אויפ־גייענדיקן יידישן אַרבעטער. ער איז יאָרן־לאַנג געווען פון די פירנדיקע חברים אין הסתדרות, אין ועד לאומי און גלייך נאָך דער אנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה — ווערט ער מיניסטער.

אויסער מיניסטער האָט אהרון ציזלינג נאָך אַ „פּראָפעסיע" — קיך־אַרבעט. ווען ער איז אין קיבוץ, אַרבעט ער אין חדר אוכל. דאָס איז ביי אים נישט קיין פּאָזע, אָנשטעל. פאַר וועמען? פאַר די קיבוץ־חברים? ביי אים, דעם יידישן מיניסטער, איז עס אַ טיפער אויסדרוק פון זיין אויפ־ריכטיקער פאָלקסטימלעכקייט.

„דער יידישער ספוטניק"

דאָס לעצטע מאָל זיין אין ירושלים, פאַר מיין אָפפליען פון ישראל, האָט געהאַט אַ שייכות צו די שמועסן מיינע מיט די אָנפירנדיקע מענטשן אין דער אָפטיילונג „לחינוך ותרבות בגולה" אין סוכנות, מיטן יושב ראש זלמן שזר (היינט נשיא), מיט ד"ר י. מעלקמאַן און גרשון שקד. האָב איך זיך געפעדערט און אַרויסגעפאָרן כעלות השחר פון תל־אביב און אַכט אַ זייגער אין דער פרי בין איך שוין געווען אין ירושלים.

די שמועסן האָבן געדויערט ביז אַרום צוויי אַ זייגער נאָך מיטאָג. האָב איך געהאַט באַשלאָסן דעם טאָג צו באַזוכן די כנסת. עס האָט גראָד באַדאַרפט פאָרקומען דאָרט אַ זיצונג. און אַ זיצונג איז די כנסת — נו, ווי זאָל איך עס זאָגן — אַ פּוסטע קרעטשמע.

איך האָב זיך באַקענט מיט די אינערלעכע איינריכטונגען, מיט פּאַראַדנע און הינטערשטע אַריינגענג, מיט דער אָרדענונגס־פּאָליציי, ציווילער וואַך, מיטן פאַרצווייגטן אַדמיניסטראַטיוון פערסאָנאַל. איך האָב געזען די פראַקציע־ צימערן, די באַוועגונג דאָרטן, דאָס קלאַפּן פון די שרייב־מאַשינקעס דורך צענדליקער ביוראָ־אָנגעשטעלטע און דאָס נערוועזע דיק־טירן מעמאָראַנדומס פון די פראַקציע־פירער און סעקרעטאַרן. דאָס אַלץ האָט דערציילט פון שטילער, טאָג־טעגלעכער אַרבעט אין די־אַ לאַבירינטן און חדרי־חדרים, כדי דערנאָך באַוואָפענען די „אויסדערווײלטע פון פאָלק" מיט מאַטעריאַלן, מיט דאָקומענטן, ענטפערס און פאַרענטפערס...

אין די שעהען, וואָס ס'איז קיין זיצונג נישט געווען, איז ליידיק און שטיל געווען. אַ מאָדנע שטילקייט האָט געהערשט אין דעם נישט צו גרויסן יידישן פאַרלאַמענט. כ'האָב געהאַט דעם איינדרוק, ווי איך וואָלט זיך גע־פונען אין אַ ליידיקן בית־המדרש פאַר אָדער נאָכן לערנען.

אַרומגעפירט מיר ווייזן דאָס אַלץ האָט דער ליבער און קלוגער ד״ר נחום ניר — דער יושב־ראש הכנסת נאָך דער פטירה פון יוסף שפּרינצאַק ז״ל. ד״ר ניר פילט זיך דאָ ווי ביי זיך אין דער היים. ער געהער צו דער קליינער גרופּע עלטסטע יוריסטן אין ישראל. געניסט ער טאַקע פון גרויס דרך־ארץ מצד אַלעמען, — שוין אָפּגערעדט — פון די אייגענע פּאַרטיי־חברים.

די זיצונג אין דער כנסת האָט זיך באַדאַרפט אָנהייבן פיר אַ זייגער נאָך מיטאָג. און איך בין אַ זייגער צוויי פּאַרטיק געווען מיט מיינע שמועסן. וואָס טוט מען? די היץ האָט אַקוראַט געברענט, ווי אין אַ חמסין־טאָג. די געשעפטן זענען געשלאָסן.

צום גליק האָב איך נישט ווייט פון דער כנסת געזען אַ פּאַרק. איך האָב זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אונטער אַ בוים. וועל איך געניסן פון שאָטן אונטער די אַלטע קאַשטאַן־ביימער, וואָס שפּרייטן אַזוי רחבותדיק זייערע געדיכטע, באַבלעטערטע צווייגן. קינדערלעך האָבן זיך געשפּילט אין די זאַמד־בעקנס, אויף די הוידלקעס, געלאָפן איבער די גלעטשערס, גליקלעכע און פריילעכע יידישע קינדערלעך.

כדי נישט אָוועקצופּטרן די צייט מיט גאָרנישט, קוק איך דערווייל איבער די קאָרעספּאָנדענץ און מאַך נייע פאַרצייכענונגען. איך הייב אויף מיין קאָפּ פון די פּאַפּירן, באַמערק איך לעם זיך אַ מאַן און אַ פרוי. אַ ווייס, מאָט פּנים האָט דער ייד און אַ שיינע, ווייסע באָרד, קלוגע אויגן. ער האָט אויסגעזען שוין אין טיפן עלטער, אוודאי אין די אַכציקער. די פרוי — נישט קיין סך יינגער. ביידע — ריין און באַשיידן אָנגעטאָן.

דער אַלטער מאַן, זע איך, קוקט אויך אויף מיר. זייטיקלעך און פון איבער זיינע ברילן קוקט ער אויף מיר, רוקט זיך צו אַ ביסל נענטער און פרעגט:

— אַ נייער דאָ, זע איך, פון וואַנען? רעדט איר יידיש?

— יאָ, נישט קיין היגער. אָבער רעדט יידיש. אוודאי, ווי דען? וואָס, בין איך נישט קיין ייד? — ענטפער איך און דערלאַנג אים די האַנט. אויך די פרוי דערנענטערט זיך. מיר רעדן שוין ווי גוטע, אַלטע באַקאַנטע, וואָס קענען זיך שוין פון כמה יאָרן...

— ווי איך זע — זאָגט מיר דער פּאַרק־שכן — זעט איר אויס צו זיין אַ סופר, אַ שרייבער, אַ זשורנאַליסט, ווי מען רופט עס היינט.

— און איר, אדוני, זענט שוין לאַנג אין לאַנד?

— נישט לאַנג אין לאַנד... — ענטפערט דער אַלטיטשקער שמייכלענ־דיק — און הייסן הייס איך יוחנן שלאַנק.

— אַן אמתער יידישער נאָמען, כ׳מיין אַ גלות־נאָמען — רייס איך אים איבער. און ער, ווי ער וואָלט נישט געהערט מיין באַמערקונג, איז ממשיך:

— ערשט נישט לאַנג אין לאַנד. וואָרעם וואָס איז דען ביי דעם, וואָס לעבט אייביק, נו, לאָמיר זאָגן, אַכציק יאָר?... אָט ערשט נישט לאַנג, מיט אַכציק יאָר צוריק בין איך דאָ געבוירן געוואָרן.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.ביידע האָבן געכאַפּט אַ קוק אויף מיר. זיי ווילן, הייסט עס, וויסן, וואָס פאַר אַן איינדרוק האָט עס געמאַכט אויף מיר.

— אויך מיין טאַטע ז״ל איז דאָ געבוירן געוואָרן אין ירושלים. ער ווייזט דערביי אַן אויפן הויז, נישט ווייט פון דעם פּאַרק. — און ווי איר זעט, — רעד איך אַלץ דאָס אַלטע לשון, יידיש. אויך מיין טאַטע ז״ל האָט ליב געהאַט רעדן יידיש. וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי — מאַכט ער — איך האַלט בלויז אויף דאָס לשון פון מיינע עלטערן.

— נו זיכער, נישטאָ זיך וואָס צו וווּנדערן — ענטפער איך — עס איז דאָ בלויז זיך צו ווינטשן: הלוואי וואָלטן אַלע יידן און אַלע יידישע קינדער אָנגעהאַלטן דאָס לשון פון זייערע עלטערן...

אויך די פרוי פון ר׳ יוחנן רעדט יידיש. אָבער איר יידיש איז אַרויס־געבראַכט מיט אַ צומיש פון אונגאַרישע ווערטער. אויך זי איז אַ סאַברע, איר מאַמע איז שוין דאָ געבוירן געוואָרן. און טראָץ דעם, מערקט זיך די השפּעה פון די עלטערנס היים־לשון: אונגאַריש־בעסאַראַביש.

אַ קליינע שושקעניש צווישן אַלטן פּאָר. און באַלד זאָגט זי:

— מיר ווילן אייך פאַרבעטן צו אונדז אויף טיי, אָט דאָ נישט ווייט —

ווייזט זי אָן מיט דער האַנט. — סיי ווי סיי האָט איר נאָך צו וואַרטן אַ שטיקל צייט — גיט ער צו — און מיר ווױנען נאָענט, ממש שכנים פון דער כנסת.

דאָס אַלטע פּאָר, 80 ער און 70 זי — גייען פּאָרויס, איך — נאָך זיי.

דאָס הויז איז אָן אייגנס, זאָגט ער, אָבער אַלט, עלטער פון די באַלע־באַטים, ס'האָט פיר שטאָק, פיר גאָרנס טרעפּ.

מיר זיצן אַרום אַ גרויסן, אַלטמאָדישן דעמבענעם טיש. אויף די ווענט — בילדער. איין ווינקל שטוב — אַ ספרים־שאַנק מיט אַ פאַרהאַנגל פאַר־צויגן — אַלטמאָדיש, אָבער אַריסטאָקראַטיש. ער טראָגט אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ, זי — אַ פאַטשיילע.

— מיר זענען פרומע לייט — זאָגט ער מיט אַ מינע פון פאַרענט־פערונג — אָבער די קינדער אונדזערע זענען שוין היינטצייטיקע.

די אַלטיטשקע הייבט זיך אויף און אין עטלעכע מינוט אַרום קומט זי אַריין מיט אַ טאַץ טיי און צובייס: — מאַנקיכלעך און רעטשענע פלע־צעלעך. טרינקט געזונטערהייט — זאָגט זי — און גייט ווידער אין קיך אַריין. ברענגט אַריין פרישע געבעקסן און זעצט זיך אַנידער.

— דער טיש, דער כיבוד, דערמאָנט מיך אין מיין באָבע לייטשע — ענטפער איך — און דאַנק די פרעמדע מענטשן פאַר זייער גאַסטפריינד־לעכקייט.

— נו, דאַרפט איר זיך דאָך אוודאי גוט פילן ביי אונדז אין שטוב. איר דאַרפט זיך אויך נישט קרעמפּירן, וואָס איר זענט אָן אַ היטל — ווענדט זיך צו מיר ר' יוחנען אין אַ פריינטלעכן טאָן — איר זענט דאָך אַ פרייער ייד. טרינקט, בעמט עפּעס אין מויל אַריין. זאָל אייך וויל באַקומען.

— דער עיקר איז דאָך דאָס האַרץ... און נישט דאָס היטל — גיט צו זיין פרוי.

איך טרינק די טיי און פאַרבייס מיט קיכעלעך. שוין מער ווי דרייסיק יאָר אַזעלכע קיכעלעך נישט געגעסן.

— מיין עלטערער זון — דערציילט דער סימפּאַטישער זקן — האָט געטאָן אַ סך וויכטיקע, ציוניסטישע אַרבעט אין די אַראַבישע לענדער אין דער צייט פון ענגלישן מאַנדאַט. איצט וועט ער אין גיכן פאַרנעמען אַ דיפּ־

לאָמאַטישן פּאָסטן אין איינעם פון די אַמעריקאַנער לענדער. איז דאָרטן גוט אַ יידישן דיפּלאָמאַט?

— די יידן אין דער גאַנצער וועלט פריִען זיך מיט אַ יידישן מיניס־טער. גיבן אים אָפּ גרויס כבוד — זאָג איך — מען איז פול מיט שמחה, וואָס מען האָט דערלעבט אויפצונעמען יידישע מלוכה־לייט.

איך זע ווי די פרוי ווישט זיך די אויגן. ר׳ יוחנן דרייט אָפּ דעם קאָפּ אין אַ זייט. וויל, אפנים, דער גאַסט זאָל נישט באַמערקן זיינע אַנגעלאָפענע טרערן.

— איך וואָלט פון דעסטוועגן געוואָלט האָבן די קינדער ביי זיך — זאָגט די אַלטע — נאָר אויב גאָט האָט זיי געגעבן אַזאַ וויכטיקע שליחות און זיי קאָנען דערפרייען די הערצער פון אונדזערע ברידער אין גלות — איז אַ דאַנק און לויב זיין ליבן נאָמען דערפאַר.

אין דעם הערט זיך אַ קלונג. עס קומט אַריין אַ יונגע, סימפּאַטי־שע פרוי.

— דאָס איז מיין טאָכטער — שטעלן ביידע זי מיר פאָר.

מיר באַגריסן זיך. זי הייבט אָן אין עברית און גייט תיכף איבער אויף יידיש.

— פון וואַנען אַזאַ יידיש צו אַ סאַברע פון דריטן דור — פרעג איך.

— וואָס עלטער דער דור — אַלץ אַ בעסערן יידיש קענען זייערע קינדער — גיט זי אַ זאָג און ווייזט מיר אָן אויפן פאָטער:

— אָט איז מיין רבי, מיין לערער פון יידיש?

די עלטערן שעפּן נחת פון זייער טאָכטער. זי זעצט זיך צום טיש. אַלע רעדן מיר היימישלעך, פריינדלעך. די טאָכטער נעמט איבער די איניציאַטיוו: — אַ שפּראַך — איז זי מיר מוסיף — באַשטייט נישט נאָר אין לערנען. מען דאַרף אויך רעדן, זיך באַנוצן מיט איר. נו, ווי רעד איך דאָס גלות־לשון?

— הלוואי אויף אַלע יידישיסטן געזאָגט אַזאַ ריינעם, לויטערן יידיש. זי איז אַ חתונה געהאַטע. אַ מעדיצינערין פון פאַך. אויך איר מאַן איז

אַ דאָקטאָר. אומבאַמערקט פּאַר זיך אַליין בין איך ביי איר געוואָרן דער אינטערוויואירטער. זי האָט אָנגעהויבן שטעלן פראַגן:

— פון וואַנען, אייגנטלעך, קומט איר? ווי אַזוי לעבן די יידן דאָרט, אין גלות? וואָס איז זייער באַשעפטיקונג?

— איך קום פון אורוגוויי. אַ קליין לענדל.

— איך קען דאָס לאַנד, פאַרשטייט זיך, פון דער מאַפּע. ווי אַזוי האָבן זיך דאָרט אַהין פאַרקליבן יידן? און ווי אַזוי פילן זיי זיך צווישן אַזוי פיל נישט־יידן?

— ,אורוגוויי איז פון די סאַמע דעמאָקראַטישסטע פון די לענדער אויפן דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט. וואָס שייך, ווי אַזוי יידן פילן זיך דאָרט, איז אוודאי איבעריק אויפצוקלערן, מחמת אַלע גלותן האָבן איין פּנים.

— איז אמת, וואָס איך האָב געלייענט אין דער פּרעסע, אַז אין אייער דעמאָקראַטישן אורוגוויי האָט מען ביי בתי כנסת און שולן אונטערגע־לייגט צינד־באָמבעס?

— דאָס האָבן געטאָן די פאַשיסטן, די פאַרשטעלטע נאַציס.

— נו, ווי אַזוי האָט רעאַגירט די יידישע יוגנט, די עפנטלעכקייט, אויף די מעשים פון די פאַרשטעלטע נאַציס?

אָנשטאָט אַן ענטפער, קוקן מיר זיך ביידע איבער. זי האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען דאָס, וואָס איך האָב נישט געוואָלט אַרויסזאָגן: „יאָ. דאָס איז דער יידישער גורל".

— מיט וועלכן ספּוטניק קאָן מען צוקומען קיין אורוגוויי, כ׳מיין, צו די יידן פון אורוגוויי און צו אַלע יידן פון דער וועלט — גיט מיר פּלוצעם אַ פרעג, פול מיט חכמה און נישט אָן וויטיקלעכער איראָניע, די ירושלימער יידישע דאָקטאָרין — מיטן איין קילאָדיקן ספּוטניק פון אַמעריקע, צי מיטן סאָוויעטישן זעקסטאָניקן?

אויף אַזאַ אויסטערלישער פראַגע האָב איך זיך נישט געריכט.

— אַוווּ איז ער, דער ספּוטניק, דער יידישער — פרעג איך גלייך, ווי כ׳וואָלט די פראַגע נישט פאַרשטאַנען.

— ער איז דאָ — פאַלט גלייך דער ענטפער — ער קומט פון ציון... דעם ציוניסטישן ספוטניק מיין איך.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעטאָן דאָס אויבערשטע רעקל, וואָס זי האָט פריער פאַרגעסן פון זיך אַראָפּצוּוואַרפן און צוגעגאַנגען נענטער צום פענצטער. ווי פאַרקוקט אין די ווייטע האָריזאָנטן, אין פאַרנאַכטיקן ישראל־הימל, נעמט זי רעדן:

— דערווייל איז נאָך אונדזער גרעסטער „ספּוטניק” דער ציוניזם. ער וועט אויפרודערן די וועלט, קלאַפּן אין די הייזער, אין די לאַדנס פון וועלט־יידנטום, אויך פון אייער דעמאָקראַטישן אורוגווײַ...

אויך די צוויי אַלטע לייט זענען געבליבן זיצן שטיל און, דאַכט זיך, אַ ביסל פאַרוואונדערט אויף אָט די דרייסטע און זיכערע רייד פון זייער טאָכטער אין דער אָנוועזנהייט פון דעם פרעמדן, אויסלענדישן ייד. און איך? וואָס האָב איך געהאַט צו ענטפערן?

— הלוואי, הלוואי וואָלט דאָס געשען: וואָס גיכער געשען.

— און ער וועט קומען — רעדט די יונגע פרוי, ווי צו זיך — דער ספּוטניק וועט האָבן די לייכטקייט פון אַמעריקאַנער „עקספּלאָרער” און די שווערקייט פון סאָוויעטישן „לוניק”, וואָרעם אין ביידע שטעקט דאָך עפּעס פון יידישער חכמה, דער ישראל־ספּוטניק וועט פאַרמאָגן די פולע יידישע גאונות.

איך האָב זיך געזעגנט מיט ר׳ יוחנן און זיין פרוי. האַרציק געדאַנקט פאַר זייער גאַסטפריינדלעכקייט. איך האָב אויך וואַרעם געדריקט די האַנט פון דער יונגער, קלוגער און סימפּאַטישער פרוי — זייער טאָכטער.

„כור־אטומי" — דער ישראלדיקער אטאָמישער רעאַקטאָר

אַ פרייד פון גאַנצן האַרץ האָט אַ שלאָג געטאָן בעת מען האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר דערנעענטערן זיך צום נייעם ישראלדיקן וויסנשאַפטלעכן צענטער — צום „כור־אטומי".

— וואָס מיר קאָנען אַלץ באַווייזן — האָט מיט גדלות צו מיר אַ זאָג געטאָן איינער פון די מיטפאָרער, אַ קובאַנער ייִד.

— מיר וועלן נאָך מחדש זיין די לבנה אויף דער לבנה... — וויצלט זיך שוין אַ צווייטער.

— צו יענער צייט האָט זיך געטומלט אין דער וועלט וועגן דעם, אַז ישראל זאָל כלומרשט האָבן די אַטאָמישע באָמבע און אירע לאַבאָראַטאָריעס אַרבעטן ענערגיש אויף דעם שרעקלעכן כלי־זין. אַז דאָס איז ליגן, אַ פאַנ־טאַזיע, אַז דאָס זענען פוסטע חלומות אין די צעהיצטע מוחות פון נאַצערן און זייערע מיטהעלפערס — האָט מען זיך גלייך איבערצייגט. אַז ס'איז אָבער יאָ פאַראַן אַן אַטאָם־רעאַקטאָר, וואָס אַרבעט פאַר פרידלעכע און וויסנשאַפט־לעכע צוועקן — איז צו אונדזער פרייד — אַ פאַקט.

אויב איז עס נישט קיין נס: איינער פון די נסים פון אונדזער משה רבנו, וואָס האָט געשפּאָלטן דעם ים מיטן שטעקן — איז עס דער נס פון זייערע אור־אייניקלעך, וואָס שפּאַלטן דעם אַטאָם...

וועל איך דאָ דערציילן וואָס איך אַליין האָב געזען און געהערט:

מיר שטייען אַלע קאָנצענטרירט פאַרן אַריינגאַנג. איך מאַך עטלעכע טריט אויף צוריק, כדי דעם בנין נאָך אַ מאָל זען פון אויסנווייניק. אַ קיי־לעכדיקע געביידע פון בעטאָן, וואָס זעט אויס ווי אַן אומגעהייער גרויסער וואַסער־טאַנק. דער אַריינגאַנג פון פאָרנט האָט צוויי הויכע, הילצערנע טירן, שיין פּאָלירט זענען זיי און אַ סך פון אונדז באַטראַכטן און באַטאַפּן

זיי מיט די הענט, ווי מיר וואָלטן זיך אַליין נישט גלייבן, אַז דאָס איז טאַקע דער אַריינגאַנג צום אַטאָם־רעאַקטאָר.

הויך און קיילעכדיק־פאַררונדיקט זענען די טירן, ווי די אַריינגענג אין טעמפּלען: אַ טעמפּל פון יידישער וויסנשאַפט. אויך אינעווייניק, דער סופיט, איז קיילעכדיק. פון אַנהייב קומען די אַדמיניסטראַציע־ און אינפאָרמאַציע־ ביוראָען. ווייטער, טיפער, רעכטס צו — די לאַבאָראַטאָריעס.

אויף איין וואַנט הענגט אַ טאָוול. אַ געוויינלעכער שוואַרצער טאָוול, ווי אין אַ שול אָדער אוניווערסיטעט. דאָס איז דער זאַל פאַר לעקציעס. דאָ קומען זיך צונויף די באַזוכער, זעצן זיך אויף די בענק, וואָס פילן אויס דעם זאַל.

*

פאַר אונדז איז אַצינד געשטאַנען אַ יונגער מענטש, בערך אין די דרייסיקער, און אַן שום צערעמאָניעס פרעגט ער אונדז, ווער עס וויל אים פריער פאַרשטעלן אַ היימישן „בוענאָס טאָדרעס". דער עולם דערפרייט זיך — אַן אייגענער מענטש: קומט זיכער פון אַרגענטינע. הייסן הייסט דער יונגער יידישער געלערנטער טעפער. אַן אמתער יידישער נאָמען — טעפער. אפשר גאָר האָט זיין זיידע אין דער אַלטער היים, ערגעץ אין אַ יידיש שטעטל געברענט און געקנאָטן טעפ אין די גרויסע ציגל־אויוונס. היינט איז זייער זון און אייניקל אַ פּראָפעסאָר פון אַנדערע ברענענדיקע אויוונס...

די היינטיקע לעקציע וועט טראָגן אַ מער אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער — וועגן פאַרנעם און געבוי פון אַטאָם־רעאַקטאָר. דער יונגער פּראָפעסאָר גיט פון דעסטוועגן אויך „עפּעס" וועגן דער אַטאָם־טעאָריע און אַטאָם־ פאָרשונג און די פּראָבלעמען וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער ראַדיאַ־ אַקטיווער אויסשטראַלונג.

הגם די דאָזיקע לעקציע איז געגעבן געוואָרן אין אַ גענוג פּאָפּולערער פאָרעם און אין אַ שפּראַך, וואָס כמעט אַלע האָבן פאַרשטאַנען — וואָלט קיינער פון אונדז, מיין איך, נישט געשווירן און נישט גאַראַנטירט, אַז מען האָט טאַקע אַזוי גוט און וויל פאַרשטאַנען. הינטער מיר איז געזעסן איינער, אַ דעלעגאַט פון אונדזערע מקומות, און גערעדט צו זיך אַליין:

„עד היום האָב איך טענות צו מײַן טאַטן פאַר וואָס ער האָט מיך נישט געוואָלט שיקן אין די „גויישע שקאָלעס". וואָס אַ שטײַגער וואָלט אים געאַרט, מײַן קלוגן טאַטן, ווען איך פאַרשטיי כאָטש אַ העלפט, אַ צענטחלק פון דעם, וואָס דער בחור האָט דאָ געזאָגט".

נאָך דער לעקציע האָט מען אונדז איבערגעגעבן אין רשות פון אַ צווייטן יונגן געלערנטן, בנימין היפשמאַן. ער טראָגט אויפן קאָפּ אַ פּיצעלע קאַפּעלע און רעדט צו אונדז אַ פאַרדייטשטן גאַליציאַנער יידיש מיט אַ צומיש פון „לאָמזשער למד". ער באַמיט זיך איבערצוגעבן וויסנשאַפטלעכע טערמינען און באַגריפן דווקא אויף יידיש און געפינט פון דעסטוועגן דאָס ריכטיקע וואָרט. איך הער און וווּנדער זיך: אַך, וואָס פאַראַ כוח אונדזער מאַמע־לשון האָט נאָך אין מויל פון דעם יונגן יידישן געלערנטן.

ד"ר בנימין היפשמאַן האָט נישט לאַנג גראַדואירט אויף דער העברעאישער אוניווערזיטעט. 27 יאָר איז ער אַלט, דערפון — 16 יאָר אין לאַנד.

בעת דער יונגער בחור רעדט און איז מסביר אַ שווערן ענין, אונטערהאַלטנדיק אַלע מאָל דאָס פּיצעלע קאַפּעלע, וואָס פאַלט אים בעת מעשה פון קאָפּ אַראָפּ, האָט מען דאָס געפיל, ווי אַ ראש־ישיבה לערנט מיט זײַנע תלמידים אַ בלאַט גמרא. יאָ, אָט דער ישיבה־בחור פירט אָן מיט די לאַבאָראַטאָריעס און מיט עקספּערימענטן.

שפּאַצירן מיר פון איין צימער אין צווייטן. אומעטום טרעפט מען יונגע מענטשן: פרויען און מענער. עס שלאָגט פון זיי מיט ענערגיע און אַקטיוויטעט. און מיר — דעלעגאַטן, רעדנער, שרײַבער, פּאָליטיקער — גייען נאָך דעם יונגן אַטאָם־פאָרשער, ווי חדר־ייִנגלעך נאָך אַ רבין, און הערן זיך אײַן אין אַלץ, וואָס ער דערציילט. מען פרעגט, מען שיט מיט פראַגן. ער איז גראַד צופרידן דערפון, זאָגט ער. דאָס איז פאַר אים אַ סימן, אַז מען פאַרשטייט. הלוואי... גייען מיר נאָך אויף די שפּיץ פינגער ממש: אַ הייליק געפיל באַהערשט אונדז אַלעמען. מיר באַזוכן אַלע לאַבאָראַטאָריעס און זעען ווי אַזוי עס ווערט געמאַכט פּראַקטיש דאָס, וואָס מיר האָבן פריער געהערט טעאָרעטיש.

מיר קומען אָן אין דעם מאַשינען־זאַל, צום טערמאָ, וואָס געפינט זיך אין הינטערשטן טייל בנין. אַהין גייען אַריין גרופּן צו צען פּערזאָן. יעדן צענטן פון דער גרופּע — אַ מנין — ווערט אָנגעהאַנגען אַ פּירקאַנטיק זשי־טאַנדל אויפן לאַץ.

— וואָס איז דאָס? אַ קמיע? — פרעג איך שפּאַסיק דעם ד״ר היפּשמאַן.

— וויסנשאַפטלעך גענומען, קאָן איך דאָס נישט אָנרופן קמיע — עס איז אָבער עפּעס אַזוינס, וואָס העלפט אויסצומיידן, אָפּגעהיט צו ווערן פון עפּעס שלעכטס — ענטפערט ער שמייכלענדיק. זעט ער, מסתמא, אין אונ־דזערע בליקן, אַז מען האָט נישט אַקוראַטנע פאַרשטאַנען, גיט ער צו:

— דאָס איז אַן אַפּאַראַטל, וואָס ווייזט, צי מען האָט זיך „אָנגעשטעקט" מיט וועלכן ס'איז שטויב פון דער אַטאָמישער אויסשטראַלונג. עס איז גענוג, זאָגט ער, אַז איינער זאָל עס אויף זיך טראָגן און מען זעט שוין, ווער פון די צען האָט „אויף זיך עפּעס".

אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַרנעמט זיך מיט אָט דעם שטרענגן, סיסטע־מאַטישן אויפזיכט איבער די אַלע, וואָס קומען דאָ אַריין: סיי געסט, סיי אַרבעטער קומען טאָג־טעגלעך אין קאָנטאַקט מיט די ראַדיאָ־אַקטיווע מאַ־טעריאַלן. די וואָס זענען דערביי באַשעפטיקט ווערן „געשיצט" דורך אַ מין אָפּווער־מיטל קעגן אָט די אויסשטראַלונגען.

מיר קומען אָן אין מאַשינען־זאַל. עס עפענען זיך צוויי הויכע, איי־זערנע, הערמעטיש־פאַרמאַכטע טירן. עס גיט אַ קלאַפּ אין האַרץ — שיער ווי אין אַ טורמע. עמעץ אין אַ זייט גיט אַ וואָרף אַ וואָרט:

— יידן, מיר גייען אויף דער עלעקטרישער שטול...

דער זאַל, די ווענט און סופיט זענען געבויט רונדיק. מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַרמאַכטן סטאַדיום. דאָ געפינען זיך די סאַמע קאָמפּליצירטסטע מאַשינעס, אַפּאַראַטן, — פּירעקיקע און קיילעכדיקע. טייל פון זיי זעען אויס ווי הייץ־קעסלען. מאָטאָרן, גענעראַטאָרס, אַ געוועב פון ברייטע און שמאָלע שטאַנגען, רימענס, פּאַסן, שינעס. אַלץ לויפט, באַוועגט זיך. עס זשומעט אין די דאַמף־קעסלען. די רעגולירן־אַפּאַראַטן צינדן און לעשן „אייגלעך".

אַט שטייען מיר לעבן אַן אַפּאַראַטל, וואָס זעט אויס ווי אויף צו מאַכן עלעקטראָ־קאַרדיאָגראַמעס. דאָס אַפּאַראַטל לאָזט אַרויס אַזעלכע שמאָלע פּאַפּיר־לענטעס מיט פאַרשיידענע צייכנס. די צייכנס באַווייזן דאָס רעגו־לערע און פּרעציזע אַרבעטן פון די אַלע מאַשינעס. דער גאַנצער איינגע־שטעלטער מאַנטאַזש דינט דעם רעאַקטאָר: ער שטעלט צו געפּרעסטע לופט, גאַז, ווייך און דיסטילירט וואַסער אין די אַקלימאַטיזאַציע־איינריכטונגען.

אַזוי גייען מיר פון איין אַפּאַראַט צום צווייטן. ביי יעדן באַזונדער שטעלט ער זיך אָפּ, ד״ר היפּשמאַן, און קלערט אויף, ווי ווייט מעגלעך, אַז אַלע זאָלן פאַרשטיין. ער רעדט מיט האַרץ און פאַרשטאַנד, מיט וואַרעמקייט, ווי אַ שטייגער מען רעדט וועגן ליטעראַטור, מוזיק אָדער געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

ביים אַרויסגיין האָט דער התלהבותדיקער געלערנטער אַ קוק געטאָן אויפן פּירעקיקן בלעך־אַפּאַרטל, וואָס איז געהאָנגען אויף עמעצנס ברוסט און מיט פרייד אַ זאָג געטאָן: — רבותי, קיינער פון אייך איז נישט אָנגע־שטעקט. איר זענט אַלע אַרויס בשלום...

מיר האָבן האַרציק געדאַנקט דעם יונגן געלערנטן און אויסגעדריקט דעם ווונטש, אַז די וויסנשאַפט, וואָס שטייט איין אין יידישע הענט, אין אייגענעם לאַנד, וועט אוודאי אויסגענוצט ווערן צום וווּיל פון ייד און מענטש, ווו ער זאָל זיך נישט געפינען.

„יאַ יעוורעי״!

באַפרייט זיך פונעם קאָנגרעס, פון די באַראַטונגען און זיצונגען, האָב איך אָנגעהויבן מאַכן אַ שטיקל אָרדענונג אין די פאַרבעטונגען און אָנבאָטן פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, לאַנדסמאַנשאַפטן און איינלאַדונגען פון קרובים פריינד, באַקאַנטע.

דאָס ערשטע האָב איך אויסגעקליבן „אירגון יוצאי חלם״. דאָרט, אין תמימותדיקן, פאָלקסטימלעכן כעלעם איז דאָך מיין וויגל געשטאַנען. אייגנט־לעך — נאָך אַ קלענער שטעטל פון כעלעם — דוביענקאָ ביים בוג. אַ שטע־טעלע מיט גרינע לאָנקעס, הויכע סאָסנעס און אַ שטיל פליסנדיקן טייך ב ו ג. ווי שטיל דוביענקאָ איז, האָט עס אָבער קיין מאָל קיין מנוחה נישט געהאַט: בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאָס שטעטל, צוליב דעם סטראַטעגישן פונקט, געווען אַ פלאַצדאַרם פאַר גרויסע, מיליטערישע אָפּע־ראַציעס. צוויי ריוואַליזירנדיקע כוחות — דאָס צאַרישע רוסלאַנד און ס׳ווילהעלמישע דייטשלאַנד — האָבן דאָ פאַרביסן געקעמפט. דוביענקאָ איז עטלעכע מאָל אַוועק אין פלאַמען. קוים געקומען צו זיך נאָכן ערשטן קריג — זענען געקומען די נאַצישע הארדעס און עס אין גאַנצן חרוב געמאַכט צוזאַמען מיט די איינוווינער.

אין כעלעם איז אויפגעגאַנגען מיין באַוווסטזיניק לעבן. געלערנט, גע־אַרבעט, געליבט און געחלומט: געחלומט וועגן בעסערע צייטן, אַ ניי לעבן און אַ נייער וועלט.

פאַר דער היטלער־אינוואַזיע האָבן אין כעלעם געלעבט איבער 16 טויזנט יידן. יידן פרומע און פרייע. האַרציקע האָרעפּאַשניקעס און אינטעליגענץ. אַ רעגנבויגן פון באַוועגונגען און פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. דער עלטערער דור, ווי זיין שטייגער, האָט זיך געקלאַמערט אין נעכטן. דעם יינגערן דור

— האָט געצויגן צו דאָס נייע און פרייע, צו שולן, גימנאַזיעס און סעמי־נאַרן: וועלטלעכער בילדונג און וויסן. מען האָט געוואָלט אַרויס, אַוועק אין די אַמעריקעס און קיין ארץ ישראל.

ווען איך אַצינד רעדן פון איינעם — דעם פאַרזיצער פון דער כעלעמער לאַנדסמאַנשאַפט — יוסף ראַלניק. אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ פּאָר גרויסע בלאָנדע וואָנסעס. זיין הלבשה — אַריסטאָקראַטיש־גרויסשטאָטיש. תמיד זיך געהאַלטן דיסטאַנצירט פון פשוטן פאָלק. דער גרויסער סאָציאַלער אונטערשייד צווישן אים און זיין בירגערלעך־בורזשואַזן קלאַס און אָרעמען קרעמער און אַרבעטס־מענטש — האָט אים אויסגעזען, ווי נאַטירלעך, אַ זאַך מן השמים...

גערעדט האָט ער פויליש מיט אַ רוסישן אַקצענט. מיט יידיש האָט ער זיך נאָר באַנוצט בעת זיינע טרעפונגען מיט די תבואה־ און מעל־קרעמערס און פאָרשטייער פון די שטאָטישע אינסטיטוציעס.

איז צווישן די לעבנגעבליבענע, ניצול געוואָרענע יידן פון פאַרשני־טענעם כעלעם — אויך אַרויס אַ גאַנצער יוסף ראַלניק. ער לעבט אין ישראל. ער איז געווען דער פאַרזיצער פון דעם באַנקעט, וואָס די כעלעמער לאַנדס־מאַנשאַפט האָט לכבוד מיר איינגעאָרדנט.

דאָס געפיל פון טרעפן זיך מיט לאַנדסלייט, נאָך צענדליקער יאָרן אָפּזיין — און וואָס פאַראַ יאָרן? — איז זייער ענלעך צום געפיל פון טרעפן זיך מיט דער אייגענער משפחה. אויפן ערשטן בליק זענען מיר אַלע מענטשן, פנימער, פרעמד געווען. האָב איך אָבער דעם ערשטן קלאַנג פון ספּעציפישן כעלעמער יידיש דערהערט — זענען מיר אַלע „פרעמדע" מיט אַ מאָל נאָענט געוואָרן. איך האָב זיי דערקענט, מיינע לאַנדסלייט. און טרערן האָבן זיך געשטעלט אין אונדזערע אויגן.

דאָס זענט איר, טייערע מיינע, פון עמק הבכא, פון די בונקערס, גאַז־אויוונס, וועלדער און מאַלינעס?

די ערשטע באַגעגעניש איז געווען מיט אַ פרוי, וואָס צו מיין אַריינקו־מען אין זאַל איז זי אַרויפגעפאַלן אויף מיר מיט אַ געוויין: געוויינט און געקושט מיך, מורמלענדיק פון איבערראַשונג:

— חיים, חיים, דערקענסט מיך?

איך בין געשטאַנען אַ צעטומלטער. געקוקט אויף איר און בעת מעשׂה נישט דערמאָנט זיך ווער זי איז. מיט איבער 32 יאָר צוריק זענען מיר געזעסן אויף איין באַנק אין ווילנער לערער־סעמינאַר — הייב איך זיך אָן דערמאָנען. איז אָט די עלטערע פרוי מיט פאַרוויינטע אויגן און צע־קנייטשט, צעאַקערט פנים, דאָס שיינע יונגע מיידל ב.? יאָ, דאָס איז זי, — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ.

...צוויי יאָר געלעגן באַהאַלטן אין אַ קעלער ביי אַ באַקאַנטן פויער. יעדע רגע געזען דעם טויט פאַר די אויגן. דערנערט זיך מיט קאַרטאָפל, סקאָרינקעס ברויט און... פחדים.

אָט איז צוגעקומען נאָך אַ פרוי: געדריקט די האַנט, געקוקט מיר גלייך אין פנים: — חיים, דו ביסט עס?

אין קלאַנג, אין טאָן פון פרעגן — האָב איך זיך דערמאָנט: זי האָט געהערט צו אַ „יונגכאָר"־גרופּע, ווו איך בין געווען דער מדריך. מיט עט־לעכע יאָר ייִנגער פון מיר איז זי געווען. אַ קליין מיידעלע מיט שוואַרצע אויגן און אַ קורץ־געשוירן גזשיבקעלע — היינט אַ פרוי אין די יאָרן. זי באַקענט מיך מיט איר מאַן און צוויי היפּשע אייניקלעך. אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם פון די ערשטע באַגעגענישן און זיך גענומען אַרומקוקן:

יאָ. איך האָב זיי דערקענט, מיינע לאַנדסלייט. און אים? ראַלניקן? — איז מיר גראָד נישט אָנגעקומען שווער צו דערקענען. די זעלבע גרויסע וואָנסעס, נאָר אין גאַנצן ווייס. אויך די שיטערע הערעלעך אויפן קאָפּ — ווייס.

— שלום עליכם מיין טייערער לאַנדסמאַן: ברוך הבא, זייט באַגריסט אין אונדזער הויז — שטרעקט ער מיר אויס זיין האַנט.

— שלום עליכם. אַ דאַנק פאַרן כבוד, וואָס איר האָט מיר היינט צו־געטיילט, מיט אייך און מיט אַלע כעלעמער זיך צו טרעפן — ענטפער איך גערירט.

— דערקענט מיך, וואַרזאַגער?

— ווי דען, הער יוסף ראַלניק?

נישטאָ, זאָגט ער מיר — שוין אַ ביסל שטילער און יידישלעך, — נישטאָ קיין הער. דאָ זענען מיר חברים. כל ישראל חברים.

איך קוק אויף אים און טראַכט זיך: איז עס דער זעלבער יוסף ראַלניק? עפּעס אַזוי היימישלעך, נאָענט. פון וואַנען? פאַר וואָס? דאָס האָט אַזוי די גרויסע יידישע טראַגעדיע, די בראָך, וואָס האָט אונדז געטראָפן — אויסגעגלייכט... האָב איך זיך אַליין פאַרענטפערט. און אפשר: נישט אפשר — זיכער האָט דערצו געהאָלפן דאָס טרעפן זיך דאָ, אין ישראל. מדינת ישראל האָט פאַראייניקט. ראַלניק רעדט שוין נישט קיין פּויליש. יידיש רעדט ער און לשון־קודש מיט אַן אשכנזישן אַקצענט. פון זיין לשון־קודש רעדט אַרויס נאָסטאַלגיע: דער אַלטער העברעאישער לערער רעדט מיט אַ צומיש פון נייע אויסדריקן און נייער ישראלדיקער הברה.

דער עולם זעצט זיך אויס אַרום די יום־טובדיק געדעקטע טישן. דער יושב־ראש האַלט די ערשטע באַגריסונגס־רעדע, וואָס גייט איבער אין אַ באַריכט... אַ קאַסע־באַריכט ממש, וואָס הייבט אָן אַ ביסל לאַנגווייליקן דעם עולם. נישט אויף דעם איז מען דאָך היינט געקומען, וויל מען אים באַמערקן. אַ סברה, אַז ער שפּירט די דאָזיקע טענה אין די פאַרדראָסיקע בליקן. ער איז אָבער פאַרזיצער נישט פון היינט און נישט פון נעכטן. יוסף ראַלניק ווייסט, ווי אַזוי אויסצונוצן דעם מאָמענט — איינציייטיק אויף אַ סך צוועקן. והראיה: פון באַריכט וועגן די לעבנגעבליבענע דאָ־הי און אויף אַנדערע קאָנטינענטן, קומט ער צוריק צו די, וואָס זענען נישטאָ מיט אונדז — דאָס אויסגעהרגעטע יידישע כעלעם.

מען טראָגט מיר אונטער אַ מתנה: אַ הייליקע מתנה — די „מגילת השמדה של קדושי חלם". אין דער דאָזיקער מגילה זענען איינגעזאַמלט 800 נעמען פון די צען טויזנט קדושים פון כעלעם אומגעבראַכטע דורך די נאַציס...

דער ציל פון פאַרבאַנד איז איינזאַמלען אַלע צען טויזנט, וועלכע זענען אַוועק אויף קידוש השם. דאָס וועט זיין אַ היסטאָרישער דאָקומענט, כדי „זכור תזכר את מה שעשה לך עמלק".

דער אָריגינאַל פון דער מגילה איז געמאַכט פון פאַרמעט און געפינט

זיך אין דער „מצבת הזכרון" אויפן הר־הרצל אין מרתף־השואה, ירושלים.

נאָך אים האָט גערעדט יאַנקל בעקער — די צענטראַלע פיגור אין דער כעלעמער פועלי־ציון באַוועגונג. אויך היינט איינער פון די אַקטיווסטע, פירנדיקע חברים אין צענטראַל־קאָמיטעט פון מפ"ם. זיינע עמאָציאָנעלע רעמיניסצענצן און דערינערונגען פון אונדזער געמיינזאַמער אַרבעט (כאָטש אַ סך יינגער פון אים אין יאָרן) האָבן געמאַכט אַ ביז גאָר שטאַרקן רושם. באַזונדערס אויף מיר, דעם יונגן פּאַרטיי־חבר, וואָס הערט שבחים פון דעם באַליבטן און פּאָפּולערן יאַנקל בעקער.

עס פרייט אים, זאָגט ער צווישן אַנדערן, וואָס איך בין נישט אַמעריקאַניזירט געוואָרן. נישט אויסגעטוישט גייסטיקע ווערטן אויף... פּאַפּירענע. פּשוט גערעדט — נישט קיין גביר געוואָרן אין אַמעריקע. דער זעלבער קבצן, וואָס געווען. — ער רעדט וועגן מיין פרוי — אסתר שרויט — וואָס איז געקומען פון אַ יחוסדיקער, אַסימילירטער היים אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אַריין. גלייך פון גימנאַזיע־באַנק אין פּאַרטיי־לאָקאַל אַריין, שנעל זיך צוגעפּאַסט און איינגעלעבט אין דער נייער פּאַר איר סביבה. בעת זיין רעדע האָט צוריק אויפגעלעבט פאַר מיר כעלעם. די גאַסן, הייזער, די יוגנט — די פרומע און די פרייע. דאָס בית־המדרש און די ביבליאָטעק.

אין טיפן שטילשווייגן איז דער עולם געזעסן. אַלעמענס אויגן זענען געווענדט צו מיר. מיר דאַכט, אַז אַלע וויסן, לייענען מיינע מחשבות.

צום סיום, שפּעט ביינאַכט איז שוין געווען, האָט זיך אויפגעשטעלט דער יושב ראש און נאָך אַ מאָל אָנגעהויבן. אָבער דאָס מאָל — אַן עפּיזאָד: איינע פון זיינע דראַמאַטישע איבערלעבונגען האָט ער דערציילט:

— — — כעלעם איז שוין געווען ליידיק פון יידן. ביים קלויסטער זענען געזעסן צוויי בעטלערס. אָפּגעריסענע, באַוואַקסענע, שמוציק און הונגעריק. ס'איז סוף 1944. אַ העסיקע קעלט אין דרויסן, אַ זאַווערוכע, און אַ נאַסער שניי פאַלט אָן אויפהער. איינעם פון זיי האָט כלל נישט געאַרט דער סאָרט „לעבן". מיט איין האַנט האָט ער גענעבן נדבות, מיט דער צווייטער — געגעסן פון ציינענעם, פאַרקאָפּטשעטן בלעכל. אַ דזשאַד פון אמתן דזשאַדן־לאַנד. וואָס איז די נפקא־מינא, ווער עס איז זיין „פּאַן": אַ פּאָליאַק, אַ דייטש,

אַ רוס — אַבי געלעבט. זיצן זיי ביידע ביים קלויסטער־איינגאַנג און בעטן נדבות.

האָט אָבער דער צווייטער „דזשאַד" נישט פאַרטראָגן סיי די לויזיקע שמאַטעס אויפן לייב, סיי דאָס עסן, סיי דאָס אויסשטרעקן די האַנט. — זיין איידל לייב און איידעלע נשמה האָט זיך געוועדט, זיך געריסן פון די אַלטע לאַכעס אַרויס... אָבער רירן זיך פון אָרט האָט ער נישט געטאָרט. ער האָט געמוזט שפּילן די ראָל, די פּינצטערע ראָל פון אַ גוי און פון אַ דזשאַד, ווי זיין חבר — דער אמתער דזשאַד.

ער האָט עס טאַקע, ווייזט אויס, גוט געמאַכט, מחמת ער האָט געהאַט אַ סך דערפאָלג ביי די פרומע קריסטן, וואָס זענען אין די זונטיקס גע־גאַנגען אין קאָשטשאָל אַריין. ער האָט אַזוי געצויגן זיין „חיונה" ביז איין מאָל — — — איין מאָל, — ביינאַכט, אין אַ געדיכטן שלאַקס־רעגן, אויס־געמישט מיט ווינט און שניי, איז עס געשען. פון דער ווייטנס האָבן זיך באַוויזן צוויי מענטשן־סילועטן. מענטשן־געשטאַלטן, מיט ביקסן אויף די אָרעמס, איילן, לויפן אין דער ריכטונג צום קלויסטער. ביידע דזשאַדעס קורטשען זיך פון שרעק און קעלט. אָט, אָט, און מען וועט זיי דערשיסן. און אפשר ערגערס פון שיסן? אפשר פאַרשן, פייניקן, איזדעקעווען זיך איבער זיי? ווער ווייסט, ווער די־אָ זענען? און אפשר בעסער אַזוי? — טראַכט זיך דער צווייטער „דזשאַד". איין מאָל דערשיסן און אַ סוף וועט עס נעמען צום הינטישן לעבן? די געשטאַלטן שטייען שוין נאָענט פון זיי, שרייען אויס:

— קטאָ ווי טאַקיע, סוקיני סיני! ניעמיעצקיע שפּיאָני, ראַזטרעליאַטש בודים!

ביידע קריכן צו נענטער צו די סאָלדאַטן. פּרווון עפּעס רעדן און גע־פינען נישט דאָס וואָרט. דער פחד שטיקט אין האַלדז. דער אָטעם איז פאַר־שלאָגן.

— ווסטאַוואַי, ווסטאַוואַי — חזרן זיך איבער די געשרייען נאָך גרו־זאַמער פון פריער.

— אַ קריסט בין איך, ווי גאָט איז אייך ליב, בראַטאָקלעך, אַ קריסט...

דער ערשטער האָט זיך אויפגעהויבן. געגומען מורמלען, בעטן:

— פּאָליאַק? ניעמיעצקי שפּיאָן! — האָט זיך נאָך העכער דערהערט דאָס געשריי פון איינעם. און באַלד נאָך דעם — טראַך, טראַך, טראַך. דריי שאָסן האָבן אָפּגעקלונגען אין דער פינצטערער, רעגנדיקער נאַכט.

אָט אַזאַ סוף וואַרט אויך מיר — האָט דער אַנדערער „דזשאַד" געטראַכט. וואָס טוט מען? שרייען, וויינען, בעטן? דריי יאָר ווי ער לעבט אַזוי אַלס פּאָליאַק. ראַנגלט זיך מיטן גורל. — אפשר, אפשר וועט אים געלינגען... טיף אין האַרץ טליעט דאָך אין אים די האָפענונג, אַז ער וועט איבערלעבן. און איצט? — וואָס טוט מען? געציילטע מינוטן זענען געבליבן. ער דאַרף, ווי זיין „חבר" זיך אויפשטעלן און צוגיין. אַנישט? אַנישט? — סעקונדעס בלויז טיילן אים פון דער שרעקלעכער מינוט. — —

געלעבט ווי אַ פּאָליאַק — מילא. איך האָב דאָך נישט געהאַט קיין ברירה — האָט ער אין די רגעס אַ טראַכט געטאָן. אָבער שטאַרבן? צו וואָס שטאַרבן ווי אַ גוי? — — —

— אַ טי קטאָ! — האָבן זיך געהערט די פריערדיקע געשרייען — טאָזשע פּאָליאַק?! וווסטאַוואַי, ביסטראָ וווסטאַוואַי?!

— יאַ יעוורעי! יעוורעי — האָט פון אַלטן „דזשאַד" זיך אַ געשריי אַרויסגעריסן.

די אַנגעשטעלטע ביקסן לאָזן זיך אַראָפּ. עס הערט זיך אַ יידישע שטים מיט טיפן רוסישן אַקצענט:

— אַ ייד, אַ ייד ביסטו? פאַר וואָס האָסטו נישט געזאָגט? האַ? אַ ייד?

— — — איינער פון די צוויי סאָלדאַטן האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיטן „דזשאַד" און צעקושט.

ווען ער האָט געענדיקט דערציילן די דראַמאַטישע איבערלעבונג האָבן צוויי גרויסע, קיילעכדיקע טרערן זיך אַ קייקל געטאָן איבער זיין אויסגעליטענעם פנים.

דער חשבון שטימט: פאָטער און זון – 200 יאָר

אויף מיין באַזוך אין אַ שבת נאָך מיטאָג אין דזשאָינט־אַנשטאַלט „מלבן", איז דער ערשטער, וועמען איך האָב אָנגעטראָפן, געווען אַ ייד, אַ הדרת פנים. ער האָט שפּאַצירט אין אַן אַליי צווישן עוקאַליפּטוס־ביימער. שפּאַצירט מיט בנעימותדיקע, געמאָסטענע טריטלעך. אַ יום־טובדיקייט, אַ נשמה־יתרה־שיינקייט שיינט אַראָפּ פון אים.

ווען דער אַלטער מאַן האָט מיך דערזען, האָט ער פּאַרלאַנגזאַמט זיינע טריט. איך האָב אים אַנטקעגנגעטראָגן „אַ גוט שבת".

— גוט שבת, גוט יאָר — האָט ער מיר פּרייגטלעך און פייערלעך געענטפערט. מיט איין האַנט האָט ער אַ פיר געטאָן איבער דער ווייסער, ברייטער באָרד און אָפּשטעלנדיק זיך געפרעגט:

— פון וואַנעט קומט אַ ייד?

— איך קום פון די אַמעריקאַנער לענדער.

— פאַראַן אַ סך לענדער אין אַמעריקע, ווי הייסט אייער לאַנד.

— אורוגוויי — ענטפער איך.

— נישט געהערט פון אַזאַ לאַנד — הייבט ער מיט די אַקסלען.

— אורוגוויי ליגט נישט ווייט פון אַרגענטינע — חזר איך גלייך איבער.

— אַהאַ, פון „ראַגאַטינע" האָב איך יאָ געהערט. מיינס אַן אייניקל וווינט דאָרט ערגעץ, געדענק נישט אַקוראַט אין וועלכער שטאָט.

— ווייסט איר נישט, הייסט עס, אין וועלכער שטאָט?

— איר מיינט אוודאי, אַז כ'בין אַ יונגערמאַנטשיק, האַ? נאָך אַזעלכע זאַכן זאָל איך געדענקען?

— וויפל, אַ שטייגער, זענט איר אַלט — ביז הונדערט און צוואַנציק?

— ביז הונדערט צוואַנציק פעלט מיר גאָרנישט קיין סך: אַכט יאָר סך הכל — שמייכלט דער ייד מיר פריילעך אין פנים אַריין.

געזען, אַז איך שטיי אַ ביסל צעטראָגן און רעד גאָרנישט, האָט ער געמיינט, אַז כ'האָב נישט דערהערט, וואָס ער האָט מיר געזאָגט. ער חזרט איבער, אָבער שוין מיט אַ העכערער שטים:

— הונדערט און צוועלף יאָר בין איך אַלט.

— נו, יאָ — כאַפּ איך גלייך אונטער און זאָג — ביז הונדערט און צוואַנציק.

— אָמן, אָמן — זאָגט דער זקן און שאָקלט צו מיטן קאָפּ און ווייסער באָרד, ווי איינער רעדט: — נו, וואָס דען האָב איך צו זאָגן.

—ער האָט דאָ, אין „מלבן", אַ זון — זאָגט ער — ער איז דאָ צוזאַמען מיט אים און אויב איך וויל, קאָן איך אים זען. ער איז זייער אַ קלוגער מענטש. — אַנו, אדרבא, גיט זיך נאָר אַ פרעג אויף יעקב צביס זון.

איך געזעגן זיך מיט אים און ווינטש אים לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

— ע, ע, לאַנגע, לאַנגע יאָרן — חזרט ער איבער — איז שוין צו פיל... איז האָט מיר — גיט ער צו — אַ גוטן שבת.

איך לאָז אים גיין און אַליין שפּאַן איך אין דער ריכטונג, ווו ער האָט מיר פריער אָנגעוויזן — צום הויז, ווו ער מיטן זון געפינען זיך.

אין פּאַוויליאָן, צווישן אַלטע לייט, טרעף איך אין אַ ווינקל זיצן אַן אַלטיטשקן מאַן. ער זיצט געבויגן איבער אַ טישל, קוים וואָס מען זעט זיין פנים אַרויס. אויפן טישל ליגט אַן אָפן ספר מיט פאַרגעלטע, אַלטע בלעטער — ווי דער קאָליר פון זקנס באָרד. געהערט, מסתמא, ווי איך פרעג זיך אויף יעקב צביס זון — האָט ער פאַמעלעך אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון ספר אַרויס. אַ פאַרטראַכטער, און צולייגנדיק איין האַנט צום אויער ווי איינער, וואָס וויל בעסער הערן, פרעגט ער מיך:

— וועמען זוכט איר, אדון?

— ר' יעקב צביס זון.

— איז וואָס, אַ שטייגער, פאַרלאַנגט איר פון אים, פון יעקב צביס זון?

פאַרשטיי איך שוין סיי פון קול, סיי פון פנים און באָרד, אין וועלכער ער האָט פרעגנדיק אַריינגעשמייכלט, אַז דאָס איז ער אַליין און שטאַט אים אָפּ אַ שלום עליכם מיט אַ „גוט שבת״ צו.

— זענט איר טאַקע זיין זון? — פרעג איך איבער.

— דאָס בין איך. איך הייס, נחום.

ער שמייכלט. פון אָפּענעם מויל־שניט זעען זיך אַרויס נאַקעטע יאַסלעס, ווי אין אַן אָנצייניקן מיילעכל פון אַ קליין קינד.

— די רוסישע יידן, מאַכט ער, האַלטן זיך גאַנץ גוט: כ׳מיין מיין טאַטן, מיין איך, ביז הונדערט און צוואַנציק...

— זענט איר רוסישע געבוירענע?

— איך שפּאַס — ענטפערט ער און צעלאַכט זיך — נישט רוסישע, נישט פוילישע, נישט בעסאַראַבישע יידן האַלטן זיך גוט. גוט האַלטן זיך געזונטע יידן: געזונטע מענטשן האַלטן זיך גוט — חזרט ער איבער די חכמה און קוקט אויף מיר, — וואָס פאַר אַן איינדרוק דער וויץ האָט אויף מיר געמאַכט.

— איך און מיין טאַטע — רעדט ער ווייטער — זענען טאַקע דעם חודש, כסלו, געוואָרן גאַנצע צוויי הונדערט יאָר, אויף אריכת ימים ושנים.

— אָמן, אָמן — שעפּטשע איך שטיל אַרויס.

— ניין. נישטאָ זיך וואָס צו באַקלאָגן אויפן רבונו של עולם.

— מסתמא זענט איר עס ווערט — מאַך איך אַ פרומע מינע.

געפעלט עס אים, דעם גוטן אַלטיטשקן. ער זעצט זיך בעסער אַוועק, גלייכט זיך אויס די יאַרמלקע אויפן קאָפּ און באַטראַכט מיך מיט פאַר־וווּנדערונג, אַ שטייגער ער וויל זאָגן: — ווער איז דאָס דער פרעמדער ייד, וואָס גייט אין בלויזן קאָפּ און רעדט אַזוי פרום.

— הייסט עס, אַז איר זענט, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַלט אַכט און אַכציק יאָר. ווי מיינט איר, דער חשבון שטימט?

— יאָ, דער חשבון שטימט: איך און מיין טאַטע זענען, עד מאה ועשרים, אַלט פולע צוויי הונדערט...

מאה שערים אין מנחה־צייט

שוין העכער צוויי וואָכן ווי איך בין אין ישראל און מאה שערים האָב איך נאָך נישט געזען. עס האָט מיר דווקא געצויגן אַהין. איך האָב געוואָלט זען אָט די שכונה, וועגן וועלכער איך האָב אַזוי פיל געהערט. דאָרט לעבן דאָך און זענען טעטיק די נטורא קרטא.

אָנגעקומען אַהין פאַרנאַכט. עס איז געווען אַ רעגנדיקער טאָג. איך שטעל זיך נאָענט פון אַ קלייטל פון תפילין, מזוזות, טליתים, יאַרמלקעס, בענטשערלעך, סידורים. דאָס געסל איז אַ שמאָלס און ענגס. פון ביידע זייטן — הויכע געטאָ־ווענט. אויף די טראָטואַרן און אין מיטן פון די שמאָלע, שלעכט־ברוקירטע, צעלעכערטע וועגן, זעט מען זיי גיין: נישט גיין, נאָר שפּאַנען — די פרומע איינוווינער פון מאה שערים. לאַנגע קאַפּאָטעס, גרויסע, ברייטע שוואַרצע קאַפּעלירשן, ווייסע זאָקן איבער די געפּאַסטע שוואַרצע הויזן. פון אונטער דער שוואַרצקייט זעען די פּנימער אויס נאָך בלאַסער ווי זיי זענען. בולט זענען די שוואַרצע, פייערדיקע אויגן און די לאַנגע, באַמבלענדיקע פּאהס. זייער גאַנג איז אַן אייליקער, אַ פליענדיקער — עלעהיי „דער ייד גייט איבער די הייזער" פון מאַרק שאַגאַל.

אין קרעמל איז קיינער נישטאָ. אויך די פּאַליצעס זענען ליידיק. די גאַנצע „סחורה", וואָס איך האָב געזען איז, אויב אַזוי, אין פענצטערל? עס קומט אַריין אַ פרוי. דאָס פּנים אונטערן געדיכטן שייטל איז נאָך גענוג יונג, אָבער פאַרדאגהט און געקנייטשט. איר גאַנצער אויסזען, דאָס אָפּגעטראָגענע אָנטועכץ, איר גאַנצער באַנעם, דערמאָנט אין די יונגע באָבעס פון אונדזערע אַלטע היימען.

— וואָס פאַרלאַנגט איר? אַ טוריסט? פון וואַנען קומט איר? — הייבט זי אָן שיטן מיט פראַגן.

— איך וויל ביי אייך עפּעס קויפן — רייס איך איר איבער אין מיטן.

— וואָס קאָן אַזאַ ייד געבן צו לייזן, אַז אין אַזאַ גאַס רעגן גייט איר אָן אַ היטל, רחמנא לצלן...

— גערעכט, גברת. אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אייער קראָם און מיט דער באַלעבאָסטע? — ענטפער איך אַ ביסל איראָניש אָבער געלאַסן — איך וויל דאָך ביי אייך עפּעס קויפן.

— איז וואָס, זענט איר טאַקע אַ טוריסט? — שטייט זי נישט אָפּ.

— ניין. איך בין נישט קיין טוריסט. איך בין אַ דעלעגאַט צום ציוניסטישן קאָנגרעס.

— אוי, אַ דעלעגאַט, אַ ציוניסט — האָט זי פאַרקרומט דאָס פּנים און גלייך זיך עס פאַרשטעלט מיט ביידע הענט, ווי אַ שטייגער, מען גיט אַ קוק אויף אַ טמא זאַך.

אָט האָסטו דיר דאָס הייליקע ירושלים — לויפט מיר אַדורך אַ געדאַנק — נישט קיין קליין שטיקל אַרבעט שטייט דאָ פאַר די ציוניסטן: אין ישראל דווקא, און נישט אין גלות. זי איז דערווייל, זעט אויס, אַ ביסל צו זיך געקומען און אַ זאָג געטאָן: — אַ ציוניסט קומט אַהער קויפן די־אַ יידישע זאַכן? — ווייזט זי מיטן פינגער אויף איר סחורה.

— וואָסי, אַ ציוניסט איז קיין ייד נישט? אַ גוי, חלילה?

— נאָך ערגער. גוטע ערלים האָב איך שוין יאָ געזען, געהערט דערציילן פון מיין מאַמען ע״ה. אָבער אַ ציוניסט — אַ גוטן ייד? אַזאַ ייד האָב איך נאָך נישט געזען. אַ ציוניסט — הייבט זי נאָך העכער אויף איר שטים — רחמנא לצלן, פו, פו!

ווי כ׳וואָלט נישט באַמערקט איר אויפגערעגטקייט גיב איך זי אַ פרעג:

— זאָגט מיר, גברת, וויפל קאָסט דער טלית־קטן?

זי קוקט מיך אָן מאָדנע. איר בליק דערציילט פון אַ מין פאַנאַטיזם, וואָס גרענעצט זיך מיט האַס.

— פאַר וועמען דאַרפט איר דעם טלית — גיט זי פּלוצעם רואיק אַ פרעג.

— אַ מתנה פאַר אַ יידיש קינד.

איך שפּיר, אַז אינערלעך קומט ביי איר פאַר אַ מין גערעַנגל. האַס און גוטסקייט: כעס און רחמים. אַ מין מאַמעשער, קוים־באַמערקבאַרער שמייכל באַוויזט זיך אויף איר יונג־פאַרעלטערט פּנים. זי זאָגט: — אוי, סאַראַ גוט האַרץ איר האָט. אַ יידיש האַרץ איז נישט צו דערשאַצן. אַן אָרעם יידיש יינגל וועט אייך בענטשן פאַר דעם לייב־צודעקל.

זי האָט דערביי אַ שווערן, יידישן זיפץ געטאָן.

איך באַצאָל פאַרן טלית קטן און לאָז זיך גיין. פאַר דער טיר פון קלייטל איז געשטאַנען אַ שמאָלער בחורל מיט אַ ברייטן קאַפּעליוש און עטוואָס צעפלאָשעטע פּאהס. ער קוקט אויף מיר אַזוי מאָדנע.

— שלום, אדוני, — באַגריס איך אים.

ער ענטפערט נישט, קוקט אויף מיר מיט זיינע קויליק־שוואַרצע אויגן מיט פאַרריסנקייט און פאַרדאַכט. און פּלוצעם פרעגט ער:

— ווער ביסטו?

— אַ טוריסט.

— אַ טוריסט, אבי נישט קיין ציוניסט.

— פאַר וואָס רעדסטו יידיש און נישט עברית — פרעג איך אויך אויף „דו" מיט אַ געמאַכטער חוצפּה.

— וואָס ווילסטו, אַז אויף דער גאַס און אין מיטן דער וואָך זאָל איך רעדן צו דיר לשון קודש?

— זאָג זשע מיר, אויב דו רעדסט אַזוי שיין, ווער ביסטו און וווּ גייסטו אַצינד?

— איך גיי אַהיים פון מנחה־מעריב און הייסן הייס איך משהל.

— פאַר וואָס עפּעס משהל?

— ווייל איך בין ערשט בר־מצוה געוואָרן. אַז איך וועל אַ גרויסער ווערן, וועט מען מיך רופן — — — ער בלייבט אַ ווײַלע שטיל און פאַר־ענדיקט נישט וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. זיין בלייך יונג פּנימל ווערט פול מיט קאָלירן. שעמט זיך, זעט אויס פאַר עפּעס. פאַר וואָס האָט ער זיך צו שעמען, טראַכט איך און פרעג:

— נו, איז ווי אַזוי וועט מען דיך רופן, אַז דו וועסט גרויס ווערן?

— ר׳ משהל — גיט ער אַ זאָג מיט אַ ברייט אָפּן מויל. עס זעען זיך צוויי שורות יונגע, ווייסע ציין.

— איז נאָ דיר דעם טלית־קטן אַ מתנה.

— איך נעם נישט קיין געשאַנקען — מאַכט ער אָן שהיות — מיין טאַטע איז חלילה נישט קיין אָרעמאַן. ער וועט מיר קויפן. און ווידער ווערט ער פּלוצעם אַנטשוויגן. ער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און הייבט ווידער אָן, שוין מיט אַ ווייכן גמרא־ניגון:

— איכל פון דעסטוועגן אייך נישט מבייש זיין, אַז איר זענט אַזאַ גוטער, ווי קאָן איך זיין אַ שלעכטער?

ער האָט גענומען דאָס פּעקעלע פון מיין האַנט און מיר אַריינגעשטופּט אַ שלום עליכם:

— אַ דאַנק. האָט מיר אַ גוטע נאַכט. זייט געזונט און האָט אַ גליק־לעכע רייזע.

דער וועטעראַן בעט זיך פאַרענדיקן זיין לעצטע רעדע

דער 25סטער ציוניסטישער קאָנגרעס פירט איצט זיין גענעראַל־דעבאַטע. עס דעפּילירן פאַרביי דער טריבונע יונגע און אַלטע ציוניסטן, פרייע און רעליגיעזע, יעדער מיט זיין נוסח, סטיל און אופן פון רעדן.

אַ שווערע, געררייצטע און צעהיצטע אַטמאָספער. נאָר וואָס האָבן גע־רעדט די קאַרפּן־קעפּ פון אַלע פראַקציעס. מען פילט, אַז עס איז שוין גענוג. אָבער דאָס וואָרט האָט איצט דער 81־יאָריקער מאַן. ער איז גוט באַקאַנט און באַליבט ביי אַלעמען. אַלע געדענקען אים פון זיינע מוטיקע, דרייסטע רעדעס אין פּוילישן סיים — דעם געוועזענעם סיים־דעפּוטאַט פון אַנטיסעמיטישן פּוילן יצחק גרינבוים.

אַלעמענס אויגן זענען אַצינד געווענדעט צו די צוויי אַלטע לייט: דער פּאַרזיצער איז אויך אַן אַלטער ציוניסטישער פירער און געשעצטער רעלי־גיעזער מנהיג.

חבר, איר האָט נאָך צוויי מינוט צו רעדן — מאַכט אים אויפמערקזאַם דער פּאַרזיצער.

דער רעדנער, ווי ער וואָלט די באַמערקונג נישט געהערט, ציט ווייטער זיינע געדאַנקען, זיינע מוטיקע, קלאָרע רייד. מיט התלהבות הייבט ער נאָך העכער זיין שטימע. וווּלקאַנען פייער זעצן פון זיין מויל. ער ציטערט אַזש פון עקסטאַז, דער ציוניסטישער וועטעראַן. אויך זיינע אַקסלען, די פיס, דאַכט זיך, ציטערן...

— חשובער חבר, נאָך איין מינוט איז אייך געבליבן.

נאָכן מאַכן צום צווייטן און דריטן מאָל די באַמערקונגען דעם רעדנער, האָט אויך דער פּאַרזיצער אָנגעהויבן ציטערן און פיבערן. מיט גרויס דרך־ארץ האָט ער געקוקט אויפן רעדנער. געקוקט אויפן רעדנער און אויפן...

זייגער. די צייט שטייט נישט און ביים גרעסטן דרך־ארץ און בעסטן ווילן מוז ער אים דאָס וואָרט צונעמען. דער רעדנער איז שוין ווייט אַריבער די 15 מינוט. ער האַלט ביי 20 מינוט — ערשט אין סאַמע ברען.

אַלע זיצן און אָבסערווירן דאָס פּיינלעכע בילד. אין דער גאַנצער פּיינלעכקייט איז פאַראַן אויך עפּעס קאָמישעס: צוויי אַלטע לייט ראַנגלען זיך. ביידע — פיזיש אויסגעשעפּטע מענטשן. ביידע פאַרערן זיך קעגנזייטיק; אָבער... „פאַרמעסט" איז פאַרמעסט. און דער זייגער שטייט נישט. דער קאָנגרעס מוז היינט פאַרענדיקט ווערן. דער חשובער פאָרזיצער נעמט זיך אָן מיט מוט און גיט אַ זאָג מיט אַ טאָן, וואָס האָט אין זיך אי צער, אי פאַרדראָס:

— געשעצטער רעדנער, עס איז שוין לאַנג אַריבער אייער צייט. איר מוזט ענדיקן ריידן...

דער וועטעראַן דרייט אויס דעם קאָפּ צום פּרעזידיום, ווי ער וואָלט דאָרטן שוץ געזוכט, און גיט מיט אַ יונג־געוואָרענעם קול אַ ברום:

— לאָזט מיך פאַרענדיקן מיין רעדע. דאָס קאָן גרייליך זיין די לעצטע רעדע אין מיין לעבן. דער איצטיקער פינף און צוואַנציקסטער קאָנגרעס קאָן זיין פאַר מיר דער לעצטער קאָנגרעס...

ווי פאַרשטיינערט זענען אַלע געבליבן זיצן. אַלעמענס אויגן זענען אין דער מינוט געווען געווענדעט צום אַלטן מאַן, אין זיין לעצטן פאַר־צווייפלטן רוף...

מיט דריי מינינים יידן צום ים־סוף...

נאָכן באַזוך אין די קיבוצים האָט דער סעקרעטאַריאַט פון קיבוץ המאוחד מיר אונטערגעטראָגן אַ מתנה — אַ רייזע־בילעט צום נגב און אילת.

זעקס אַ זייגער פאַרטאָג האָב איך שוין געטראָפן ביי דער רייזע־ביוראָ אַ סך וואַרטנדיקע. אַלע האָבן מיר אויסגעזען פרעמד און פון נישט הי. אַ סך שפּראַכן האָט מען דאָ געהערט: ענגליש, פראַנצויזיש, פּויליש, האָ־לענדיש. אַ יונג פּאָרל האָט זיך געדרייט לעבן אויטאָבוס. פאַרשושקעטע און פאַרטועטע מיט זיך, האָבן זיי זיך געדרייט, האַלטנדיק זיך ווי קינדער ביי די הענט. אוודאי נעכטן פון אונטער דער חופּה אַפּער. פאָרן פראַוון זייער „האָניק־חודש" צום ים־סוף.

עס איז מיר אַ ביסל קיל און קאַלעמוטנע געוואָרן אויף דער נשמה, כאָטש די זון האָט שוין היפּש געוואַרעמט און אָנגעזאָגט אַ הייסן טאָג. וועל איך טאַקע איינער אַליין, צווישן די דרייסיק פּאַסאַזשירן, זיצן די גאַנצע צוויי מעת־לעת? — איז מיר אַ נישט־היימלעכער געדאַנק אַדורכגעלאָפן. איך קלויב אויס אַ פּלאַץ ביים פענצטערל. אַזאַ רגילות ביי מיר — איך האָב ליב פענצטער. יעדער פענצטערל, איז פאַר מיר אַ פענצטער צו דער וועלט... עס מאַכט מיך נענטער צו די גרויסע, ברייטע האָריזאָנטן, צו רחבותן. דער אויטאָבוס ווערט גלייך פול מיט פּאַסאַזשירן. עס בלייבט נאָך גענוג פרייער פּלאַץ. הכלל, ס'איז באַקוועם און אייגנענעם. ס'ווערט עפּעס בעסער, לייכטער אויפן געמיט. מיר פאָרן. דרייסיק פערזאָן. דריי מנינים יידן — פרויען און מענער — אויף אַ שפּאַציר צו די ברעגעס פון ים־סוף.

איידער דער אויטאָבוס נעמט רירן פון אָרט, ווייס איך שוין די „גאַנצע" געשיכטע פון די צוויי יונגע־לייט — דער נהג און דער מדריך. דער ערש־

טער — אַ סאַברע פון דריטן דור. זיין זיידע איז געקומען פון רומעניע. דער צווייטער — געבוירן אין צפון־אַמעריקע, אַלס קינד געקומען אַהער. ער איז אַ סטודענט אויף דער העברעאישער אוניווערזיטעט. לערנט אַרכע־אָלאָגיע, געאָלאָגיע און געשיכטע. ער זעט מיר אויס נישקשהדיק צוגעפּאַסט פאַר זיין הייננטיקער אויפגאַבע. צום אַרויספאַר מעלדעט ער, אַז אַלע זיינע אויפקלערונגען און אָנווייזונגען וועט ער געבן אויף צוויי אויסלענדישע שפּראַכן: פראַנצויזיש און ענגליש. ער קאָן אַפילו, זאָגט ער, נאָך אַ שפּראַך, נאַטירלעך, אַחוץ עברית: דאָס לשון פון „יוראָפּ", וואָס זיין באָבע ע"ה האָט גערעדט. אָבער היות ווי 99 פּראָצענט פון די פּאַסאַזשירן פאַרשטייען נישט די שפּראַך פון זיין מוטער, פרומער באָבען (דעם איינעם פּראָצענט האָט ער אוודאי מיך געמיינט) — האָט ער נישט קיין אַנדער ברירה, ווי רעדן אין ענגליש אָדער פראַנצויזיש.

איך וועל ביי זיך פון דעסטוועגן נישט געפאַלן. צו עפּעס, טראַכט איך זיך, וועט מיך מיין מדריכס „יוראָפּ"־שפּראַך צו נוץ קומען. נאָך אַלע־מען געפינען איך זיך דאָך, כאָטש אויפן וועג צום מדבר, אָבער צווישן אחינו בני ישראל.

בעת דער גרויסער אַמעריקאַנער אויטאָבוס האָט זיך געגעבן אַ ריר פון אָרט, האָט אונדזער סטודענט, באַוואָפנט מיט זיינע אויסלענדישע שפּראַכן, זיך אויסגעגלייכט, מעשה מיליטער־מאַן, און הויך אויפן מיליטע־רישן אופן אַ זאָג געטאָן אויף זיין באָבעס לשון:

— יידן, מיר גייען שפּאַלטן דעם ים!...

מיר פאַרנעמען זיך אויף דרום פון דער יידישער מעטראָפּאָליע. דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, זענען בעטאָן־רערן אויף דער גאַנצער לענג פון וועג. 200 קילאָמעטער בעטאָן־„פּעסלעך" זענען ביז איצט געלייגט געוואָרן, דערקלערט מען אונדז. דאָס איז אָבער קוים אַן אָנהייב. דערווייל פאָרט מען פאַרביי אַ סך גרינע פעלדער. אַ ווינטל יאָגט אַריין דורכן פענצטערל. עס קילט און צעשפּילט דאָס געמיט. דאָס האַרץ קוועלט פון דער גרינער שיינקייט, פון דער אויפגייענדיקער תבואה. די פרייסט זיך מיטן געדויש פון לעבעדיקן אַרום, ווו ס'גייט אויף די סימפּאָניע

פון יידישער פּראַצע. — אין גיכן וועלן זיך ווידער באַווייזן זאַמדן — „טרייסט״ אונדז דער מדריך. אַחוץ וואָס ער קען דאָס לאַנד גוט, ווייזט ער זיך אויך אַרויס פאַר אַ גוטן פּסיכאָלאָג. ער קען די טוריסטן און זייער נייגעריקייט צו דעם, וואָס זיי זעען און ווילן זען; ער ווייסט, ווי אַזוי זיי צו פאַראינטערעסירן און ווי צו וועקן זייער אויפמערקזאַמקייט צו זיינע אויפקלערונגען.

און אָט איז פאַרשוווּנדן די בליענדיקע יידישע וועלט. עס באַווייזן זיך געלע, גראָע, אומענדלעכע, זאַמדיקע האָריזאָנטן. אַנגעיאָגטע זאַמד־בערגלעך, היגלען, נידעריקע, פאַרדאַרטע סטעפּ־ביימלעך מיט דינינקע צווייגלעך, ווי אַלטע בעזעמס...

— אַזוי האָט אויסגעזען דאָס היינטיקע תל־אביב מיט צוויי און פופציק יאָר צוריק — זאָגט דער פריילעכער מדריך מיט אַ גליקלעך זיפצעלע.

— הלוואי זאָל אויך אַזוי געשען מיט די שטחים, וואָס מיר זעען איצט — האָב איך אין דער שטיל צו זיך אַליין געזאָגט.

דאָס פּלישתים־לאַנד — אַן אַלט קאַפּיטל יידישע געשיכטע

— אָט דאָרט, אויף רעכטס פון יענעם דרייעקיקן שטיק באָדן, האָט זיך געפונען דאָס פּלישתים־לאַנד — האָט מיט אַ האַנט־באַוועגונג אָנגעוויזן יהושע, דער מדריך — און פּאַראַלעל מיטן פּלישתים־לאַנד ציט זיך דער עמק־החוף. דאָס איז אַ שטיק נידערלאַנד. הינטער די זאַמד־בערגלעך און הויכקייטן ליגן שטעט. עדות דערויף זענען די שטעט אשדוד, עזה, אשקלון, וואָס זענען אַ מאָל אויך געלעגן אונטער די זאַמדן. מ'זעט אויך — און ווי וווּנדערלעך שיין דאָס איז — אין מיטן פון די זאַמדן־פּליינען גרינע אָאַזיסן, וואַסערלעך, אַך, ווי זיי דערקוויקן דאָס אויג פון מידן מדבר־וואַנדערער. גיט מען אַ קוק אויף די איינציקע, האַלב־חרובע אַראַבישע הייזקעס, וואָס שטייען דאָרט נישט באַווינטע, זעט מען גלייך דעם צוויי טויזנט יאָריקן מהלך פון וויסטן מדבר און אויפגייענדיקן צפון פון לאַנד.

— איר דאַרפט וויסן, מיינע טייערע יידן — רופט זיך ווידער אָן דער

מדריך אין יידיש, נאָכן געבן עטלעכע דערקלערונגען אין ענגליש — אונ־דזער דרום איז גרויס און ברייט און לאַנג. אַזוינס איז גאָר שווער צו טרעפן אין אַן אַנדער לאַנד. — נעמט, למשל, דעם דרום־טייל פון עזה — זאָגט ער — דאָרט דערגרייכט די ברייט 25 קילאָמעטער. דאַקעגן אויף צפון, ווערט דער ערד־פּאַס שמעלער און שמעלער און שוין ביים כרמל־באַרג איז די יבשה ביז צום ים התיכון — קוים עטלעכע הונדערט מעטער... נו, אין וועלכן לאַנד טרעפט מען אַזאַ זאַך?

*

דאָס דאָזיקע דרומדיקע שטיק לאַנד האָט אַ שמאָלן פּלאַכן ערד־פּאַס, וואָס האָט אין די אַמאָליקע צייטן געדינט ווי אַ האַנדלס־וועג צווישן מצרים און מעסאָפּאָטאַמיע. שטעט און אָפּשטעל־סטאַציעס זענען געווען לענג־אויס דעם וועג. ארץ ישראל איז געווען דאָס טראַנזיט־לאַנד צווישן די צוויי אַנטיקע וועלט־מאַכטן.

האָט מצרים פאַרלאַנגט פון יידישן קעניג יאשיהו, ער זאָל זי דורכלאָזן מיט איר חייל אויף צו קעמפן קעגן צפון־שונא. אין יענער צייט האָט גע־הערשט דער פרעה נכו. ער האָט געוואָלט אויסנוצן די אומרוען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער דעמאָלטיקער, מעכטיקער אַסירישער מלוכה. אויף דורכצופירן דעם פּלאַן האָט מצרים געמוזט קרייצן דאָס יידישע לאַנד. דער יידישער קעניג האָט עס נישט דערלויבט, מורא האָבנדיק, אַז נאָכן נצחון פון נכו איבער די אַסירישע שטעט — וועט ער אויך וועלן אונטערטעניק מאַכן די יהודישע מלוכה. האָט יאשיהו זיך פאַרמאָסטן קעגן עגיפּטישן נכו בעת זיין מאַרש ביי מגידו. אין די גרויסע, פאַרביסענע שלאַכטן, וואָס זענען דאָרטן פאָרגעקומען, איז דער יידישער קעניג מיט זיין אַרמיי צעשלאָגן געוואָרן.

אַ טרויעריקע געשיכטע, אָבער אַ העלדישע: פול מיט ווירדע און שטאָלץ. דאָס לאַנד איז טאַקע דעמאָלט באַהערשט געוואָרן, אָבער נישט אויף אייביק. אַט פאָרן מיר דאָ פראַנק און פריי — האָט דאָס אייניקל פון די יידישע בראַנקס אויסגערופן מיט התפעלות.

ר׳ יוחנען בן זכאי און דער דייטשער „פּראָפעסאָר"

מיר פאָרן פאַרביי אַן אָרט, ווו דער מדריך הייסט אַלעמען אַראָפּגיין פון אויטאָבוס. ער ווייזט אונדז עפּעס אַ חורבה. אַרום איר — עטלעכע קלענערע הייזקעס: אַ ביסל ווייטער אַן אַלט וועלדל. דאָס איז די אַמאָליקע יבנה. אַהערצו האָט זיך אַרויסבאַקומען פון דער באַלאַגערטער ירושלים ר׳ יוחנן בן זכאי. דאָ זאָל ער האָבן געבעטן דעם רוימישן קריגס־פירער וועספּאַסיאַנוס אַ דערלויבעניש צו גרינדן אַ ישיבה. בעת דער מדריך האָט בקיצור איבערגעגעבן די געשיכטע פון יוחנן בן זכאי, האָט איינער פון די פּאַסאַזשירן, מיט אַ פעטלעך פּנים און אַ האַוואַנער ציגאַר אין מויל, זיך אַנגערופן:

— יוחנן בן זכאי? האַ, נו געוויס: דער יוחנן איז דאָך געווען אַ מיט־אַרבעטער מיט דעם רוימישן פירער טיטוס — האָט יענער (וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט גערופן פּראָפעסאָר) פאַרגעזעצט זיין צווישנרוף אין אַ פאַרדייטשמערישטן יידיש.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס? — האָט מיט צאָרן אַ פרעג געטאָן אַ צווייטער אין אַ פיינעם ליטווישן יידיש. געפרעגט און גלייך געענטפערט:

— אַזוי, אַזוי, טפו, טפו, טפו — האָט דער ליטווישער ייד דריי מאָל אויסגעשפּיגן.

עס איז אַנטשטאַנען אַ פיינלעכער מאָמענט צווישן דער גרופּע טוריסטן.

„אויסגעגלייכט" דעם וויכוח און אַנטשפּאַנט די לאַגע האָט דער מדריך מיט אַ מעשה פון אַ בעדואינישן שייך, וואָס האָט 35 ווייבער און 70 קינדער.

וואָס ווייטער, דערנענטערן מיר זיך צו די נגב־סטעפּעס. דער פרימאָרגן איז אַ וואַרעמער. דער אויטאָבוס גליטשט זיך איבערן גלאַטיקן כביש, וואָס אין מיטן פון די מדבר־פעלדער. דאָ נישט ווייט — האָט דער מדריך געזאָגט, — האַלט זיך אויף דער שייך מיט זיין האַרעם ווייבער און אַרמיי קינדער. און ער דערציילט אונדז אַ מעשה, אַ קורצע אָבער אַ שיינע, וואָס קלינגט טאַקע ווי „טויזנט און איין נאַכט".

אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָט זיך דער שייך רואיק שפּאַצירט איבער זיינע פּאַשע־פעלדער. זאַרגלאָז שפּאַצירט און געקוקט מיט הנאה אויף זיינע פּאַסטעכער, וואָס טרייבן די טשערעדעס אַהיים און שפּילן דערביי אויף זייערע פלייטלעך האַרציקע, מזרח־ניגונים. ער זעט ווי פון פעלד, נאָענט פון זיין הויז גייט אַ פּאַסטושקע. אַ שיינע, יונגע פּאַסטושקע איז דאָס געווען.

גייט ער איר אַנטקעגן דער זעכציק־יאָריקער שייך, וואָס פילט נאָך כוח אין זיינע לענדן און זיין גאַנצער קערפּער איז קרעפטיק און בייגיק.

— פון וואַנען קומסטו? — פרעגט ער איר אַן צערעמאָניעס.

— פון די פעלדער קום איך.

— און וווהין גייסטו?

— אַהיים.

— קוקט ער אויף איר. זי איז שיין און יונג. און ער איז אַלט, אָבער די קראַפט שפּאַרט פון אַלע זיינע אברים. זעט ער ווי זי שטייט אַ פאַר־לאָרענע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. גיט עס דעם אַלטן בעדואינער שייך נאָך מער מוט און ער פרעגט איר אומגעקווענקלט:

— אפשר וועסטו מיט מיר חתונה האָבן?

— לאָזט זי נאָך מער אַראָפּ איר קאָפּ צו דער ערד. שטום שטייט זי אַקעגן אים און קיין ענטפער פון איר מויל קומט נישט.

— פאַרוואָס ביסטו שטיל געבליבן, שיינע מזרח־טאָכטער? — פרעגט ער נאָך אַ מאָל — צי האָסטו מיין פראַגע נישט פאַרשטאַנען?

— פאָטער מייבער, וואָס איז מיט דיר געשען? האָסטו מיך נישט דער־קענט? — האָט דאָס מיידל אויסגערופן מיט פאַרשעמטקייט אין די אויגן.

באר־שבע — אַ צענטער פון פאָרשונג און אינדוסטריע

נאָענט צו מיטאָג־צייט זענען מיר אָנגעקומען קיין באר־שבע. ווי אַ העל־ברוינער פלעק האָט די שטאָט פון דער ווייטנס אויסגעזען. נענטער צו האָט מען אָנגעהויבן זען הייזער, פאַרקן, קלענערע און גרעסערע בנינים, אַ שטאָט־שפּיטאָל. אַלץ — צעוואָרפן איבערן גאַנצן שטח. און אַרום און אַרום — סטעפּ.

באר־שבע רעכנט זיך פון די עלטסטע שטעט אין דער וועלט. זי ליגט אין אַ ברייטן פּרוכטבאַרן טאָל אַרומגערינגלט מיט מדבר. אַ סך אוצרות ליגן אין דער מדבר באַהאַלטן. עס ווערן אויך געפאָרשט די מעגלעכקייטן פון אַרויסבאַקומען וואַסער. דעריבער זיצן היינט צו טאָג דאָ אַ סך געלערנטע און פאָרשן. די רעזולטאַטן לאָזן לאַנג אויף זיך נישט וואַרטן. אַלע מאָל הערט מען נייע אַנטדעקונגען.

שוין אברהם אבינו, דער ערשטער „פאָרשער" — האָט דאָ געפונען וואַסער. באר־שבע האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע גילגולים, ווי אַ סך שטעט אינעם נאָענטן מזרח. עטלעכע מאָל פאַרניכטעט און צוריק אויפגעבויט געוואָרן.

די לעצטע הונדערטער יאָרן ליגט זי אין חורבות. וויסט און פּוסט איז אַרום איר געווען, ביז די קינדער פון צעשפּרייטן יידישן פאָלק האָבן צו־ריקגעקערט זיך אַהיים, צו זייער פאָטערלאַנד. די שטאָט פון אברהם אבינו איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרן. פון אַ קליין הייפעלע אַראַבער, וואָס האָבן פריער דאָ געוווינט און געלעבט אויף אַ פּרימיטיוון אופן, איז די שטאָט פון „זיבן ברונעמער" אויסגעוואַקסן צו אַ ישוב פון אַריבער 50,000 נפשות. און עס האַלטן אין איין צוקומען יידן. מען בויט אַצינד ווידער דירות פאַר 15,000 איינוווינער, וואָס דאַרפן זיך בקרוב באַזעצן. היינט פירן שוין פון דאַנען ברייטע אַספאַלט־וועגן קיין סדום און אילת. מיר באַזוכן עטלעכע פאָרשונגס־אינסטיטוטן. נישט ווייט פון די אינסטיטוטן וווינען די פראָ־פעסאָרן, אַסיסטענטן, טעכנישע געהילפן, סטודענטן. אַלע וווינען זיי אין באַקוועמע דירות מיט די מאָדערנסטע איינריכטונגען. 90 פּראָצענט פון די איינוווינער זענען עולים חדשים.

אויף די פעלדער אַרום דער שטאָט טרעפט מען נאָך אייניקע, האַלב־פאַרטריקנטע ביימלעך און געוויקסן. אַ בית־הקברות נאָך פון ערשטן וועלט־קריג. פאַראַן אויך יידן־קברים, אָבער קיינער ווייסט נישט קיין פּרטים פון די דאָזיקע יידן, וואָס האָבן אַ מאָל דאָ געלעבט און אויפגעהאַלטן דעם פאָדעם פון יידישן קיום אין דער אַלטער שטאָט. אין דעם ראַיאָן פון באר־

שבע האָט דער באַרימטער ענגלישער גענעראַל אלענבי, אַן אויפריכטיקער יידן־פריינט, העלדיש געקעמפט. זיין נאָמען טראָגט היינט איינע פון די שענסטע און צענטראַלסטע גאַסן אין תל־אביב.

און אָט — אַן ענדערונג אין דער נגב־פּאַנאָראַמע: בערג. גרויסע בערג און טאָלן. קוקסט, און אומהיימלעכע געפילן באַהערשן דיך. דאָס האָט דער דוחק אין וואַסער אַזוי טרויעריק־נאַקעט געלאָזט די בערג. נאַקעט און טרוקן, אָן אַ סימן פון געוויקס, פון לעבן.

מען זאָגט, אַז מיט טויזנטער יאָרן צוריק זענען דאָ געווען שטעט. מענטשן האָבן דאָ געלעבט. זענען געקומען די ווינטן, די בייזע מדבר־וויוגעס, אַנגעזאַמלט מיט צאָרן פון אַלע צייטן און אַלע דורות, און האָבן די איינ־ווינער פון דאַנען פאַרטריבן. זינט דעמאָלט „וואַקסן" חורבות, „בליען" רואינעס, ווילדע בערג און זאַמד. זאַמד, זאַמד. וויפל מענטשן־קינדער, וויפל גייסטיקע און מאַטעריעלע אוצרות באַדאַרף מען אָט די זאַמדן צו באַ־לעבן, אויפלעבן?

ווידער איז מען שוין אויסער באר־שבע. דאָס אויג ווערט מיד, צו זען די פּוסטקייטן, דעם אומהיימלעכן קאָליר פון די נגב־בערג.

איך ווייס נישט, ווען און ווי אַזוי — מיר געפינען זיך אין אַ טיפן אָפּגרונט, פון וואַנען מען קלעטערט באַרג־אַרויף. דער אָפּגרונט שרעקט. אָבער עס לאָקט, עס רייצט דאָס אומבאַקאַנטע, וואָס מען פירט דיך זען. און טאָמער, די שעה זאָל נישט זיין, דאָס בערגל גיט חלילה אַ ציטער?.. אפשר גאָר פון די דרייסיק יידישע פאַרציטערטע נשמות קאָן זיך דער באַרג דער־שרעקן? מיר קומען אַרויף אויבן, אויפן סאַמע שפּיץ. אין אַ ווינקל פון שפּיץ באַרג שטאַרטשעט אַרויס אַ מעכטיקער וואַסער־רעזערוואַר, געגאָסן פון בעטאָן. באַוווּנדערסט: רויע נאַטור און מענטשלעכע פראַצע.

אין די לאַבירינטן פון באַרג איז דאָ אַ קוואַל און ישמאל זאָל האָבן געטרונקען פון דעם באַרגקוואַל, ווען ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון זיין פאָטער אברהם צוזאַמען מיט זיין מוטער הגר, די עגיפּטישע טאָכטער.

— אפשר ווילט איר זען אונדזער פרעמיער־מיניסטער? — פרעגט

דער מדריך און ווייזט אָן אויף לינקס — דאָרטן ליגט שדה בוקר, איר זעט דעם גרינעם פלעק אין סאַמע מדבר?

צופוסנס פון באַרג איז דאָ אַ דערפל — כפר ירוחם. דאָרטן וווינען מינען־אַרבעטער. זיי זענען בעיקר באַשעפטיקט אין די בערג־געביטן.

מיר דערגענטערן זיך צום סאַמע אינטערעסאַנטסטן אָרט אין נגב — ע ב ד ת. אויף די רואינען פון „עבדת" האָט מען אַנטדעקט אַ שטאָט.

דער וועג־ווייזער הייסט אָפּשטעלן די מאַשין. אַלע גייען מיר אַרויס. די היץ איז דאָ נישט צום איבערטראָגן. אָבער ווער מיר היץ, כוח, מורא, אַז עס האַנדלט זיך וועגן זען אַ שטאָט, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אויס־געגראָבן געוואָרן.

מיט העכער צוויי טויזנט יאָר צוריק איז זי געגרינדעט געוואָרן דורך די נאָבאַטן. טויזנט יאָר שפּעטער איז זי חרוב געוואָרן. און אַצינד — תחית־המתים אויפגעשטאַנען. אַנגעהויבן דעם באַזוך האָבן מיר פון די טיפע היילן, פון דעם ביזאַנטישן פּאַלאַץ, וואָס האָט אין זיבעטן־אַכטן יאָר־הונדערט נאָך טיילווייז עקזיסטירט. דאָ איז געווען דאָס ווײַן־אָרט פון מלך עבדה דער צווייטער. זיין קבר, וואָס געפינט זיך אין איינעם פון די היילן, איז פאַר יאָרהונדערטער געווען אַ הייליק אָרט, ווו מדבר־שבטים זענען עולה־רגל געווען. אין די קעלערן און היילן זענען געווען באַהאַלטן אַ סך טייערע ווײַנען, די בעסטע קעניגלעכע געטראַנקען. ווינטער איז דאָ געווען וואַרעם און זומער, אין די גרויסע היצן — קאַלט, געפּרווירן צו ווערן. רופט מען טאַקע היינט דאָס אָרט: „פרידזשידערס פון נאָבאַטישן קעניגלעכן פּאַר".

אַרויסגייענדיק פון די היילן, קומען מיר אַריין אין אַ גרויסן „הויף" — אַ גאַנצער געמאַרק מיט בנינים און געביידעס, גאַסן, הינטערגעסלעך, וועגן און סטעזשקעס: אַ שטאָט, ממש, מיט אַן אויסטערלישער לאַנדשאַפט. אין אָט דעם מאַרק געפינען זיך רואינעס פון גאַנצע דריי שטעט. ווי עס פאַר־זיכערן אַרכעאָלאָגן, זאָלן האָבן אין זיי געוווינט אַכט טויזנט נפשות. לויט דעם געבוי איז נישט שווער צו דערלערנען די צייט, די תקופה. מיר גייען פאַרביי אַ שמאָלן גרוב, ווי אַ קאַנאַל. דאָ האָט מען געפונען דריי סקעלעטן.

צוויי פון זיי — צוזאַמענגעלייגט. איינער נעבן אַנדערן. מען נעמט אָן — אַ קעניגלעכע פּאָר. אַזוי גייט מען פון רואינע צו רואינע. מיר געפינען זיך פיר הונדערט מעטער די הויך. אין איינער פון די הויכקייטן איז איינגע־מויערט אַ טאָוול פון מירמלשטיין. אויף אים איז אויסגעקריצט מיט אַ שריפט, וואָס די אַרכעאָלאָגן האָבן דעשיפרירט. דאָרט ווערט דערציילט, אין וועל־כער צייט די מענטשן האָבן געלעבט, מיט וואָס זיך באַשעפטיקט, ווי אַזוי דער לעצטער קעניג האָט געלעבט און דעם טאָג פון זיין טויט.

אָט איז אַ שטיין, וואָס זאָל האָבן געווען אַ מזבח. די נאָבאַטן זענען געווען אַ סעמיטיש פאָלק. זיי האָבן דאָרט אויפגעשטעלט אַ מלוכה, וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע הונדערט יאָר. די הויפּטשטאָט זאָל האָבן געווען פּ ט ר ה (פּעטראַ), וואָס געפינט זיך היינט אין עבר־הירדן. אויף דער דאָזיקן רויטן פעלדז, סלע האדום — געפינען זיך רעשטן פון בנינים, וואָס דערציילן פון הויכן ניוואָ פון דער דעמאָלטיקער בוי־קונסט.

מיט די אַרבעטן פון דער אַנטדעקטער עבדת פירט אָן אַ חבר פון שדה בוקר. די אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט ביי די אויסגראָבונגען זענען ס׳רוב נייע עולים און ווינען נישט ווייט פון עבדת.

מיטאָג האָט מען געגעסן אויף אַן אָפּשטעל־סטאַציע, וואָס אויפן סאַמע שפּיץ פעלדז, אַ האַלבע שעה רייזע פון עבדת. אין דרויסן איז קאַלט געווען. אַ שטורעם־רעגן און שטאַרקע ווינטן האָבן געשמיסן דעם פעלדז אָן רחמנות.

אינעווייניק, אין רעסטאָראַן, איז געווען וואַרעם און אָנגענעם. מחיה־דיקע ריחות פון געשמאַקע מאכלים האָבן אונדז אַרומגענומען. דורך גרויסע און ברייטע רעסטאָראַן־פענצטער האָט מען ערשט אויף אַן אמת געזען די שרעקלעכע תהומען פון אונטערן שפּיץ באַרג, די אָפּגרונטן, וואָס וואַרפן אָן אַ פּחד.

דער רעגן און האָגל איז נאָך שטאַרקער געוואָרן. געקלאַפּט אין די שויבן און אין אַזבעסט־דאַך פון רעסטאָראַן. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז נחש תיבה האָט אַזוי געמוזט אויסזען. — אַ קעלט איז מיר אַדורך איבער די ביינער.

דער גרויסער נאַטור־פענאָמען

נאָכן מיטאָג זעצט מען זיך צוריק אַריין אין אויטאָבוס. מען פאָרט. עס רעדט זיך אַזוי „פאָרן". דורכן פענצטערל זע איך (און פיל) ווי די שווערע מאַשין סאָפעט. קיין וועג זעט מען נישט. נאָר אַ באַרג־רוקן און... די מאַשין. אַ וווּנדער, גאָטס וווּנדער ממש, ווי אַזוי דער אויטאָ פאָרט אין באַרג, איז דען מעגלעך, עס זאָל קיין אַנדערער, בעסערער וועג נישט זיין? ווי אַזוי דען קאָן דאָ זיין לעבן? ווי אַזוי קומט מען אהער טאָג־טעגלעך צו דער אַרבעט און מען פאָרט אַהיים. מען קומט דאָך פאָרט אַהיים... און צי וועלן מיר אויך אַהיימקומען?...

— יידן, לאָמיר תשובה טאָן. זיין גוט און וויל — זאָגט האַלב־וויצלדיק, האַלב־ערנסט דער ליטוואַק.

— און וואָס איז דאָס פאַר אַ טאָל? — פרעגט אַ צווייטער.

דער טאָל הייסט אויף עברית „מכתש", אָדער קעסל־טאָל. גאָר היימיש־לעך קאָן מען אים אָנרופן „שטייסל". אינטערעסאַנטע געשיכטעס קאָן מען וועגן דעם באַרג און טאָל דערציילן. דער דאָזיקער באַרג און נאָך איינער, וואָס אָנטקעגנאיבער דעם טיפן אָפּגרונט — זענען אַ מאָל (מיט עטלעכע מיליאָן יאָר צוריק) געווען איינער. אין זיינע אינגעווייידן האָט ער געהאַט כל מיני מינעראַלן: גראַניט, ווערטפולן האַרטן שטיין, זאמד־מאַטעריאַלן. במשך פון מיליאָנען יאָרן האָבן שטורעמווינטן „געשווענקט" און „געוואַשן" דעם באַרג, אים ווייכער געמאַכט ביז ער האָט זיך געשפּאָלטן אויף צוויי טיילן. שפּאַלטנדיק זיך, האָט זיך געבילדעט דער מכתש, וואָס איז אין אָנהייב געווען אַ פייערדיקע לאַווע. אויף קנאַפּע פערציק קילאָמעטער האָט זיך דער ווולקאַן־אויסברוך געשפּרייט.

איך כאַפּ דערווייל אַ קוק אויפן „שטייסל", ווו נישט נאָר אונדזער פסחדיקע מצה וואָלט דאָ צעריבן געוואָרן... און דער פחד ווערט נאָך גרעסער.

און וווּנדערלעך: אין מיטן דער שרעק האָב איך דאָך מיינע אויגן נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דער נאַטור־שיינקייט. פּרעכטיקע פאַרבן פון שטיין־ווענט און טרעפּ, וויפל סאָרטן טרעפּ, קאַרבן און פאַלדן, וואָס שעמערירן

ממש מיט אַזאַ פֿאַרבן־רייכקייט: סאַראַ שטיין־סימפֿאָניע, וואָס די צוויי צעהאַלבטע בערג גיבן אַרויס, — פֿון וואַנען נעמט זיך אַהער די פֿאַרבן־רייכקייט? — האָט נאָך אין זינען עמעצער צו פֿרעגן. יהושע דער מדריך קלערט אויף:

— פֿאַראַן אין די בערג אויך רוי־שטאָפֿן: קעראַמיק, גלאָז, אייזן, גיפּס, אַ מין מעטאַל, וואָס צעשמעלצט זיך אין אַ טעמפּעראַטור פֿון 3.380 גראַד צעלציוס און קאָן, אַ דאַנק אַזאַ הויכער רעזיסטענץ, גענוצט ווערן פֿאַר עלעקטרישע דראָטן, עלעקטרישע לאָמפּן און רענטגען־אַפּאַראַטן. שיכטנווייז ליגט דאָס געפּרעסט. יאָרטויזנטער האָבן זיי אַדורכגעמאַכט אַ פֿאַרשמעלצונגס־פּראָצעס און דערפֿון שאַפֿן זיך די דאָזיקע קאָלירן און פֿאַרבן.

צוריק פֿון באַרג, האָבן מיר אָנגעטראָפֿן אויף אַ קליין שטעטעלע, וואָס איז סך הכל אַלט פֿינף יאָר. דאָ וווינען טאָקע די, וואָס אַרבעטן אַרום מכתש. מ צ פּ ה ר מ ו ן ־ הייסט דאָס שטעטעלע — אַ קליינער, גרינער פֿלעק אין מדבר.

*

דוכט זיך שוין אַלע וועג־שוועריקייטן בייגעקומען. אונדזער אויטאָבוס גליטשט זיך שווערלעך, אָבער גוט, אָן שום שטרויכלונגען. דער וועג איז אַ שמאָלער און גלייכער. ער זעט אויס ווי אַ קאָרידאָר צווישן בערג, אַ ביסל אַנדערש ווי, למשל, אין גליל, אָפּגעזונדערט זענען דאָ די בערג איינער פֿון צווייטן. עס שוועבט פֿאַרביי אַ באַרג, וואָס זעט אויס ווי אַ מעכטיקער טאָרט און זיין קאָפּ איז באַדעקט מיט אַזאַ מין „קרעמאַ־רוסאַ״ אָדער ברוי־נעם שאָקאָלאַד־צודעק. יעדער באַרג איז דאָ ווי אַ וועלט פֿאַר זיך, לעבט אין — יחוס עצמו. אָט ליגט איינער אין מיטן פֿון פֿעלד, גלייך ווי דער רבונו של עולם האָט אים ווי פֿון הימל אַראָפּגעוואָרפֿן, אָדער ווי ער וואָלט פֿון דער ערד פּלוצעם אַרויסגעוואַקסן. און די זון? אָט האָט זי געשיינט און פּלוצעם אַ כמאַרע אָנגעיאָגט. אַ נעפּל לאָזט זיך איבער אונדז אַראָפּ. מיר שטעלן זיך אָפּ. עס איז טונקל. פֿינצטער אין מיטן טאָג. און די בערג, ווי מיט זייער „געמיטלעכקייט״ און רואיקייט וואָלטן צו אונדז אין דער „געוואָרענער נאַכט״ געשמייכלט מיט חוזק: „סאַראַ פּחדנים איר זענט, מענטשן, אויף

האַקן, בראַקן, טעסען אונדזערע רוקנס זעגט איר העלדן, אָבער ווי נאָר איר דערזעט אַ קליין כמאַרעלע — דערשרעקט איר זיך״.

דער נהג — אַ מומחה אין זיין פאַך — פּאַרפּירט אַ שלאַכט מיטן נעפּל. מיר קומען ענדלעך אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין. נאָר מחמת עס איז שוין געווען פאַרנאַכט, האָט די זון אָנגעהויבן פראַווען אירע אַלטע שטיק... אָט איז זי אַ פייערדיקער ראָד, וואָס באַהאַלט זיך אונטערן באַרג. און אָט קריכט זי שטיפעריש אַרויס און פאַררוקט זיך זייטיקלעך אונטער זיין רוקן. מיט אַ מאָל — גיט זי זיך אַ שטעל ווערטיקאַל איבער זיין שפּיצקאָפּ: ווערט פלוצעם דערשראָקן, בלאָס און געל, ווי די טאָלן צופוסנס פון די הויכקייטן. עס גייט אָן אַ געיעג צווישן דער געל־דערשראָקענער זון און אונדזער אויטאָבוס: ווער וועט פריער קומען קיין אילת? דאָס גרויסע טאָג־ליכט, צי די 30 יידן?..

דער יידישער ניגון הילכט אָפּ אין עק וועלט

אַרויסגעפאָרן פון תל־אביב זענען מיר אין דער פרי, פאַר זון־אויפגאַנג. און איצט האַלטן מיר שוין ביים זון־פאַרגאַנג. באַלד, באַלד דערנעענטערט זיך דער אָוונט אויפן ווייטסטן דרום פון יידישן לאַנד. בין־השמשות־שטימונגען הייבן אָן נאָגן... דעמערונג אין מענטש. דעמערונג אויף די האָריזאָנטן.

האָט דאָס דאָזיקע דערשנאַפּט, ווייזט אויס, אונדזער וועגווייזער. ער דערשפּירט, אַז עפּעס ווערט קאַלעמוטנע אין אויטאָבוס, טראַכט ער נישט קיין סך און פאַרציט אַ ניגון. אַן אַמעריקאַנער „שלאַגער״ — אפשר וועט דאָס אַ ביסל אויפמונטערן זיינע מידע פּאַסאַזשירן? זענען אָבער אַלע גע־בליבן גלייכגילטיק און קאַלט ווי פריער. האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ ישראל־לידל. איז עס ווידער נישט געגאַנגען. קיין וואַזשנע שטימע האָט ער נישט דער מדריך. שטאַרקעט ער דעם חבר־נהג ער זאָל אים אַרויסהעלפן.

ער גיט אַ ברום, דער חבר־נהג, אַז עס איז מחיהדיק צו הערן. דאָס ברומען ווערט שטאַרקער, העכער. עס גייט איבער אין אַ וווּנדערלעכן, אָנ־

געגעמען, מתיקותדיקן געזאַנג. און אָט — דאָס צווייטע ווונדער: אין איין האַנט האַלט ער דאָס רעדל און אין דער צווייטער — אַ האַרמאָנקע. די טענער פאַרגייען זיך אַזוי טיף און מעכטיק, אַז עס גיט אַזש אַ ציפּ ביים האַרצן. ווייטער פירן די מאַשין איז שוין, קאַנטיק, פאַרן צעזונגענעם סאַברע געוועז אוממעגלעך.

דער מדריך נעמט איבער דעם רודער. און דער נהג — אַ סאַברע פון דריטן דור — שטעלט זיך פּנים אל פּנים צו זיינע ברידער פון אַלע גלותן און — ווער מיר ענגליש, פראַנצויזיש? ער גיט זיך אַזוי יידישלעך אַ דריי, צעעפנט דעם קאָלנער פון זיין טונקעלער אַרבעטס־בלוזקע און גיט אַ זינג אויף „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען". ער זינגט מיט געמיט, מיט געפיל. אַלע פאַסאַזשירן גיבן זיך מיט אַ מאָל ווי אַ וועק אויף פון זייער פאַרדרימלטקייט: אַלע מיט איין מאָל האָבן אין אַ כאָר זיך צעזונגען. ער גייט איבער פון איין יידיש ליד צום צווייטן, אַ קראַנץ פון יידישע פאָלקס־לידער ניגונט אויף און דאָס האַרץ גייט אויף פאַר פרייד. ביים פאַרענדיקן די לעצטע דריי לידלעך: „דאָס לעבן איז אַ חלום", „קינדער־יאָרן" און „אַ בריוועלע דער מאַמען" — שטעלן זיך אַלע אויף און נעמען אַפּלאָדירן. פּאַטשן מיט די הענט און טופּען מיט די פיס.

פרויען און מענער, וואָס האָבן פריער אויסגעזען פרעמד און ווייט איינער פון צווייטן, ווערן פאַרהיימישט דורך פריידיקע אויסגעשרייען: נאָך, נאָך. אייניקע קאָנען זיך נישט באַהערשן און גייען צו צום שיינעם בחור און דריקן אים די האַנט, קלעפּלען איבער דער פּלייצע און פרעגן פאַרוווּנדערט:

— פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ? ווער האָט דאָס דיר אַזוי געלערנט?

— נישט אַנדערש, ווי אַ גילגול פון אַ ניגון — שרייט מיר אַריין אין אויער מיין שכן, דער ליטוואַק.

דער עולם איז צעוואַרעמט. ביי אַ סך פרויען באַווייזן זיך טרערן אין די אויגן. איך כאַפּ פון זייט אַ קוק אויפן פּראָפעסאָר: אויך ער איז מלא פרייד. ער זינגט אויך, זע איך, זינגט בלחש. אַוועק פון אים די פאַר־

דייטשטע שטייפקייט. זיין פעטלעך באַברילט פּנים שמייכלט ווייך, יידיש־לעך. אין זיינע אויגן פינקלען טרערן.

— ווי איך בין אַ ייד, ער ווייגט — מאַכט צו מיר ווידער דער ליטוואַק.

— נישט צו דערשאַצן אַ יידיש האַרץ — ענטפער איך.

ערשט איצט האָט זיך אָנגעהויבן די דערנענטערונג צווישן די פרעמדע און אָפּגעפרעמדטע יידישע פּאַסאַזשירן. יאָ, איצט, נאָכן פאַרענדיקן די האַרציקע יידישע ניגונים, האָבן זיך אויפגעבונדן די צינגער פון איינעם צום אַנדערן:

— ווער זענט איר?

— פון וואַנען קומט איר?

— נו, ווי געפעלט אייך דער היינטיקער שפּאַציר? ;

יידיש לשון, יידיש ליד? וויפל כוח און פאָלקישע גבורה איז אין אייך באַהאַלטן? ווי מעכטיק שטאַרק איז אייער פאַרבאָרגענער כוח?

*

ווי נאָר מיר זענען אַריבער די צעעפנטע באַריערע־טויערן און אַריין אין די קופּער־געביטן, האָט מען אָנגעהויבן פילן אַ בייסעניש אין נאָז. עס האָט געקיצלט אין די נאָזלעכער ביים אָטעמען. דאָס איז פון קופּער־שטויב, וואָס פילט דאָ אָן דעם חלל — האָט דער מדריך אונדז באַרואיקט מיט זיין „אַריינפיר־וואָרט". — רבותי, כאַפּט אַ קוק דאָ אויף רעכטס, אָט איז אונ־דזער „אַטאָמישער סובמאַרין" — זאָגט ער און ווייזט אָן אויף די גראַניטענע בערג. ווי בראָנדזענע פיגורן זעען זיי אויס. פיגורן, געשניצט און געטאָקט פון גרויסן וועלט־מייסטער. שטיי איך אַזוי און האַלט אַ שטויבעלע רויטן זאַמד אויף מיין האַנט־פלאַך, רייס אַרויף מיינע אויגן צו די מעכטיקע בערג־קאָלאָסן און זאָג צו זיך:

— בן־אדם, שלמה המלכס אור־אייניקל, וואָס איז געבוירן ערגעץ ווייט פון דאַנען; בן־אדם, פון קליינעם פוילישן שטעטל ביים „בוג", צי הערסטו, וואָס די בערג דערציילן?

... מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָט מען אונדז געטעסעט, געבויערט, אויפגעריסן אונדזערע איינגעווייד און מיר זענען נאָך גרויס, מעכטיק און

אַזוי רייך מיט אוצרות. וואָס שווייגט איר? — וואָס שטייט איר מיט פאַר־לייגטע הענט? — דאַכט זיך, רעדן צו מיר די בערג, די שטומע עדות פון אַזאַ גלאָררייכער יידישער פאַרגאַנגענהייט...

— פון וואַנען האָבן זיך גענומען די אַלע דורכגענג, די שפּאַלטן, וואָס טיילן אָפּ איין שטיין־זייל פון צווייטן? — האָט דער ליטוואַק אַ פרעג געטאָן.

— דאָס האָבן אוודאי אַזוי אויסגעאַרבעט שלמהס שקלאַפן — האָט גע־ענטפערט דער פּראָפעסאָר.

— ניין, אַדון פּראָפעסאָר — האָט זיך אָנגערופן אַ דריטער — די אַלע דורכגענג, עפענונגען, זענען זיכער אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנג־דויערנדיקן פּראָצעס.

— אַ גרויסער מלך געווען אונדזער שלמה — האָט עמעצער זיך אַריינ־געמישט און דער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן.

— ער האָט געקאָנט נישט נאָר ענטפערן אויף אַלע פראַגן וואָס די מלכה שבא פון האַלי־סעלאַסי־לאַנד האָט אים געשטעלט — איז יענער ממשיך — נאָר אויך געקאָנט און געוווּסט ווי אַזוי אויסצונוצן די נאַטור־אוצרות פון לאַנד פאַרן וווּל פון לאַנד און פאָלק.

מיר קומען אָן קיין תמנע. דאָ זענען אינסטאַלירט די מאָדערנסטע מאַשינען. פריער ווערן געהאַקט די ברוין־רויטע שטיינער, וואָס פאַרמאָגן פאָספאָר, קוואַרץ, קופּער. דערנאָך ווערן די שטיקער צעמאָלן אויף דינעם מיאָל. דער מיאָל ווערט אַריינגעשיט אין אַ ריזיקן בעטאָן־בעקן. דאָרט ווערט דער שטיין־שטויב געמישט מיט אַ פליסיקייט, וואָס האָט אין זיך שוועבל און זויערשטאָף. נאָך אַ לאַנגן קאָמפּליצירטן פּראָצעס פון איבערגיסן, שווענקען, וואַשן און קאָכן — קומט אַרויף אויף דער אויבער־פלאַך פון דעם ריזיקן בעקן אַ פעטער שיכט — ווי אייל אויף וואַסער — און מיט דער הילף פון שוועבל־זויער ווערט דער אויבערשטער שיכט גלייך אַראָפּגענומען. ער איז דאַן אין אַ פליסיקער פאָרעם. די פליסיקייט ווערט גלייך געגאָסן אין ספּעציעל צוגעגרייטע פאָרמען און עס באַקומט זיך — ריינער קופּער. פאַראַן דערביי — דערווייסן מיר זיך — אַ סך פּאַטענטן, סודות און חכמות וואָס יידישע מוחות טראַכטן צו, כדי וואָס פּרעציעזער

און פּולקאָמער צו מאַכן די אַרבעט. נאָר דאָס ווילן מיר איבערלאָזן פאַר די עקספּערטן. — זאָלן זיי ווייטער און טיפער גיין מיט זייערע פּאַרטלען און אויפטוען פאַרן ווייל פון לאַנד און פאָלק ישראל.

עס ווערט פינצטערלעך. די נאַכט פאַלט צו דאָ כהרף עין. קיינער פון אונדז האָט זיכער נישט בדעה דאָ צו נעכטיקן. און ווי דער מדריך וואָלט פאַרשטאַנען אונדזערע טראַכטונגען, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— יידן, מיר פאָרן ווייטער, די מאַשין וואַרט אויף אייך.

מען זיצט שוין אין אויטאָבוס אויפן וועג קיין אילת. איך קוק זיך צו פון ס'ניי צו מיינע מיטפאָרער. נישט צו דערקענען זיי. אין דער פרי — אַזעלכע פרישע, אויסגעפּוצטע, אין ספּאָרט־קליידער און פיין פאַרקעמטע. און איצט — פאַרשטויבטע און אויסגעשמירטע. מען הוסט און מען ניסט. מען רייבט זיך די אויגן פון שטויב און זאַמד, וואָס קלעפּט צו די פּנימער. ווי גרימירטע, ווי פּורים־שפּילער זעען אַ סך אויס. די פרויען קוקן אין די שפּיגעלעך, וואָס זיי נעמען אַרויס פון זייערע האַנט־טאַשן. די מענער? — איינער שפּיגלט זיך אין צווייטן...

דער נהג גיט ווידער אַ פאַרצי אַ לידל — דאָס מאָל אין העברעאיש — „העי דרומה" און עס ווערט צוריק פריילעך אויפן האַרץ.

פאַרנאַכט איז מען אָנגעקומען קיין אילת. אַראָפּ פון אויטאָבוס, איז אונדז, וואָס אַן אמת, באַפאַלן אַ מידקייט. עס האָט זיך געוואָלט אַ ביסל רוען. רוען און, ווי דער שטייגער, עפּעס איבערכאַפּן אַ פרישן ביסן, אַ טרונק. יהושוע דער מדריך האָט אַלעמען באַרויקט: — אילת ליגט טאַקע ביי עק וועלט, אָבער קיין העק איז עס נישט.

איידער וואָס ווען, כאַפּ איך דערווייל אַ קוק אויפן ים. ער גלאַנצט פון דער פאַרגייענדיקער זון און אַן איינגעהאַלטענע, מנוחהדיקע שטיל־קייט איז אויף אים געווען אויסגעגאָסן. ער רוט איצט, דער אילתער ים, ער גייט שלאָפן... איך בין אים מקנא געווען... עס ווילט זיך צולייגן אויפן ברעג ים און רוען. אָבער ניין, שווער אַצינד צו רוען. דו פאַרגעסט אין שלאָף, אין דער מידקייט, וואָס מאַטערט. דאָס געמיט ווערט אויפגעטרייסלט, צע־רודערט: איז טאַקע אמת, אַז דו טרעטסט אויפן באָדן, וווּ עס איז פאַרגע־

קומען די גרויסע, אוניווערסאַלע, יידישע דראַמע ?.. דו שטייסט פאַר־גאַפט אין דעם בין השמשות — און טראַכסט : ...„ביי די ברעגעס פון ים־סוף איז אויסגעבלוטיקט געוואָרן דער יידישער, געשיכטלעכער גורל. דאָ איז פאָרגעקומען דער איבערגאַנג פון עבדות צו חרות״.

אילת ביינאַכט

געזעגט געווען דער מדריך : אילת איז נישט קיין העק. פאַראַן דאָ האָטעלן, רעסטאָראַנען, קינאָס און פאַרווײַלונגס־הייזער. אילת איז אַ האַפן־שטאָט. זי וואַקסט ווי אויף הייוון. און זי וועט נאָך וואַקסן. אַ גרויסע צוקונפט דערוואַרט דער שטאָט. דערווייל איז זי נאָך קליינשטעטלדיק, אידי־ליש, היימישלעך. און דאָס געפעלט מיר גראָד. דער האָטעל, ווו מיר שטייען איין, איז אַ ניי־געבויטער, לויט דער לעצטער מאָדע. פאַרמאָגט אַלע נייטיקע איינריכטונגען און באַקוועמלעכקייטן. נישט געקוקט אויף דער מידקייט, האָט מען נאָכן נאַכט־עסן זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבער די גאַסן און צום ברעג ים.

צו פיל ביים ברעג דרייען זיך, האָט מען אונדז נישט געראַטן... אויסער דעם, האָבן אויך די שילדלעך מיט רויטער שריפט : „סכנה״, „סכנה״, — נישט געמאַכט צו היימלעך אויפן האַרץ... גיי ווייס דעם שכל פון אונדזער ים־פערספעקטיוו...

האָבן מיר זיך געלאָזט צוריק אין שטאָט אַריין. צו אונדזער גרופּע איז צוגעקומען אַ 24־יאָריקער בחור פון דרום־אַפריקע. געקומען איז ער לערנען אויף דער העברעאישער אוניווערזיטעט. אין צווישן האָט ער געמאַכט אַ שפּאַציר קיין אילת און איז דערווייל דאָ פאַרבליבן ווינען. דער „דער־ווייל״ דויערט שוין אַזוי צוויי יאָר.

— וואָס זיצן און קוועטשן די באַנק, ווי מיין טאַטע אין דער סלאָבאָד־קער ישיבה ? מיין אַרט — מאַכט ער — איז דאָ. דאָ קאָן מען נאָך עפּעס אויפטאָן.

— וואָס זאָגט אייער פאָטער דערצו — פרעגט אונדזער ליטוואַק.

— וואָס זאָל ער זאָגן? אַ קניפּ אין בעקל וועט ער מיר, מסתמא, דערפאַר נישט געבן. ווי אַלע טאַטעס, חלומט ער נאָר פון אַ זון אַ דאָקטאָר, אַן אינזשיניער. מיר שפּאַצירן אַלע צוזאַמען. ער איז אַ היגער. ער קען יעדע גאַס און אָרט. ער איז פאַרליבט אין אילת. ער רעכנט אונדז אויס אַלע פּלענער, וועלכע זענען שוין צוגעגרייט צו פאַרוואַנדלען אילת אין אַ גרויסער האַפן־שטאָט מיט אַ באַפעלקערונג פון נישט ווייניקער ווי 60 טויזנט איינוווינער.

— און פּרנסה? — גיט ווער פון דער חבֿרה אַ פרעג.

— ביי פּאָרט־אַרבעט, נאַפט־אונטערנעמונגען, ביי שטיין־האַקעריי, פּאָלירן מירמל־שטיינער און ביי ברען־אויוונס פון קאַלך — גיט ער אַ רעכן אויס אַ צעטל מיט פּראָדוקציע־צווייגן.

— נו, און פון די 60 טויזנט לאָזט איר גאָרנישט נאָך?

ניין, ער גיט נישט נאָך. ער איז טאַקע, זאָגט ער, פון דרום־אַפריקע, אָבער זיין טאַטע איז געווען אַ ליטוואַק. און די ליטוואַקעס זענען איינגעשפּאַרטע.

—אָבער וואָס עפּעס ביי די קאַלך־אויוונס — האָט אונדזער היימישער ליטוואַק אָפּאָנירט. — ער איז דאָך עפּעס אויך פון ליטע־לאַנד...

— די קאַלך־אויוונס פון אילת וועלן אונדז לייטערן און אויסהיילן פון דער גלות־פּסיכאָלאָגיע — האָט ער ערנסט און מיט הארץ פאַרענדיקט.

— ווי אַזוי וועט דאָס פּאַסירן געשען?

— גאַנץ פּשוט: אויב מיך, אַ רייכן טאַטנס זינדל, האָט געקאָנט ברענגען אַהער, פאַר וואָס זאָל דאָס נישט געשען מיט טויזנטער אַנדערע יידישע קינדער? אַזוי ליב האָט מען אונדז צווישן גויים?..

לאַנג צו שפּאַצירן איז נישט געווען קיין כוח. די גרופּע האָט זיך צעטיילט. אַ טייל איז אַוועק אין אַ קאַפע־הויז, אַ טייל — אין האָטעל אַריין.

*

פאַרן שלאָפן גיין בין איך נאָך אַרויס אויף דער טעראַסע פון האָטעל. דעם גאַנצן ים האָב איך פאַר זיך געזען. אַלע שטערן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט

אין די שטילע, דרימלענדיקע נאַכט־כוואַליעס. אַ וועלט פון כולו רו און שיינקייט האָב איך פאַר זיך געזען. איך האָב שוין לאַנג אַזוי גוט נישט געשלאָפן, ווי די ערשטע נאַכט אין אילת.

אילת אין פרימאָרגן

אויפגעהויבן כעלות השחר און זיך געבאָדן אין די וואַסערן פון רויטן ים. דערציילט מיר איינער פון דער גרופע, אַ ייד פון בעלגיע, וואָס האָט דאָ אַ זון אין קיבוץ, אַז די נאַכט האָט ער פאַרברענגט צווישן יידישע מאַטראָסן. ער איז מיט זיי געווען אין אַ קאַפע־הויז. האָבן ליב — זאָגט ער — צו מאַכן אַ כוסה, ווי אַלע מאַטראָסן אויף דער גאַנצער וועלט, זענען זיי פריילעכע בחורים, זינגען לידער און קאָנען גוט אַרבעטן. אַלע, אַלע מאַט־ראָסן, פון דעם קעסל־הייצער ביזן קאַפּיטאַן — ווילע און דרייסטע בחורים.

אונדזער אויטאָבוס איז שוין ווידער גרייט אין וועג אַריין. מיר גייען אַריין, פאַרנעמען פלעצער און לאָזן זיך לענג־אויס דעם ברעג ים.

— ביז דער עגיפטישער גרענעץ, ס׳הייסט, קריכן גלייך דעם לייב אין מויל אַריין — גיט אַ זאָג דער ייד פון בעלגיע.

— ער איז שוין ווייט נישט קיין לייב, און קיין ציין האָט ער אויך נישט — ענטפערט יהושוע דער מדריך.

נייע בילדער פאַר די אויגן. פון ביידע זייטן ברעג — וואַסער. פאַרנ־דיק צו דער מצרישער גרענעץ, קומען די בערג אויס רעכטס און דער ים — לינקס. שטייען די בערג אַזוי שטאָלץ. צופוסנס געפינען זיך די פעטראָל־מאַגאַזינען, אגב, נאָענט פון פאָרט, וווהין מען ברענגט דאָס גרינלעך־שוואַרצע פּליסיקייט.

האַרט ביי די ברעגעס זענען אויסגעבויט די פאַבריקן, וואָס באַאַרבעטן די מאַרמאָר־ און גראַניט־שטיינער. גיגאַנטישע מאַשינען געפינען זיך דאָ מיט מעכטיקע זעגן, מעסערס און ריזיקע דלאָטן. אַלץ באַוועגט עלעקטרישער שטראָם. יידישער מח און כוח ליגט דאָ. יידישער געניוס אין פאַרמעסט מיט די אוראַלטע, גראַניטענע שטיקער בערג, וואָס ווערן דאָ כחומר ביד היוצר.

פאַראַן ספּעציעלע מאַשינעס, וואָס פּוצן און פּאָלירן די פלאַכן פון די שטיינער, וועלכע ווערן גענוצט נישט נאָר אין לאַנד, נאָר ווערן אויך עקס־פּאָרטירט אין פאַרשיידענע לענדער. נאָך אַ לאַנגן, דורותדיקן שלאָף ווערן איצט די בערג באַאַרבעט פון יידישע שטיינהאַקערס און פּאָלירערס.

— נו, גיי גלייב נישט אין ציוניזם — גיט זיך, נישט מיר נישט דיר, אַ זאָג דער ליטוואַק.

— ווי קומט דאָס צו ציוניזם? — ענטפערט אים דער בחור פון דרום־אַפריקע, וואָס באַגלייט אונדז היינט אויפן שפּאַציר — דאָס איז נייע יידישע געשיכטע, וואָס ווערט געשריבן מיט דער גבורה פון יידישע אַרבעטער און יידישער גאונות.

— און ווו איז געווען באַראַכאָוו מיט זיין פּאָרויסזעאונג וועגן דער ראָל פון יידישע אַרבעטער אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם? — מישט זיך אַריין דער ייד פון בעלגיע.

— יידן — רופט זיך אָן דער בחור צו די צוויי דיסקוטאַנטן — די אַלע טעאָריעס זענען זייער שיינע, אָבער שענער איז די היינטיקע יידישע ווירקלעכקייט.

מיר פאָרן דערווייל ווייטער. דער וועג איז אַן אָנגענעמער און רואיקער.

— סטאָפּ: מיר געפינען זיך ביי דער מצרישער גרענעץ. מען דאַרף פאָרן אַ ביסל אויף צוריק — מעלדעט מען אונדז.

— ווער עס וויל צוריק אַ שקלאַף זיין — קאָן דאָ אין מצרים אַריין, זאָגט דער מדריך צום גראַם.

עבדים היינו לפרעה במצרים — האָט אַ זינג געטאָן אין אַלטן הגדה־נוסח דער ליטוואַק, בעת אונדזער מאַשין האָט זיך שוין אויסגעדרייט אויף צוריק.

הינטער אונדז האָט געטונקלט דער ים. פאַסן שאָטנס פון די בערג האָבן אים ווי מיט שלייערן באַדעקט.

אין יאָר 1949 האָט אילת, וואָס האָט נאָך מיט אַ יאָר פריער געהייסן אויף אַראַביש אומראַשראַש, פאַרמאָגט קוים דריי ליים־הייזקעס און אַ פּאָ־

ליציי־סטאַציע. אין דעם זעלבן יאָר האָבן צוויי בריגאַדעס פון צה״ל, אונ־טער דער אָנפירונג פון יגאל אלון, דער היינטיקער אַרבעטס־מיניסטער, געפירט דעם קאַמף פאַר אילת. אין מאָמענט, ווען די שטאָט איז גענומען געוואָרן, האָט ער צו וויסן געגעבן בן־גוריונען, אַז „די יידישע פאָן פלאַטערט ביים טויער צו דער ברייטער וועלט״. צו מאָרגנס האָט שוין דאָס גאַנצע לאַנד געוווּסט, אַז אילת איז אין יידישע הענט. דערמיט איז אָבער נאָך נישט דערגרייכט געוואָרן די פולע באַפרייאונג פון דעם געביט. ביז 1956 איז דער טייל ים — דער ים־סוף — נאָך נישט געווען פריי פאַר יידישע שיפן און דער אַריינפאָר צום דרום פון מדינת ישראל איז געווען פאַרשפאַרט.

ערשט מיט דער סיני־אַקציע, בעת די 9־טע בריגאַדע האָט אַדורכ־געמאַכט דעם גאַנצן מדבר אָן עסן אָן טרינקען, באַהויכט מיט אַ טיפן גלויבן אין דער יידישער זאַך — ערשט דעמאָלט איז באַפרייט און פריי געוואָרן דער ים־וועג צום יידישן לאַנד — אונדזער סועץ־קאַנאַל.

זינט יענעם מאָמענט בויט זיך די שטאָט אין אַ גאַר שנעלן טעמפּאָ. עס איז פאַרויסגעזען דאָס אויסבויען אַ ים־פּאָרט, אַ לופט־פעלד אויף צו באַ־דינען דעם ישראלדיקן עקספּאָרט און אימפּאָרט, גרויסע האָטעלן און וווין־הייזער.

אויף די בלאָע כוואַליעס פון רויטן ים

נאָך אונדזער צוריקקער פון גרענעץ, איז דער פרימאָרגן־נעפּל שוין געווען צעגאַנגען און מיר האָבן געקאָנט מאַכן אונדזער שפּאַציר איבער די בלויע כוואַליעס פון רויטן ים. אַראָפּ פון אויטאָבוס און אַריין אין אַ ציכ־טיק־ריינער שפּאַציר־שיף. עטלעכע מינוטן בלויז דויערט און אַלע פאַרנעמען באַקוועמע פלעצער. און מיר שווימען. שווימט זיך די קליינע ים־שיף איבער די קרישטאָל־ריינע דורכזיכטיקע וואַסערן און די בלוי־ווייסע פאָן אין דער הייך מאַכט פלאַטערן אונדזערע הערצער. און די אויגן מיינע ווענדן זיך צו מזרח־זייט, צו עבר־הירדן: בערג און מדבר. די זון, וואָס האָט דעם נעפּל אַדורכגעריסן, דעקט אָפּ זייער נאַקעטקייט. אַזוי

אַלט און אָפּגעלעבט זעט אַלץ אויס, אַזוי ווייט, ווייט פון דער הייגטיקער ציוויליזאַציע און טעכניק.

איז שוין בעסער אַ קוק טאָן צו די שיפן — גרויסע און קלענערע — וואָס שטייען דאָ ביי די ברעגן פאַראַנקערט. נייע, ווייסע שיפן מיט פלאַ־טערנדיקע ווייס־בלויע פענער. עס שיינען פון זיי אַראָפּ יידישע אותיות. יידישע מאַטראָסן באַוועגן זיך, אַרבעטן, זינגען.

— כ׳האָב מורא, אַז דאָס זענען קריגס־שיפן — טוט מיר אַ זאָג דער ליטוואַק.

— נו, וואָס דען האָט איר געמיינט? — ענטפערט אים גלייך אָפּ דער מדריך — געמיינט אוודאי, אַז דאָס זענען שפּילצייג פאַר קינדער אין אַ פאַר־גרעסער־גלאָז, הא?

— די אַלע „כלים” אויף די שיפן, וואָס סטאַרטשען אַרויס אַזוי פראַנק און פריי — זאָגט שוין מיט מער איינגעהאַלטנקייט דער מדריך — דאַרפן דערציילן פאַר דער וועלט, אַז ישראל האָט נישט בדעה צוצונעמען ביי די שכנים זייער ערד. אָבער דאָס איז אויך אַן אָנדייט, אַז קיין איין שפּאַן יידישע ערד איז זי נישט גרייט אָפּצוגעבן.

מען זעט אויך נאָך שיפן, פרעמדע. מען דערקענט זיי לויט די פענער, וואָס פלאַטערן אויף זיי. אָבער באַגלייך מיט דער פאָן פון דעם פרעמדן לאַנד פלאַטערט אויך די ישראל־פאָן.

— אין מיין פאָטערס געבוירן־שטעטל איז געווען אַ טייכל. פלעגן יינגלעך זיך גיין אַהין באָדן. אָפּט זענען זיי שקצים באַפאַלן, געשלאָגן זיי און פאַריאָגט. און דאָ, אין אילת? גיט כאָטש אַ קוק, יידן: פריי איז דער ים, פריי איז דער ייד אויפן ים — האָט פאַטעטיש פאַרענדיקט דעם קורצן עפּיזאָד פון זיין פאָטערס געבוירנשטעטל דער בחור פון דרום־אַפריקע.

— זייער שיין, — מאַכט דער ליטוואַק — נאָר בעסער אַצינד שווייגן, שווייגן, ווי די פיש דאָ אין וואַסער.

ער איז גערעכט, דער ליטוואַק. דורכזיכטיק און לויטער איז דאָ דאָס וואַ־

סער, מ׳זעט אַלץ, וואָס אויפן דנאָ טוט זיך. אַ נייע וועלט: קרעלן און ים־שוואָ־מען פון אַלע גרייסן און מאָדנע, קאָמפּליצירטע קאָנסטרוקציעס. שיין זענען זיי, ווי טויזנט וועלטן. די קאָלירן? — העל און זילבער־ווייס, פּערלדיק און העל־אַנדביין־קאָליר.

ווי פאַרכישופטע פּאַלאַצלעך זעען אויס די קרעלן און ים־שוואָמען. און געוויקסן פאַראַן אויפן גרונט פון ים — כל מיני, גאַנצע וועלדלעך, אָפּט גיבן זיך די ווייוועדיקע פישעלעך אַ כאַפּ אַריין אַהין, ווערן אויף מינוטן פאַרלאָרן און באַווייזן זיך ווידער. אַ פייערלעכע, יום־טובדיקע און שלווה־דיקע ים־וועלט.

און דו שטייסט נאָך אַלץ אויפן דעק פון שפּאַציר־שיף און עס דאַכט זיך דיר, ווי דו וואָלסט זיך אין אַ צויבערלאַנד געפונען. פאַרגעסן אין דער מדבר, אין דער שיינער, גרויסער תל־אביב, אין דער משפּחה, וואָס וואַרט אויף דיר דאָרט ערגעץ מעבר־לים...

פאַרגעסן אין אַלע פּראָבלעמען און זאָרגן. דיין וועלט ווערט אידיליש, ווי אידיליש דאָס אַרויסשווימען פון די פישלעך פון זייערע נעסטן אַרויס...

דער פייף, וואָס האָט זיך פּלוצעם צו מיינע אויערן דערטראָגן, האָט מיך דערמאָנט אין אַלץ, וואָס כ׳האָב נאָר וואָס פאַרגעסן... דאָס אַלץ, וואָס איך האָב איצט געזען אויפן ים־סוף איז נישט קיין חלום, נישט קיין אויס־דאַכט פון עפּעס אַ קרענקלעכער פאַנטאַזיע און נישט קיין לעגענדע.

דאָס איז וואָר, שטיקער אמת, ווי אמת עס איז אַלץ, וואָס איך האָב אין ישראל געזען.